STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06021

SHUTFIM FUN GOYRL

Israel Aszendorf

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַר מײַנע
ליב-געהאַלטענע פֿרײַנט
לײזער און אַסיאַ.

אײַער
רחל.

ס. פּאַולאָ, מערץ 7, 1953

ישראל אַשענדאָרף

שותּפים פון גורל

דערציילונגען

ביכער פון יידישן פּען-קלוב
אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דער קולטור-אָפּטיילונג
ביים „דזשאָינט" אין פראַנקרייך
1953 פּאַריז

הילע און צייכענונג פון מחבר — בען

ISRAEL ASZENDORF
LES COMPAGNONS DU DESTIN
NOUVELLES

PRINTED IN FRANCE - IMPRIMERIE ABÉCÉ 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS Xe

Benn

געסט פון שטעטל

די משפחה האָט זיך אַרויסגעצויגן פון קליינעם שטעטל אין דער שטאָט אַריין, קודם כל צוליב דעם, וואָס דאָרט זענען פאַראַנען גוטע דאָקטוירים און אפשר וועט איר געלינגען אויסצוהיילן דעם פאָטער פון דער האַרץ־קראַנקהייט. די דאָקטוירים האָבן אָבער נישט באַוויזן קיין נסים. דער פאָטער, וועלכער פלעגט נאָך אין שטעטל זיך אָפט לייגן און אויפהויבן, האָט זיך לעצטנס אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין און שוין מער פון אים נישט געקענט אַראָפּגיין. די דאָקטוירים און די רפואות האָבן אָפּגעקאָסט אַ סך געלט און אַ חוץ דעם זענען קיין עין הרע פאַראַן אין שטוב פינף אָפענע מיילער, וואָס פאַרלאַנגען דריי מאָל אין טאָג זייער שפּייז.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן די נויט. מען האָט זי געהאַלטן פאַר אַ גאַסט אויף דערווייל, נאָר זי האָט זיך גענומען באַזעצן אויף שטענדיק. די מוטער האָט בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז אַזוי וועט עס שוין טאַקע בלייבן. מען דאַרף נאָר דאָס שטיקל שלעכטע צייט איבערקומען און אַלץ וועט ווידער ווערן גוט ווי ס'איז געווען. דער עיקר איז ביז דערמלט זיך צו האַלטן אויף דער מדרגה.

פאַר די פרעמדע מענטשן פון דער גרויסער שטאָט האָט מען נאָך ווי ס'איז געקענט אויסבאַהאַלטן די נויט. אַ פרעמדער מענטש ווייסט דאָך נישט וואָס ס'טוט זיך אין טעפּל, ער זעט נאָר די מלבושים און מלבושים זענען נאָך אַביסל פאַראַנען פון די גוטע צייטן. ערגער איז אָבער געווען מיט די באַקאַנטע מענטשן, וואָס זענען געקומען פונעם שטעטל צוגאַסט. פאַר די דאָזיקע מענטשן פלעגט די מוטער זיך באַמיען צו ווייזן, אַז ס'האָט זיך פאַר דער צייט אין דער שטוב גאָרנישט געביטן. זי פלעגט זיי שיין אויפנעמען. זי האָט געוווסט, אַז אַזאַ ייד, צי יידענע, זענען ווי מרגלים, וואָס זיי וועלן אַלץ, וואָס זיי זעען דאָ — שפּעטער דערציילן אין שטעטל. מען דאַרף דעריבער זיין זייער פאָרזיכטיק, זיי זאָלן זיך חלילה נישט דערוויסן פון איר אָרעמקייט. בעת אַזאַ גאַסט איז געקומען, האָט די מוטער יעדעס מאָל אָפּגעזוכט עפּעס אַ מלבוש, צי אַ חפץ און שטיל, הינטערן שאַל, זיי געטראָגן אויפן מאַרק צו פאַרקויפן. מען טאָר זיך נישט אָפּלאָזן, האָט די מוטער גע־

זאָגט, מען גיט זיך איינמאָל אונטער דעם דלות, איז מען שוין פאַרלוירן אויף אייביק.

צוליב די געסט פון שטעטל פלעגט אָפט אויסקומען דער משפחה צו ליידן פונעם סטרוזש. אין אָסיען פלעגן די קליינשטעטלדיקע נישט אָפּווישן די בלאָטע פון זייערע שיך ביים אַרויפגאַנג אויף די טרעפּן. אין ווינטער פלעגן זיי אונטן נישט אָפּקלאַפּן דעם שניי פון זייערע שטיוול. אויסער דעם, בעת זיי זענען אַמאָל געקומען שפּעט נאָכן פאַרשליסן דעם טויער פון הויז, פלעגן זיי דעם סטרוזש געבן אַ צו קליינע מטבע. דער סטרוזש פלעגט זיך נישט פוילן, אַרויפקומען אין שטוב אַריין מיט טענות און תרעומות. בכלל האָט דער סטרוזש געהאַלטן, אַז די שטוב האָט מען געמאַכט פאַר אַן אַכסניה, אַז די געסט צאָלן דאָ פאַר זייער וווינען. פאַר־וואָס זאָל ער טאַקע נישט עפּעס האָבן דערפון ? ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, מען האָט אים געמוזט „אָפּחורשן“.

אויב אַ גאַסט פלעגט אַמאָל בייזיין ביי אַזאַ סצענע, פלעגט ער זיך פאַרענטפערן פאַר דער מוטער :

— מיינט נישט, אַז דאָס וואָס איך בין נישט פאַרפאָרן אין אַ האָטעל אַריין, איז עס צוליב קאַרגשאַפט. ס'גייט נישט אין די פאַר זלאָטעס. ס'גייט אין דעם, וואָס דאָ ביי אייך פיל איך זיך נישט ווי אין דער פרעמד, נאָר ווי אין דער אייגענער היים.

און די געסט פלעגן ווייטער קומען, קומען און אַן אויפהער. אַמאָל האָט די משפחה געוווינט אין שטעטל, איצט האָט דאָס שטעטל געוווינט ביי דער משפחה. זיי זענען דאָ־אַרום דורכגעגאַנגען די יידן און די יידענעס פונעם שטעטל, ווי זיי וואָלטן געזאָגט : זעט אונדז ווידער אַמאָל, איינציקווייז, יעדן אייזעם מיט זיינע עסקים, חולאתן און דאגות, און פאַרגעדענקט אונדז.

איינמאָל איז געקומען אין שטוב אַריין לאה־גיטל, מענדל דעם באַלע־גאָלעס אלמנה. זי איז געווען קראַנק און געקומען צו אַ דאָקטער. אין שטעטל האָט מען איר צונויפגעמאַכט אַ ביסל געלט אויף די באַן־הוצאות און אויפן דאָקטער, אָבער וואָס שייך אַנדערע זאַכן, ווי עסן, שלאָפן א.אַז.וו. האָט קהל זיך פאַרלאָזט אויף דער משפחה. רב משה־לייב האָט זיך טאַקע אַרויס־געצויגן פון שטעטל, אָבער דערמיט איז ער נאָך נישט באַפרייט געוואָרן פון אַלע קהלישע לאַסטן. ער האָט דערצו אויך זיין טאַטן, זיין מאַמען אין שטעטל אויפן בית עולם.

לאה־גיטל פלעגט בכלל נישט דערמאָנען וועגן איר קראַנקהייט, צוליב וועלכער זי איז אַהער געקומען. דערפאַר פלעגט זי כסדר דערציילן וועגן איר מאַן, מענדל דער באַלעגאָלע, איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, ווי זי וואָלט געווען צו וויניק וויכטיק, אַז זי זאָל רעדן וועגן זיך אַליין און

אירע ווייטיקן. און אפשר האָט זי גאָר געוואָלט דורך דעם דערציילן וועגן מאַן אַרויסרעדן איר אייגענעם ווייטיק?

אין איינעם אַן אָוונט, נאָך דער וועטשערע, ווען די שטוב־מענטשן זענען שוין געלעגן אויף די בעטן און דער לאָמפּ איז געווען פֿאַרלאָשן, האָט לאה־גיטל דערציילט:

...ס'איז געווען נאָך סוכות. אין אַ מיטוואָך, דאַכט זיך. מענדל איז געפֿאָרן צו דער באַן נאָך פּאַרשויגען. איך האָב צוגעשטעלט אַ קאַרטאָפֿל־זופּ. אין דרויסן איז קאַלט, ס'גייט אַ רעגן און מענדל, ווען ער קומט פֿונעם וועג, האָט ליב אַביסל וואַרעמס. די זופּ הייבט אָן צו זידן, איך מאַך אַביסל שוואַכער דאָס פֿייער — אַן עבירה האָלץ. ס'זידט און ס'זידט. איך פּאַרזוך אַ קאַרטאָפֿל, זי איז נאָך אַביסל האַרט. איך פּאַרזוך נאָך איינע — די איז שוין דווקא ווייך. יאָ, פּאַרשידענע קאַרטאָפֿל זענען דאָ, אַזוי ווי מענטשן, זיי קאָכן זיך אין דעמזעלבן טעפּל, נאָר איינער איז האַרט און דער צווייטער איז ווייך. ברוך השם — די האַרטע זענען שוין אויך ווייך געוואָרן. די זופּ איז שוין פֿאַרטיק. ווו איז אָבער מענדל? — מענדל איז נישטאָ. איך עפֿן אויף דאָס פֿענצטער, צי מען הערט נישט פֿאָרן — דער רעגן גיסט און מער הערט מען גאָרנישט. אין קיך גייט שוין אָפּ דאָס פֿייער, איך לייג צו אַ שטיקל האָלץ. די קאַרטאָפֿל צעקאָכן זיך אינגאַנצן, ס'ווערט פֿון זיי איין געדעכטעניש, אַ קאַשע — מענדל איז נאָך אַלץ נישטאָ. אַזוי, דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. איך מוז אַ לויף־טון צו מאיר באַלעגאָלע און זען צי איז ער אויך נאָך נישט געקומען. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז שוין דאָ באַלד אַ האַלבע שעה. האָט איר אפשר נישט געזען מיין מענדלען, פֿרעג איך אים. געזען, געזען — ענטפֿערט ער מיר און זופּט זיך ווייטער בנעימות די זופּ. ווען? פֿרעג איך אים. אויפֿן וועג, ענטפֿערט ער מיר, אַ ראָד האָט זיך אים צעבראָכן. איך גיב אַ פּלעסק מיט די הענט: ווייַ איז מיר, אָך איז מיר, אַזאַ אומגליק! מאיר ווערט בייז: וואָס איז די קלאָגעריי, יידענע? אויף דער וועלט טרעפֿן זיך גרעסערע אומגליקן. איר האָט געהערט טענות פֿון אַ יידן? וואָס וועל איך דאָ לעבן אים שטיין און ווייטער פֿרעגן — איך לאָז זיך אַהיים. איך קום אַהיים — מענדל איז שוין דאָ. אַן אומגליק איז געשען, אַ ראָד האָט זיך דיר צעבראָכן, זאָג איך. מענדל זיצט אויפֿן בעט, אין פּעלץ, און שווייגט. מענדל, זאָג איך מיט שרעק, וואָס איז דיר? עפּעס האָסטו זיך אינגאַנצן געביטן. מענדל עפֿנט דאָס מויל און גיט אַ קרעכץ. וואָס קרעכצסטו, מענדל? — פֿרעג איך און פֿיל, אַז דאָס האַרץ מיינס פֿאַלט מיר אַרויס. ס'שטעכט מיך אין דער זייט, זאָגט ער. געם אַביסל זופּ, דו וועסט זיך דערוואַרעמען און ס'וועט דיר בעסער ווערן, זאָג איך. גיין, מאַכט מענדל, איך וויל נישט עסן, איך וועל זיך בעסער לייגן. זע איך דאָך שוין

ווי איך האַלט מיט אים, נעם איך אים אויסטון דעם פּעלץ, העלף אים אַראָפּ־ציִען די שטיוול פון די פיס...

דער צוועלף־יעריקער דודל, וואָס ליגט אין צווייטן צימער אין איין בעט מיט דעם פינף־יעריקן בערעלע, הערט זיך צו ווי די יידענע דערציילט, נאָר אָט קלעפּן זיך אים צו די אויגן און ער שלאָפט אויך איין, ווי זיין יינגער ברודערל. אין חלום — זעט ער זיך אויף אַ וואָגן, וואָס פאָרט אינגאַנצן אָן רעדער. די פערד שלעפּן מוראַדיק שנעל, אַזוי אַז דער וואָגן פאָרט נישט, נאָר ער שוועבט ממש אין דער לופטן. ער האַלט זיך צו מיטביידע הענט אין וואָגן, אַז ער זאָל פון אים נישט אַרויספאַלן. אים פאַרפעלט אָטעם — ער נעמט שרייען, נאָר ס'גייט נישט אַרויס קיין קול פונעם האַלדז. ענדלעך וועקט ער זיך אויף און הערט, ווי די יידענע דערציילט נאָך אַלץ:

...גיי איך און רוף דעם רופא מייערהאָפער ער זאָל אים שטעלן באַנ־קעס...

די גאַנצע צוויי טעג, וואָס די יידענע האָט זיך געפונען אין שטוב, האָט זי אַזוי געהאַלטן אין איין דערציילן פאַמעלער, פּרטימדיק, וויאַזוי איר מאַן האָט זיך פאַרקילט, איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. אויפן דריטן טאָג איז די יידענע געגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין, כדי מען זאָל איר מאַכן אַן אָפּעראַציע. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער אָפּעראַציע איז זי געשטאָרבן. אין שטוב האָט מען געשמועסט, אַז די דאָקטוירים האָבן געוווסט, אַז די אָפּעראַציע וועט גאָרנישט העלפן צו דער ראַק־קראַנקהייט. פאַרוואָס האָט מען זי פונדעסטוועגן געשניטן ? — די יידענע איז אַן אָרעמע, אַן עלנטע, קען מען זיך אויף איר אַביסל לערנען די מלאכה.

מיט די קראַנקע, וואָס פלעגן קומען פונעם שטעטל, פלעגט גיין צום דאָקטאָר רבקה, דאָס עלצטע קינד אין דער משפּחה, אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק. זי פלעגט שוין וויסן אַלע אַדרעסן פון די דאָקטוי־רים, צו וואָסער מחלה יעדער איז אַ מומחה, וויפל ער נעמט געלט און זיינע משונעתן. טיילמאָל, האָט מען געמוזט פריער זיך פאַרשרייבן אויף אַ וויזיט. די יידענעס פלעגן נישט גיין צו דאָקטוירים, נאָר צו פּראָפעסאָרן. אַ דאָקטאָר, האָבן זיי געזאָגט, האָבן מיר אויך אין שטעטל, דער עיקר האָט מען ליב געהאַט גיין צו די פּראָפעסאָרן, וואָס וואַרפן מיט די קראַנקע, וואָס רעדן צו זיי בייז און זידלען זיי אַפילו. דאָס איז אַ סימן, אַז זיי פאַרשטייען זיך. מיט דער צייט האָט זיך רבקה שוין אַליין אַביסל פאַרשטאַנען אויף די קראַנקהייטן. די ווייבער פלעגן עפענען מויל און אויערן, ווען זי פלעגן הערן, ווי זי רעדט וועגן דער קראַנקהייט, צו יענער.

אָבער נישט נאָר אויף קראַנקהייטן איז רבקה געווען אַ מבינטע, זי איז אויך געוואָרן אַ מבינטע אויף קליידער, ווייל ס'פלעגן אָפט קומען פרויען פון שטעטל צו אַ שניידער. מערסטנטייל זענען דאָס געווען כלות, וואָס זע־

גען געקומען אַהער זיך נייען די חתונה־קליידער. מען האָט אין שטעטל גאָר אַנדערש געקוקט אויף דער כלה, ווען די קליידער זענען גענייט געוואָרן ביי אַ לעמבערגער שניידער.

איינמאָל איז געקומען פון שטעטל אין שטוב אַריין קלאַרע, דאָס מיידל פון פּנחסן, דעם באַלעבאָס פון דער מיל. קלאַרע האָט אַמאָל געלערנט אין דערזעלבער שול, וואָס רבקה, נאָר אין אַ נידעריקערער קלאַס. זי האָט גע־האַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ און דערצו זיך קיינמאָל נישט געוואָלט לערנען, נאָר אַרומגעשלעפּט זיך מיט יינגלעך. זי איז געווען אַ כלה פאַר איינעם אַ סטודענט, וואָס האָט געלערנט אין לעמבערג אויף אַדוואָקאַט. זי האָט גע־דאַרפט מיט אים בקרוב חתונה האָבן און איז איצט געקומען זיך דאָ מאַכן די חתונה־קליידער.

דורך די טעג פלעגט רבקה מיט איר אַרומגיין איבער דער שטאָט פון איין שניידער צום אַנדערן. אין אָוונט, פלעגט צו קלאַרען קומען איר חתן און זי נעמען אויף אַ שפּאַציר. שפּעט ביינאַכט פלעגט קלאַרע קומען אַ צעפלאַמטע, זיך לייגן צו רבקהן אין בעט אַריין און איר אויסדערציילן ווו זי איז עם אַלץ געווען, אין וואָסער קאַפּייהויז, ווו זי האָט געטאַנצט, וואָסע־רע מאכלים זי האָט געגעסן, ווי זי האָט אויסגענומען ביי דעם חתנס קאָלעגן א. אַז. וו. זי איז באַלד דערנאָך אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער רבקה פלעגט נאָך לאַנג ליגן אַ וואַכע, אַ צעווייטיקטע.

איינמאָל, אין אָוונט, ווען קלאַרע איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען מיטן חתן, האָט רבקה אַרויסגענומען קלאַרעס חופּה־קלייד פון דער שאַפע און זיך עס אָנגעטון. זי האָט זיך געשטעלט פאַר דעם שפּיגל צו זען ווי ס׳ליגט אויף איר. די מוטער איז פּונקט אַריינגעקומען פון דער קיך, דערזען איר טאָכטער אין קלייד און האָט אויסגערופן:

— אוי, ווי ס׳פּאַסט דיר!

מיטאַמאָל האָט רבקה אַרויסגעזעצט מיט אַ געוויין.

די מוטער האָט זי אַרומגענומען, אויסגעקושט אירע טרערן און גע־שעפּטשעט:

— קינד מיינס, האָסט געבעך נישט קיין מזל...

ס׳פלעגט אָפט זיך אַריינשאַרן אין שטוב אַריין אַ שדכן. ער האָט טאַקע געשטאַמט פון דעם זעלבן שטעטל, ווי די משפחה. ער פלעגט נישט אַריינ־גיין אין שטוב אַריין צו משה־לייבן, נאָר געזעסן אין קיך ביי דער מוטער און מיט איר גערעדט אין דער שטיל, ווי ער וואָלט איר דערציילט סודות. רבקה האָט זיך דעמלט אַרומגעדרייט אין שטוב און פאַר זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט. זי האָט געוווסט, אַז דער ייד איז אַ שדכן. יעדעס מאָל, ווען דער שדכן איז געקומען, האָט אים די מוטער מיט עפּעס מכבד געווען. דאָס איז פאַר אים אָבער נאָך געווען צו ווייניק און ער האָט געשושקעט:

— איך דאַרף מיך מיט אים טרעפן אין קאַפּיי־הויז. איר וועט זיין אַזוי גוט און מיר געבן דערווייל עטלעכע זלאָטעס...

נאָר אַלע מאָל, ווען דער שדכן האָט דערמאָנט, אַז יענער וויל גדן, האָט זיך עס אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. משה־לייב פלעגט פון בעט אַראָפּ רעדן צום ווייב מיט כעס:

— לאָז אים נישט אַריבער מער איבער דער שוועל! ער קומט נאָר יעדעס מאָל אַהער, כדי פון דיר עפּעס אויסצונאַרן!

די מוטער האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב דען אַן אַנדערע ברירה? איך קען מיך טאַקע איבערגע־מען מיט איר — דער גרויסער נדן אירער! אפשר וועט זיך פאָרט עפּעס מאַכן.

איינמאָל איז געקומען פון שטעטל אין שטוב אַריין עפּעס אַ ווייטע קרובה. דאָס איז געווען אַ פרוי פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. זי האָט ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט מיט אַ יידן פון אַרום די זעכציק. זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט אים (צוליב דעם מאַרטאַק, וואָס ער האָט פאַרמאָגט) האָט זי אָנגעהויבן פאָרן צו דאָקטוירים. ווען זי איז געקומען אין שטוב אַריין, האָבן אַלע געמוזט וויסן, אַז זי איז קראַנק. נייַן, וויסן איז נאָך געווען ווייניק, אַלע האָבן געמוזט דערפון רעדן, זיך זאָרגן און זי טרייסטן. זי איז אייפערזיכטיק געווען אויף משה־לייבן, וואָס ער ליגט דאָ אין שטוב קראַנק און שטערט, אַז מען זאָל זיך נאָר מיט איר פאַרנעמען. ער פלעגט זיך פילן שולדיק לגבי איר.

אויף וואָס זי איז קראַנק האָט קיינער נישט געוווסט אין שטוב. מען האָט נאָר געוווסט, אַז נאָך יעדער רייזע צו אַ דאָקטאָר פאָרט זי אין אַ קור־אָרט און דערצו יעדעס מאָל — אין אַן אַנדערן. זי איז געגאַנגען מיט רבקהן צו אַ פּראָפעסאָר, אַן עלטערן מענטש, אַ נערווען. ער האָט זי באַטראַכט, באַקלאַפּט, און פאַרחידושט געפרעגט:

— וואָס איז אייך? וואָס פעלט אייך?

— אָט דאָ... דאָ... האָט די פרוי געוויזן מיט דער האַנט אויפן טאָל צווישן אירע ברוסטן.

— איך זע דאָרט גאָרנישט — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — און אויף קיין אַנדער אָרט טוט אייך נישט וויי?

— אָט דאָ... דאָ...

די פרוי איז אַוועק פון פּראָפעסאָר אַן אַנטוישטע.

— אויך מיר אַ פּראָפעסאָר! — האָט זי אויפן וועג געזאָגט מיט פאַר־דראָס צו רבקהן — אַזוי נעמט מען אויף פּאַציענטן?

ווען זי איז געקומען אין שטוב אַריין, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט קלאָגן:

— ס'איז שלעכט מיט מיר, רייזל, ס'איז ביטער...

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט מיט שרעק:

— וואָס איז? וואָס האָט דער דאָקטאָר געזאָגט?

— הלוואי וואָלט ער געווען געזאָגט. אַז אַ מענטש ווייסט שוין, וואָס אים פעלט, איז נאָך האַלבע צרות. ער ווייסט כאָטש דעמלט פון וואָס זיך אויסצוהיטן. ביי מיר קען מען די קראַנקהייט נישט געפינען. אוי, איך האָב מורא, אַז דאָס איז חלילה...

— וואָס? וואָס? — האָט די מוטער געפרעגט דערשראָקן.

— אַ ראַק! — האָט די פרוי אַרויסגעזעצט מיט אַ געקלאָג.

— פאַרוואָס עפּעס דווקא אַ ראַק? — האָט די מוטער געפרעגט.

— ווייל דער פּראָפעסאָר קען נישט געפינען די קראַנקהייט.

— אָבער וואָס רעדט איר? — האָט רבקה מעשה־מבינטע געזאָגט — אָט האָט געהאַט אַ ראַק לאה־גיטל, די אַלמנה פון מענדל באַלעגאָלע — די פרוי האָט איר נישט געלאָזט פאַרענדיקן:

— וואָס פאַרגלייכסטו מיך צו לאה גיטלען! אַפילו אַ ראַק איז אויך נישט ביי יעדן מענטשן גלייך. ס'ווענדט זיך...

.2

באַלד נאָך פורים איז געקומען אַ נייער גאַסט פונעם שטעטל. דאָס איז געווען אַ ייד מיטן נאָמען אשר בעזנער (פון די זעלטענע, וואָס מען האָט גערופן אין שטעטל אויך אויפן פאַמיליע־נאָמען). דער ייד האָט נישט געטראָגן קיין באָרד, אָבער ער האָט זיך אויך נישט ראַזירט, נאָר מיט אַ מאַשינדל געשוירן צום פּנים. ער איז נישט געגאַנגען ווי אַ סך שטעטלדיקע יידן אין דער צייט אין שטיוול, נאָר אין שטיוועלעטן פון לעדער מיט לייוונט. אין שטעטל האָט ער געהאַט אַ קראָם פון צימרינג, פעפער, געווירץ, וואַניליע, פייגן, טייטלען — סאַמע נישט טאָג־טעגלעכע זאַכן. די ווייבער פלעגן ביי אים אַפילו קויפן קרייטעכצער צו פאַרשידענע קראַנקהייטן און זיי פלעגן פאַרזיכערן, אַז זיי זענען בעסערע רפואות ווי פון דער אַפּטייק. ער איז זייט אַ יאָר געווען אַן אַלמן, דאָס ווייב איז אים געשטאָרבן אין דער קימפּעט.

משה לייב האָט זיך מיט אים דערפרייט. דער רוב קומען פון שטעטל ווייבער, ענדלעך איז געקומען אַ מאַנסביל מיט וועמען מען קען כאַפּן אַ שמועס. אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז דער גאַסט זעט נישט אויס צו זיין קראַנק, האָט ער אָנגענומען, אַז ער איז געקומען אַהער, כדי עפּעס איינצוקויפן פאַר דער קראָם. אשר האָט אים אָבער באַלד אַרויסגעפירט פונעם טעות:

— צוליב מיינע שמעקעכצן און לעקעכצן לוינט זיך נישט צו קומען

אזש קיין לעמבערג. איך בין געקומען אַהער, כדי זיך צו לאָזן מאַכן אַן אָפּעראַציע.

— אַ־זוי, אַן אָפּעראַציע! — האָט משה לייב אויסגערופן מיט באַ־דויער און מיטגעפיל — איז עס טאַקע עפּעס אַן ערנסטע זאַך?

— אַ יידישער מיחוש...

דער ייד האָט אין משה לייבס אויגן גלייך פאַרלוירן די גאַנצע חשיבות.

דער ייד האָט געגעבטיקט אין שטוב און אויפן אַנדערן טאָג אַוועק אין שפּיטאָל אַריין. מען האָט אים דאָרט געמאַכט אַן אָפּעראַציע. מען האָט אים אָבער דאָרט נישט געוואָלט לאַנג האַלטן, ס'איז נישטאָ קיין סך פּלאַץ, קראַנקע וואַרטן אויף אַ בעטל, און מען האָט אים אויסגעשריבן. אַזויווי ער האָט זיך נאָך שוואַך געפילט און זיך נישט געוואָלט לאָזן אין אַזאַ מצב אין וועג אַריין, האָט ער זיך דערוויילי אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין.

ער פלעגט זיצן אַ גאַנצן טאָג און שפּילן אין שאַך מיט משה לייבן. אַמאָל, אין שטעטל, האָט משה לייב געשעמט פאַר אַ גוטן שאַך־שפּילער, נאָר איצט, נאָך דעם, ווי ער איז געלעגן שוין דאָס צווייטע יאָר קראַנק אין בעט, איז דער מוח ביי אים אָפּגעשוואַכט געוואָרן און ער האָט געהאַלטן אין פאַרשפּילן איין פאַרטיע נאָך דער אַנדערער. אַ שוויים איז אים אַרויס אויפן שטערן. ער האָט געפּרווט אַמאָל צוריקכאַפּן אַ פיגור, וואָס ער האָט שלעכט געשטעלט, נאָר אשר איז געווען אָן רחמנות, אַ גזלן. ער האָט גלייך די פיגור צוריקגעשטעלט:

— געגאַנגען, איז געגאַנגען. פאַר־פאַלן!

איינמאָל, בעתן שפּילן אַזוי אין שאַך, האָט משה לייב געפרעגט דעם יידן, צי ער האָט אויף דעם מיחוש לאַנג געליטן.

— אפשר פינף יאָר. — האָט אשר געענטפערט.

— און פאַרוואָס האָט איר אַזוי לאַנג געוואַרט?

— איך ווייס, געמיינט אַליין, אַז ס'וועט פאַריבערגיין. היינט בין איך דאָך אויך עפּעס אַ שטיקל דאָקטאָר. נאָר איצט האָב איך שוין געמוזט.

— אַזוי האָט עס אייך דערקוטשעט? — האָט משה לייב געפרעגט.

— אַ מענטשן ווערט דאָך סוף כל סוף נמאס. צווייטנס, ווילאַנג וועל איך אַזוי זיצן אָן אַ ווייב? איידער איך גיי טון אַ שידוך, וויל איך מיך אַביסל אין אָרדענונג ברענגען.

אין משה לייבס האַרץ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן אַ כעס קעגן דעם יידן. דער ייד גרייט זיך, הייסט עס, ערשט חתונה האָבן. מיט וויפל יאָר איז ער דען עלטער פון אשרן? — מיט אַ יאָר אַכט, אָדער צען, נישט מער. ע ר ליגט דאָ שוין דאָס צווייטע יאָר אין בעט קראַנק אויפן האַרץ, קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, דער גאַנצער גוף אין שוויים, און י ע נ ע ר גרייט זיך ערשט אָנצוהייבן דאָס לעבן פונסניי.

צווישן משה לייבן און אשרן זענען די באַציאונגען פון רגע אויף רגע קאַליע געוואָרן. אשר האָט עס דערפילט און זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו זיצן אין צימער ווו משה לייב איז געלעגן און וואָס זעלטענער מיט אים צו רעדן. ער האָט געעפנט זיין רענצל און פון דאָרט אַרויסגענומען עטלעכע בייטלעך מיט ראָזשינקעס, פייגן, טייטלען — אַלץ אַזעלכע פרוכטן פון וועלכע אַ קינד חלומט שטענדיק — און זיי געגעבן דודלען און בערעלען. די קינדער האָבן גענומען אַרום אים קלעפּן.

איינמאָל, ווען אשר איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, האָט משה לייב אַ געשריי געטון אויף אַ קינד, וואָס איז געשטאַנען און געקייט ראָזשינקעס:

— דו זאָלסט מער גאָרנישט נעמען ביי דעם יידן, דו הערסט! איך וועל דיך שלאָגן!

הגם משה לייב איז שוין לאַנג נישט געווען ביכולת נישט נאָר אַ קינד צו שלאָגן, נאָר אַפילו אַראָפּצוגיין פון בעט, האָט זיך פונדעסטוועגן דאָס קינד פאַר אים דערשראָקן און זיך צעוויינט. די מוטער איז דעם קינד געקומען צוהילף און געזאָגט דעם מאַן:

— וואָס ווילסטו האָבן פון קינד?

— איך דאַרף נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן בעטלען ביי יענעם.

די מוטער האָט געענטפערט מיט פאָרוואורף:

— משה לייב, דו ווייסט וואָס דו רעדסט?! זיי בעטלען חלילה נישט, אשר גיט זיי אַליין.

די דראָאונגען פון פאָטער האָבן די קינדער וויניק געשראָקן, זיי האָבן ווידער גענומען ביי אשרן די זיסקייטן, וואָס ער האָט געטיילט. משה לייב האָט פשוט אָנגעהויבן צו פילן, אַז די קינדער ווייכן אים אויס. ווידער האָט ער געזען, אַז דער ייד זיצט דעם גאַנצן טאָג אין קיך און רעדט מיט דער מאַמען.

— ער האָט זי שוין אויך אונטערגעקויפט — האָט משה לייב געקלערט מיט פאַרביטערונג.

דערפאַר איז ער צופרידן געווען פון רבקהן. ער האָט נישט באַמערקט, אַז דער ייד זאָל האָבן אויף איר עפּעס אַ השפּעה, און ער האָט אין איר געזען דעם איינציקן טרייען מענטשן אין דער שטוב, וואָס האָט אים נישט פאַרראַטן.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער פּסח. די זון האָט אַ וואַרעם געטון און ס'האָט אָנגעהויבן צו קאַפּען פון אַלע דעכער. דער שניי פון די הויפן איז זיך צעגאַנגען און באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אָנצופילן מיט לעבן. אַ גאַנצן ווינטער האָט מען אַריינגעכאַפּט דאָס לעבן אין די שטיבער אַריין, נאָר איצט נעמט עס אַרויסשטראָמען אין הויף און אין גאַס. פון וואַנען נעמען זיך דאָרט אַזויפיל ווענעלעך מיט קינדער? ווען זענען זיי געבוירן

געוואָרן? די קינדער, וואָס מען האָט ערשט געזען אין די ווינדעלעך, גייען שוין אַליין און פּלאַפּלען. דאָס מיידעלע, וואָס מען האָט פאַראַיאָרן געזען מיט אַ שלייפל אין די האָר, מיט קורצע זעקעלעך — זי קומט פּלוצעם אַרויס פון שטוב אין אַ נייער פריזור, אין לאַנגע זיידענע זאָקן, די ליפּן אַביסל צוגעשמירט. יאָ, הינטער די פאַרמאַכטע טירן און פענצטער איז געגאַנגען ווייטער דאָס לעבן און די יונגע גופים האָבן הינטער די פּעלצן און מאַנטלען געטון זיך זייערס — געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט.

ס'איז אָבער דערפאַר די צייט אַ שווערע פאַר קראַנקע. ס'איז די צייט פון קריזיס. פון פּורים ביז פּסח זעט מען אָפט לוויות. משה לייב האָט זיך שוין געוואָלט זען עלטער מיט עטלעכע וואָכן. דער איצטיקער חודש האָט ביי אים אויסגעזען, ווי אַ באַרג פאַר אַ באַלעגאָלע. מען דאַרף אים נאָר איבערקומען און דערנאָך הייבט זיך אָן אַ גלייכער און אַ גלאַטער וועג. ער האָט זיך אָנגעהויבן מישן ביי די הכנות צום פּסח, ווי ער וואָלט זיך געמאַכט נישט זעענדיק דעם טויט, וואָס שטייט אויף דער שוועל, זיך נישט גערעכנט מיט אים, וועלנדיק אים שטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט. יעדעס מאָל פלעגט ער צורופן דאָס ווייב, איינמאָל זי פרעגן, וואָס ס'הערט זיך מיט מצות, אַ צווייט מאָל, וויפל שאָק אייער זי האָט בדעה צו קויפן, אַ דריט מאָל, וואָס ס'הערט זיך מיטן באָרשטש, וואָס זי האָט איינגעזייערט. דאָס האָט געדאַרפט באַדייטן, אַז ער איז אַ נוגע בדבר אין יום־טוב, אַז ער דאַרף צו־געגרייט ווערן אויך פאַר אים. נאָך מער: ער וועט אין אים נישט זיין בלויז סתם אַן אָנטיילנעמער, נאָר ער גרייט זיך טאַקע צו זיין אַ מ ל ך.

רייזל פלעגט שטיין לעבן בעט, אים געדולדיק אויסהערן, נאָר שפּעטער, ווען זי פלעגט צוריקגיין אין קיך אַריין, האָבן זיך אירע אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן. זי האָט זיי געהאַלטן אין איין ווישן מיטן פאַרטעך און גע־שעפּטשעט:

— רבונו של עולם, האָב רחמנות...

האַרט פאַר פּסח, בעת רייזל איז געשטאַנען אין קיך און געקאָכט דעם מיטאָג, האָט פּלוצעם אשר זיך צו איר געווענדט:

— זייט מיר מוחל, רייזל, איך האָב צו אייך אַ בקשה.

— אַ בקשה? לאָמיך הערן.

— איך וויל ביי אייך בלייבן אויפן סדר.

אויף דעם האָט זי זיך נישט געריכט. זי האָט אים אָנגעקוקט אַ צע־מישטע און געשוויגן. אשר האָט עס באַמערקט און צוגעגעבן:

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל אייך געבן צושטייער.

רייזל האָט נאָך אַלץ געשוויגן. אשר איז צו איר צוגעגאַנגען נענטער, זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיך באַמיט, אַז זיין קול זאָל קלינגען וואָס וואַרעמער און פאַרטרויליכער:

— הערט אויס, רייזל, פֿאַר מיר דאַרפֿט איר גאָרנישט פֿאַרבאָרגן — איך בין פֿאַר דער צייט געוואָרן אַן אייגענער מענטש. איך ווייס, ווי שווער ס'האַלט ביי אייך מיט דער פּרנסה. איך האָב פֿאַר דער צייט, וואָס איך בין דאָ, אַ סך געקלערט וועגן אייך און נישט איינמאָל געזוכט אַן עצה.

רייזל איז אַרויס מיט אַ געוויין.

— איך ווייס, ווי שווער קראַנק איז אייער מאַן, צוויי קליינע קינדער, און אַחוץ דעם — אַ דערוואַקסענע טאָכטער... האָט אשר ווייטער געצויגן.

רייזל האָט געכליפּעט:

— אוי, אשר, וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? וואָלט איך כאָטש געווען אין שטעטל. דאָ — ווער קען מיך, ווער ווייסט מיך.

— נו, יאָ, איר זענט גערעכט... נעמט, למשל, אייער מיידל, רבקהן. אין שטעטל ווייסט מען פֿון וואָסער היים זי קומט, אָבער דאָ, ווער רעכנט זיך מיט דעם. דאָ — גאָר גדן...

רייזל האָט זיך אָנגעכאַפּט אין זיינע לעצטע ווערטער און זי האָט גע־זאָגט:

— איר פֿאָרט דאָך נאָך יום־טוב צוריק אין שטעטל אַריין, אפשר וועט איר דאָרט עמעצן פֿאַר איר געפֿינען.

אשר האָט פּלוצעם געזאָגט גלייך און שאַרף:

— און פֿאַרוואָס פֿאַלט אייך גאָרנישט איין, אַז איך אַליין קען זיין אַ בעלן?...

רייזלען האָבן זיך מיטאַמאָל אַלע זאַכן אין שטוב אַ דריי געטון פֿאַר די אויגן. זי האָט תמיד געחלומט צו טון מיט רבקהן עפּעס אַ געהויבענעם שידוך, צו באַקומען פֿאַר איר עפּעס אַזוינס און אַזאַ. זי האָט דעם חלום געכאָוועט פֿון איר טאָכטערס קינדהייט אָן. און איצט זאָל ער, דער דאָזי־קער ייד, זיין דער אויסגעחלומטער באַשערטער? — ס'איז שווער, שווער מסכים צו זיין דערמיט.

אשר האָט דערקענט אין רייזלס פּנים, אַז זי האָט די פֿראַגע נישט אויפֿגענומען אַזוי לייכט. ער איז דערפֿאַר אַריבער פֿון דער פֿראַגע, וואָס איז געקומען ווי אַן אָנגריף, צו פֿאַרטיידיקן זיך אַליין:

— ס'דאַרף פֿאַר אייך נישט זיין אַזאַ איבעררעאַשונג. איך בין נאָך נישט אַזוי אַלט — ערשט איבער די פֿערציק. איך האָב אַ קראָם און אַ שטוב, זי קומט אַריין אין אַ פֿאַרטיקער באַלעבאַטישקייט און אויב זי וועט נישט וועלן צוריקקומען אין שטעטל אַריין, וועל איך זיך באַמיען דאָ צו עפּעס זיך צוצושלאָגן. איך וועל אייך און די קינדער אפשר אויך קענען מיט עפּעס העלפֿן.

צוביסלעך זענען אשרס ווערטער אַריין רייזלען אין קאָפּ אַריין. פֿאַר־וואָס האָט זי זיך אייגנטלעך פֿריער אַזוי דערשראָקן? מאַלע וואָס אַ מאַמע

הלומט צו באַקומען פאַר איר טאָכטער. ס'איז אפשר גאָרנישט אַזאַ קרומע זאַך. זי האָט געענטפערט אשרן:

— ס'איז דאָך נישט נאָר אין מיר געווענדט, זי האָט דאָך נאָך אַ טאַטן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און אַחוץ דעם, זענען די היינטיקע מיידלער דאָך נישט פון די אַמאָליקע צייטן, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן זיי משדך געווען אָן זייער וויסן.

— אוודאי, אוודאי — האָט אשר מסכים געווען און איז דערוויל גע־ווען צופרידן, וואָס מיט איר איז ער שוין אויף אַ גאַנג. ער האָט אָבער געקלערט, אַז פּרוון איצט אויך מיט די אַנדערע איז נאָך צו פרי, מען טאָר נישט איינשטעלן אַזאַ וויכטיקע זאַך און ער האָט געזאָגט:

— איר דאַרפט דערוויל נישט פרעגן ביים מאַן, און א י ר זאָגט אויך דערוויל גאָרנישט. לאָמיר קודם אַריבער דעם פּסח.

פונדעסטוועגן האָט רייזל באַשלאָסן יאָ זיך צו באַראַטן וועגן דעם מיטן מאַן. זי איז אָבער נישט גלייך אַרויס דערמיט, נאָר אָנגעהויבן מיט עפּעס אַנדערש:

— דו ווייסט, משה לייב — האָט זי אים געזאָגט אויף צומאָרגנס נאָכן שמועס מיט אשרן — מיר וועלן האָבן צום סדר אַן אורח.

— אַן אורח? ווער איז דער אורח?

— טאַקע אשרן. ער בלייבט ביי אונדז צום סדר. ער האָט מיר שוין אַפילו געגעבן געלט צושטייער. ס'וועט מיר טאַקע גוט צונוצקומען.

משה לייבן האָט אָנגעהויבן שטיקן. ער האָט נישט געקענט אַרויס־ברענגען אַ וואָרט פאַר צופיל אויפרעגונג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויב אין שטוב וועט שוין זיין אַ מאַנסביל צום סדר, דאַרף מען שוין אים נישט, איז ער שוין איבעריק. ענדלעך האָט ער אַרויסגעכאָרכלט:

— ז־זאָל ער זיך פאָרן אַהיים. ווער דאַרף אים?

רייזל האָט שוין מורא געהאַט צו פרעגן אויפן ווייטערן. זי וועט עס טון אַ צווייט מאָל. נאָר אין אָוונט איז משה לייבן פּלוצעם נישט גוט גע־וואָרן. מען האָט גערופן אַ דאָקטער, אָבער דער דאָקטער האָט שוין נישט מער געהאַט וואָס צו טון אויסער ווי צו באַשטעטיקן דעם טויט.

אשר האָט זיך גלייך דערפילט אין שטוב ווי אַ באַלעבאָס. ער האָט זיך מתעסק געווען ביי דעם מת. געגאַנגען צו דער חברה קדישא באַזאָרגן די קבורה. שפּעטער, ווען אַלע זענען געזעסן שבעה, האָט ער אַריינגעבראַכט אין שטוב אַלץ, אין וואָס מען האָט זיך געניטיקט פון דער גאַס. רייזל האָט געזאָגט צו דער טאָכטער:

— אַ מאַנסביל אין שטוב איז גאָר עפּעס אַנדערש. איך ווייס גאָר נישט ווי איך וואָלט מיר אָן אים געווען אַן עצה געגעבן.

.3

אשר איז נאָך פסח צוריקגעפאָרן אין שטעטל אַריין, אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז ווידער געקומען. ער איז אַזוי געקומען כמעט יעדן חודש, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן תירוץ. פאַר רבקהן האָט ער אַלץ נישט אויפגעדעקט זיין כוונה. ער האָט געוואָלט דערפירן דעם ענין צו אַזאַ מצב, אַז זי אַליין זאָל זיך איינמאָל אַרומקוקן און זען, אַז דאָס חתונה האָבן מיט אים איז אַן אומפאַרמיידלעכקייט. ער האָט זיך נישט געאיילט, אשר. ער איז געווען געווינט די סחורות פון זיין קראָם — די ראָזשינקעס, דעם צימרינג און די וואַניליע א. אַז. וו. צו וועגן אויף דער דעקאַ און אויפן גראַם און אַזוי האָט ער געהאַט אַ טבע פון זיך עפּעס צו געבן נאָר צו־ביסלעך און פאַרזיכטיק.

די קבורה פון משה לייבן האָט אַרויסגעצויגן דאָס לעצטע ביסל געלט פון דער שטוב. דער צוועלפיעריקער דודל איז געוואָרן אַ משרת אין אַ שניט־קראָם פאַר דריי זלאָטעס אַ וואָך. רבקה האָט באַשלאָסן זיך גיין לער־נען נייען קאָרסעטן. ווען אשר האָט זיך דערפון דערוווסט, איז עס אים זייער נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך אויס־לערנען אַ מלאכה, ווערן זעלבסטשטענדיק.

— ס'פּאַסט נישט פאַר משה לייבס טאָכטער צו נייען קאָרסעטן — האָט ער איר געזאָגט.

— הלוואי וואָלט מיך נאָך דער טאַטע פריער געווען געלערנט אַ פאַך, וואָלט איך פאַרשפּאָרט זיך צו לערנען ביי ד י יאָרן. — האָט רבקה געענט־פערט מיט באַדויערן.

די מוטער האָט זיך אַריינגעמישט:

— פון וואַנעט האָט געזאָלט דער טאַטע וויסן, וואָס ס'וועט אַמאָל זיין? אַ באַלעבאַטיש מיידל דאַרף נישט קענען קיין מלאכה, זי האָט חתונה און דער מאַן זאָרגט שוין פאַר איר.

— אוודאי אַזוי. די מאַמע איז גערעכט — האָט אשר געזאָגט רבקהן און זייער הנאה געהאַט, וואָס רייזל האָט געגעבן דעם ענין אַזאַ ווענדונג.

ער האָט אָבער אַלץ מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך נעמען לערנען דאָס פאַך און באַשלאָסן די סכנה צו פאַרלויפן דעם וועג. נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער אָוועקגערופן רייזלען אין אַ זייט און איר געזאָגט:

— ווי מיינט איר? אפשר איז שוין צייט זי אַ פרעג־טון?

— גוט. איך וועל מיט איר איבעררעדן.

בעת דער וועטשערע האָט רייזל ווי פאָרגעזעצט מיט דער טאָכטער דעם שמועס פון אינדערפרי.

— מיין עצה איז, — האָט זי געזאָגט — אַז דו זאָלסט דיר איצט נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט דעם לערנען זיך נייען קאָרסעטן.

— און וואָס דען זאָל איך טון ? — האָט רבקה געפרעגט מיט רוגזה.

— דו דאַרפסט קלערן חתונה צו האָבן.

רבקה איז אַזש רויט געוואָרן פאַר אויפרעגונג.

— מאַמע ! — האָט זי געשריגן — וואָס ווילסטו פון מיר האָבן ? וויפל מאָל איז דאָ געווען דער שרכן, דיר פאַרדרייט דעם קאָפּ, און וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען ?

— מילא, וואָס געוועזן, איז געווען. איצט האָב איך פאַר דיר אייגעס, וואָס וויל דיך זיכער, וואָס פרעגט נישט אויף קיין געלט.

— ווער איז ער דען ? — האָט רבקה געפרעגט מיט נייגער.

— טאַקע אשר. אשר בעזנער.

רבקה איז מיטאַמאָל געבליבן שטיל. אין אירע אויגן זענען אויפגעלאָפן טרערן. נאָך אַ ווײַלע האָט זי געזאָגט דער מוטער מיט פאָרוואורף :

— און דו האַלטסט, אַז איך דאַרף מיט אים חתונה האָבן, האַ ?

— איך צווינג דיך נישט, חלילה. איך וואָלט אָבער נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט ביי זעקס און צוואַנציק יאָר ערשט אָנהייבן זיך לערנען נייען און ברעכן די פּלייצע. אמת, איך לייקן נישט, ער איז עלטער פון דיר מיט פופצן יאָר —

רבקה האָט איר איבערגעריסן מיט כעס :

— ער איז נישט נאָר עלטער פון מיר מיט פופצן יאָר, ער איז עלטער פון מיר מיט הונדערט. ער איז בכלל אַ מענטש נישט פון דער היינטיקער וועלט. זאָג אים, אַז ער זאָל זיך פון מיר אָפּטשעפּען !

מיט דעם לערנען זיך נייען קאָרסעטן איז אָבער נישט געגאַנגען אַלץ אַזוי כשורה, ווי רבקה האָט זיך פאָרגעשטעלט. פון וואָס לעבט מען אין משך פון דער דאָזיקער צייט ? אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָט מען נאָך דערצו פאַרלאַנגט געלט פאַרן לערנען. רבקה איז געוואָרן אָפּהענטיק, פאַרצווייפלט.

די מוטער האָט ווידער געפּרוּווט :

— דו זעסט דאָך, מיין קינד, אַז פאַר דעם אָרעמען זענען אַלע טויערן צו. מיר זענען איצט אין שטוב געבליבן צוויי ווייבער און צוויי קינדער. וויאַזוי וועלן מיר זיך קענען אַליין אַן עצה געבן ? ער האָט אַפילו צוגע-זאָגט אויך אַמאָל צו העלפן מיר און די קינדער. דו ביסט דאָך אַ פאַר-שטאַנדיק מיידל און וואָלסט זיך געדאַרפט דערמיט אויך רעכענען.

סוף כל סוף האָט רבקה נאָכגעגעבן. זי האָט טאַקע נישט געוואָלט פאָרן צוריק אין שטעטל אַריין ווי אשר האָט זיך משער געווען. אשר האָט זיך דעריבער אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין. ס'זענען געווען צוויי צימערן מיט

אַ קיך, האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק געגומען דאָס גרויסע צימער, די מוטער און די קינדער — דאָס צווייטע, קלענערע. די קיך איז געווען בשותפות.

ווען ס'איז אויסגעקומען רייזלען צום ערשטן מאָל צוצוגרייטן די בעטן פאַר דעם פּאָרפאָלק איז איר געווען זייער שווער אויפן האַרצן. אשר האָט געדאַרפט שלאָפן אין איר מאַנס בעט. משה לייב איז טאַקע די לעצטע צוויי יאָר געווען קראַנק, אָבער פאָרט האָט זי געהאַט אַ מאַן מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן, מיט וועמען אַן עצה האַלטן. רבקה האָט געדאַרפט שלאָפן אין איר בעט. יאָ, ביז איצט איז זי נאָך געווען די באַלעבאָסטע פון דער שטוב, איצט ווערט רבקה. אמת, זי האָט נאָך, געלויבט צו גאָט, צוויי קינדער אויפ־צוכאָווען, אָבער איר אייגן לעבן איז שוין פאַרענדיקט, דאָס הייסט נישט בלויז אַריבערגיין פון איין צימער אין אַנדערן, נאָר פון איין דור אין דעם צווייטן. פון יענעם בעט, ווו זי איז ביז איצט געשלאָפן, האָט נאָך געקענט קומען אַ צווייט בעט, פון דעם בעט, אין וועלכן זי וועט פון איצט שלאָפן, קען שוין קומען נאָר דער קבר.

פון אשרס צוזאָג צו העלפן דער מוטער, איז גאָרנישט געוואָרן. אַפילו רבקה האָט פון נאָך דער חתונה אָנגעהויבן צו קוקן אַנדערש אויף דער מו־טער, ווי זי וואָלט געטראָגן אין האַרצן אויף איר אַ פאַרדרוס, וואָס זי האָט זי צוגערעדט צום שידוך. רייזל האָט געגומען טראַכטן וועגן אַן אַרבעט. אַמאָל, ווי אַ מיידל, האָט זי זיך געלערנט נייען. זי האָט עס קיינמאָל נישט באַנוצט, אָבער איצטער אפשר זאָל זי אַ פּרווו טון ? — זי האָט געפונען אַרבעט אין אַ וואַרשטאַט פון טאַנדייט־מלבושים. ווען זי וואָלט געהאַט אַן אייגענע מאַשין, וואָלט זי געקענט אַרבעטן אין דער היים, אָבער אַזוי האָט זי געמוזט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין וואַרשטאַט. דער גורל האָט געוואָלט, אַז פון דעם, וואָס זי האָט אויסגעהיטן די טאָכטער, זאָל זי אַליין געטראָפן ווערן.

בעת זי פלעגט אַוועקגיין צו דער אַרבעט, איז אין שטוב איבערגע־בליבן דער קליינער בערעלע. בערעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין שטוב פאַר דער לעצטער צייט און איז אַרומגעלאָפן פון איין צימער אין צווייטן, ווי פריער. איינמאָל, אין אַ אָוונט, ווען די מוטער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געטראָפן בערעלען זיצן אויף דער פאָדלאָגע און וויינען.

— וואָס איז געשען, מיין קינד, פאַרוואָס וויינסטו ? — האָט זי אים געפרעגט.

— ע ר האָט מיך געשלאָגן ! — איז בערעלע אַרויס מיט נאָך אַ שטאַרקער געוויין, דערפילנדיק אין דער מאַמען אַ באַשיצערין.

— ווער ? ווער ?

— דער פעטער אָשר.

די מוטער איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב אַריין. אשר איז געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי.

— דאָס קינד זאָגט, — האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקער שטים — אַז דו האָסט אים געשלאָגן. איז עס אמת ?

אשר האָט, נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ פון דער טיי, געזאָגט :

— יאָ.

— צי קען איך וויסן פאַרוואָס ?

— זאָל רבקה זאָגן !

רבקה האָט אויפגעקלערט די זאַך :

— בערעלע קומט יעדעם מאָל אַהער אַריין, עפנט זיך אַליין דאָס שאַפקעלע און נעמט פון דאָרט אַרויס ראָזשינקעס, פייגן, טייטלען.

די מוטער האָט מער גאָרנישט געזאָגט. שטילערהייט זיך אומגעקערט צו זיך אין צימער אַריין.

— גיי נישט מער אַהין — האָט זי געוויזן בערעלען אויף דעם צווייטן צימער — גיי נישט מער אַהין, מיין קינד, מיין יתומל...

און ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין איז זי געזעסן און געוויינט.

נישט בלויז דער קליינער בערעלע האָט נישט געוווסט פון דער ענדע־רונג, וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען אין דער שטוב, ס'האָט אויך נישט געוווסט און נישט געוואָלט דערפון וויסן דאָס שטעטל. ווי פריער, פלעגן די יידענעס און די יידן נאָך אַלץ פאָרן „צו משה לייבן אין דער שטוב אַריין”, הגם משה לייב איז שוין געווען טויט און די שטוב צעטיילט.

עטלעכע געסט זענען שוין פאַר דער צייט געקומען פון שטעטל און אשר צי רבקה האָבן זיי אַריבערגעשיקט אין צווייטן צימער אַריין, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך געהאַט אַ שייכות צו רייזלען. דערפאַר האָט זיך רייזל נישט געחידושט, ווען זי האָט אין איינעם אַן אויפדערנאַכט געטראָפן ביי זיך אין צימער אַ נייעם גאַסט : די רביצין חנה דבורה.

רייזל האָט זיך מיט דער רביצין זייער דערפרייט. גלייך גענומען גרייטן פאַר איר וועטשערע — באָרשט מיט קאַרטאָפל. ווי די רביצין דערציילט, האָבן אשר מיט רבקהן דווקא געוואָלט זי פאַרהאַלטן ביי זיך, נאָר זי האָט נישט מסכים געווען, געוואָלט נאָר ביי איר ווינען.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און רייזל האָט דערלאַנגט צום טיש. די רביצין האָט אַ זופּ געטון דעם ערשטן לעפל באָרשט און זיך געקוויקט :

— טעם גן עדן !

— רביצין, — האָט רייזל געזאָגט — פאַרגעסט חלילה נישט אין ביין. דאָס איז אַ מאַרך־ביין. נאָגט אים אויס.

די רביצין האָט געזופּט דעם באָרשט און בשעת מעשה געדרשנט :

— אַ באָרשט, דאָס איז נישט אַ יויך. דו לייגסט אַריין אַ פעט הינדל

אין טעפּל אַריין, האָסטו שוין אַ גוטע יויך. מיט אַ באָרשט דאַרף מען דער־פּאַר זיין גוט אָפּגעהיטן: אַ גרעסער שטיקל זויערזאַלץ ווי מען דאַרף, איז ער צו זויער. אַן איבעריק שטיקל צוקער, איז ער צו זיס. ער טאָר נישט זיין צו זיס און נישט צו זויער. גייערט צום טעם!

ס'איז אַריינגעקומען רבקה, שפּעטער האָט זיך אויך באַוויזן אשר. ביידע זענען געשטאַנען מיט גרויס דרך ארץ, הפּנים, לכבוד דער רביצין.

רייזל האָט זיי גלייך אונטערגערוקט בענקלעך און געפרעגט:

— אפשר וועט איר פאַרזוכן אַביסל באָרשט?

— מיר האָבן ערשט געגעסן וועטשערע — האָט אשר געענטפערט.

די רביצין האָט אָפּגעווישט איין ליפּ אין דער צווייטער מיט הנאה און געזאָגט:

— איר מעגט פאַרזוכן — אַ היילונג אויפן האַרצן!

— ס'וועט דאָך נישט סטייען פאַר אַלע. — האָט רבקה געענטפערט.

נאָר ס'איז געשען אַ נס מיטן טעפּל באָרשט ווי אַמאָל מיט דעם קריגל אייל — ס'האָט זיך נישט אויסגעלאָזט. ס'האָט געסטייעט פאַר אַלע.

אינצווישן האָט די רביצין דערציילט רייזלען:

— איר געדענקט דאָך אייער „שטאָט" אין דער ווייבערשער שול לעבן מיר. פאַר צוויי יאָרן און פאַריאָרן איז דער פּלאַץ געשטאַנען ליידיק. נאָר דאָס יאָר ראש השנה, איך קום אַריין אין שול און פּלוצעם זע איך — ס'זיצט דאָרט זעלדע, חיים דעם קרעמערס ווייב. מילא חיים איז לעצטנס נתעשר געוואָרן פון שמוגל, אָבער פאַרנעמען רייזלס אָרט — אַ זאַסיע! טאַקע איך און נאָך אַנדערע ווייבער האָבן זיך צו איר אַ נעם געטון און זי האָט במחילה געמוזט זיך אָפּטראָגן פון דאָרט. איר ווייסט, עפּעס דאַכט זיך מיר די גאַנצע צייט, אַז איר וועט נאָך צוריקקומען און אַז ס'וועט אַלץ ביי אייך צוריק ווערן ווי געוועזן.

רייזלס פּנים האָט געשיינט. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז נישט מער בלויז אַ טאַנדייט־שניידערין, נאָר זי איז ווידער אַ חשובע באַלעבאָסטע. אַמאָל האָט זי מורא געהאַט פאַר די געסט פונעם שטעטל, ווייל זיי קענען זיך דערוויסן פון איר אָרעמקייט. שוין, איר היינטיקער מצב איז באַוואוסט פאַר יעדן, נישטאָ שוין וואָס צו באַהאַלטן. די געסט פונעם שטעטל האָבן אָנגעהויבן איצט צו שפּילן נאָר אַן אַנדערע ראָל: זיי לעבן אויף איר נעכטן, איר אַמאָליקן מעמד. זאָלן זיי דעריבער קומען וואָס אָפטער די געסט פו־נעם שטעטל.

אין פרעמדע הענט

די קינדער פונעם רופא זענען משונהדיק-שנעל געוואַקסן אין דער הויך. נישט ווי די צמחים, וואָס וואַקסן אַרויס פון דער ערד, נאָר ווי יענע קאַרטאָפל, אָדער ציבעלעס אין קעלער, פון וועלכע ס'שפּראָצט אַרויס דאָס קרענקלעכע גרינס און זויגט אויס זייער גאַנצע זאַפט און כוח. איבער דער שטוב איז געהאָנגען אַ קללה, אפשר די גרעסטע פון אַלע: יעדעס מאָל, בעת מען איז אַהין אַריינגעקומען, האָט מען געטראָפן אַ נישט-פאַרבעט געלעגער. עמעצער איז דאָרט געלעגן קראַנק.

קודם איז געשטאָרבן דער עלטסטער זון. שפּעטער דער צווייטער, דערנאָך דאָס מיידל. צום סוף איז די מוטער נאָכגעגאַנגען. בעת דער רופא איז געווען אַ בחור, האָט ער געזען, אַז כמעט אַלע מיידלעך פונעם שטעטל זענען לייביקע, מיט רויטע באַקן. בלויז זי, קלאַרע, איז אַן איידעלע און אַ בלייכע, זעט אויס אינגאַנצן ווי אַ גרויסשטאָטישע. דערפאַר איז זי אים געפעלן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז דאָס נעמט זיך פון איר שווינדזוכט, איז שוין געווען צו שפּעט, נאָך דער חתונה.

איצט דרייט ער זיך אַרום איינער אַליין איבער דער שטוב. אויף די פענצטער שטייען עטלעכע וואַזאָנעס. שוין לאַנג האָט זיי קיין מענטשלעכע האַנט נישט באַגאָסן מיט וואַסער. נישט נאָר וואָס זיי גיבן נישט אַרויס קיין ריח, נאָר ס'פעלט זיי אַליין אָטעם און זיי האָבן איינגעדאַרט. די ערד, וואָס האָט זיי געדאַרפט געבן לעבן, איז געוואָרן זייער קבר. ס'דרייט זיך אַרום אַ ווייסע קאַץ מיט ברוינע פלעקן, קוקט אים אין די אויגן אַריין, דריקט זיך צו זיינע פיס. זי איז מסתם הונגעריק, אָבער מער פון אַלץ וויל זי, אַז מען זאָל זי נעמען אויף די הענט און אַ גלעט-טון. אין שאַנק הענגען דעם ווייבס מלבושים — זי האָט זיי נישט אויסגעטראָגן. אויף דער פאָליצע שטייען אירע שיך — זי האָט זיי נישט אויסגעטרעטן. ס'וואַלגערן זיך קעמלעד, בענדלעד, שפּילקעלעך פונעם מיידל. אין אַ ווינקל ליגט דער באַלן פון ייִנגל. פון עלטסטן זון זענען געבליבן אַ סך ביכער. יאָ, מיט דעם עלטסטן זון האָט ער פאַרבונדן זייער פיל האָפענונגען. ער האָט געחלומט, אַז ער

וועט ענדיקן אַמאָל אויף דאָקטאָר. אים אַליין איז עס נישט געלונגען, ער איז בלויז אַ רופא, זאָל ער כאָטש זיך זען שטייגן דורכן קינד.

וואָלט ער געווען סתם אַ בעל מלאכה, וואָלט ער אפשר געזעסן חדשים, יאָרן, אַליין אין שטוב און געלעבט בלויז מיט די זכרונות און מיט דעם אייגענעם טרויער. אַ רופא קען אָבער נישט לעבן נאָר מיט דעם אייגענעם צער, ער מוז זיך כסדר פאַרנעמען מיט דעם ווייטיק פון אַנדערע. בייטאָג און ביינאַכט מוז ער זיין גרייט מען זאָל אים אַ רוף־טון. אמת, ס'איז דאָ נאָך אַ דאָקטאָר אינעם שטעטל. דאָס איז עפּעס אַ סטודענטל, וואָס האָט ערשט געענדיקט מעדיצין, אַראָפּגעקומען אַהער אויף פּראַקטיק און אויף צונויפשלאָגן אַביסל געלט, כדי צו קענען שפּעטער זיך אַריבערציען אין אַ גרויסער שטאָט. פאַרן דאָקטאָר האָט מען דרך ארץ, אָבער דעם רופא האָט מען ליב. דער דאָקטאָר נעמט אַ באַשטימטן פּרייז פאַר אַ וויזיט, דער רופא, וואָס פאַר אַ מטבע מען זאָל אים נישט אַריינשטעקן אין דער האַנט, לייגט ער זי אַריין אין קעשענע, אַפילו נישט געבנדיק אויף איר אַ קוק און זאָגט: „דאַנקע שיין". ביים קצב זענען פאַראַנען צווייערליי קונים, אַזעלכע, וואָס קויפן אַ פעט ברוסטל און אַזעלכע, וואָס קויפן לונג און לעבער. אַזוי זענען אויך דאָ צווייערליי פּאַציענטן. די וואָס קויפן אַ פעט ברוסטל — גייען צום דאָקטאָר, און די קונים פון לונג און לעבער — גייען צום רופא.

גייט ער, דער רופא, איבער דעם שטעטל, שטעלט באַנקעס, עפנט אויף געשווירן און ברענגט אַריין אַן אויסגעוועבנט אבר צוריק אויפן אָרט. מענטשן ווילן אָבער נישט בלויז באַקומען הילף, נאָר זענען שטענדיק גרייט אַנדערע צו העלפן. עצהט מען אים אָפּט, אַז ער זאָל ווידער חתונה האָבן, ער איז נאָך נישט אַזוי אַלט. מען רעדט אים שידוכים: אַן אָרעם מיידל, וואָס איז אים גרייט צו געבן אירע איין און צוואַנציק יאָר, אָדער אַן אלמנה אין די פערציקער, וואָס וויל אים דערפאַר צוגעבן צו זיך נאָך אַ סקלאַר פון ברעטער. נאָר ער — ער וויל דערפון נישט הערן. ער זאָגט, אַז ער איז מיד אָנצוהייבן אַלץ פונסניי. ס'האָט אָנגעהויבן צו אים אַריינקומען דעם ווייבס אַן עלטערע שוועסטער, פּעסי. זי האָט פאַר אים געקאָכט, געראַמט די שטוב און געוואַשן אַ העמד. ס'האָט געהייסן בלויז אויף אַ קורץ שטיקל צייט, ביז ער וועט צו זיך קומען נאָך דעם אומגליק. זי האָט אָבער פון טאָג צו טאָג זיך געהאַלטן אַלץ מער באַזעצן. זיך אַרומגעדרייט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט אַ סך שולדיק געבליבן איר שוועסטער און ער דאַרף א י ר באַצאָלן די חובות. אויסער דעם, האָט זי געהאַט תרעומות צו דער אייגענער שוועס־טער, פאַרוואָס זי איז געווען אַזאַ מאָגערע, אַז קיין שום קלייד און קיין שום העמד אירס קען זי נישט אָנטון. ס'איז כאָטש גוט, וואָס די שוועסטער האָט געהאַט די זעלבע מאָס פון פוס און זי קען כאָטש טראָגן אירע שיך. וואָס שייך אַ קאָפּטיכל, קרעלן, צי אַ שירעם, האָבן דאָך די אַלע זאַכן אוודאי

נישט צו טון מיט אַ מאָס און זי קען זיי געזונטערהייט פאַרנוצן פאַר זיך. ווידער, אַז מען קאָכט עפּעס אַ מאכל, קען מען דאָך נישט פּונקט צוטרעפן. די טעפּ זענען דאָך דאָ געווען פאַר אַ משפּחה פון פינף מענטשן און נישט פאַר איינעם. אויב ס'בלייבט איבער אַ שטיקל פלייש, צי אַביסל זופּ, זאָל זי עס אַרויסוואַרפן, צי געבן פאַר די הינט? — נעמט זי עס אַהיים.

זי האָט אויך געהאַלטן, אַז זי דאַרף זיין די, וואָס איז מחויב צו היטן אין שטוב דעם זכר פון דער שוועסטער. ווו זי האָט נאָר געפונען אירע אַ פאָטאָגראַפיע, האָט זי געלאָזט זי איינראַמען און אויפהענגען אויף דער וואַנט. ביי אַ מאַנסביל, אַז אַ ווייב שטאַרבט, איז ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ קלאַפּ אין עלנבויגן: אין דער ערשטער מינוט טוט עס געוואַלדיק וויי, ס'דאַכט זיך, אַז מען וועט עס נישט אויסהאַלטן. זייער גיך פאַרגייט אָבער דער ווייטיק און מען פאַרגעסט דעם קלאַפּ. זי האָט אַפילו געבראַכט אַהער די פאָטאָגראַפיעס פון איר שטוב, אויף וועלכע זי איז פאָטאָגראַפירט מיט איר שוועסטער אינאיינעם. זאָלן זיי אויך דאָ הענגען. זאָל ע ר זען, אַז ער האָט זיך פונעם ווייב נאָך נישט אַרויסגעצויגן — זי האָט איבערגעלאָזט אַ לייבלעכע שוועסטער.

דאָס האָט דערפירט צו דעם, אַז ער האָט נישט געקענט מער איינ־זיצן אין דער אייגענער שטוב. ער האָט נישט געקענט צוהערן ווי זי רעדט אַזוי פיל וועגן דער פאַרשטאָרבענער ביי יעדער געלעגנהייט. ווי זי גיט דעם זכר אַזוי פיל קול. ער פלעגט דעריבער אָפט אַנטלויפן אין גאַס אַרויס און מיט זיך געפּרוווט אויך אַרויסראַטעווען פון דאָרט דעם זכר פון ווייב און קינדער.

.2

זאַנוויל דער שניידער האָט געוווינט אין הינטערגעסל, נישט ווייט פון די יאַטקעס און פון באָד. ער איז געווען אַ קליינער און בעת ער איז גע־גאַנגען, האָט זיך אים איין פוס אין אַנדערן פאַרפּלאָנטערט. דאָס פּנים, כסדר באַוואַקסן (אפשר צוליב דעם, וואָס די שוואַרצע האָר האָבן זיך צופיל אַרויסגעזען אויפן בלייכן פּנים). ווען ער האָט גערעדט מיט עמעצן, האָט ער מבולבל געפינטלט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר זיין מייסטער, וואָס האָט כסדר געוואָלט מיט שמיץ אים אַריינקלאַפּן די תורה פון פאַך. דאָס פאַך האָט ער זיך טאַקע נישט אויסגעלערנט און אין שטעטל האָט אים קיינער נישט געטרויט אַ ניי מלבוש.

זיין ווייב פראַדל האָט זיך לגמרי נישט געפּאַסט צו אים. זי איז מיידל־וויז געווען זייער אַ שיינע. אַ פולבלעכע, אָבער נישט קיין דיקע, מיט שוואַרצע אויגן און לאַנגע צעפּ, די ברוסטן געדוקט פאַרויס ווי הערנער.

גאָר פרי האָט זי שוין אָנגעהויבן צו גיין מיט ייִנגלעך און שפּילן ליבעס. מען האָט זי יעדעס מאָל געטראָפן מיט אַ בחור אין וואַלד, צי לעבן צווינטער. מענדל, פּיוול דעם תבואה=סוחרס זון, האָט זיך געהאַט אין איר פֿאַרליבט. די עלטערן האָבן זיך אָבער איינגעעקשנט און בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזן צום שידוך. דער בחור איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם און זיך אויפגעהאָנגען. דערווייל זענען די יאָרן געגאַנגען, זי איז שוין געווען קרוב צו די דרייסיק, און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט זאַנוולען. זי האָט עס געטון, מחמת זי האָט געוווסט, אַז ביי זאַנוולען וועט זי זיין פריי און קענען טון וואָס איר וועט זיך גלוסטן, ווי אין די מיידלשע יאָרן. זי האָט זיך מיט אים טאַקע בכלל נישט גערעכנט. אויסער דעם האָט זאַנוול, נישט האָבנדיק קיין אַרבעט אין שטעטל, געהאַלטן אין איין אַרומפֿאָרן איבער די דערפער. ער פלעגט בלויז קומען אַהיים פרייטיק=צונאַכטס, כדי צו טון צוויי מצוות: מאַכן שבת און מאַכן קינדער. זונטיק אין דער פרי האָט ער זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין און זי איז אויפסניי געוואָרן פריי.

יעדן אָוונט פלעגן זיך צו פראַדלען אין שטוב אַריין צונויפקומען פֿאַרשידענע יונגעלייט. מען פלעגט זיצן און באַרעדן דאָס גאַנצע שטעטל. וואָסער פֿאָרפאָלק ס'קריגט זיך, וועלכער בחור מיט וועלכן מיידל ס'שפּילט אַ ליבע. וועלכע באַלעבאָסטע איז אַ שלימזלניצע א. אַ. וו. מען פלעגט אויך דאָ שפּילן אין קאָרטן און פון צייט צו צייט מאַכן אַ כוסה. דער רופא איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין דער דאָזיקער שטוב. אַזוי ווי ביי אים איז לעצטנס יעדעס יאָר געשטאָרבן אַ קינד, אַזוי איז ביי זאַנוולען יעדעס יאָר געוואָרן אַ קינד געבוירן. ווען אין שטוב דרייען זיך אַרום דריי קינדער, הייבט איינס אָן צו מאָזלען, דאָס צווייטע — צו פּאָקן און דאָס דריטע — פֿאַרקילט זיך און נעמט הוסטן. מען דאַרף צו אים יעדעס מאָל.

איז ער געקומען אויף אַ וויזיט, האָט אים פראַדל שוין אַזוי גיך פון שטוב נישט אַרויסגעלאָזט. פלעגט ער זיצן דאָרט און שמועסן, אָדער אויך טיילמאָל — אַ שפּיל=טון אין קאָרטן. ער האָט אָבער תמיד געפילט, אַז ער איז דאָ אַן אָנגעזועענער גאַסט און געזעסן מיט חשיבות. ס'האָט זיך דאָך פון אים נישט געפילט דער ריח פון לעדער, פון לאַם, צי פון פעל, נאָר דער איידעלער גערוך פון רפואות. אויך זיין אויסזען איז נישט געווען קיין געוויינלעכער. ער האָט געהאַט שוואַרצע, פולע וואָנסעס. די בלויע אויגן און דער קאָפּ פֿאַרקעמט אין אַ שרינט, האָבן אים צוגעגעבן עפּעס ייִנגלישס, אָבער דאָס ביסל גרויע האָר, וואָס האָט זיך פאַר דער לעצטער צייט באַוויזן בייביידע זייטן שלייפן, האָט אַרויסגערופן ערנסטקייט און דרך ארץ. אַחוץ דעם, פלעגט ער כמעט תמיד טראָגן אויף זיך אַ קאָלירט רעקל מיט מאָדנע שאַליקלעך. גיין מיט אַ שטעקן, וואָס זיין הענטל איז געווען ווי אַ קעפּל

פון אַ שלאַנג און נאָך דער קייט פון זיין זייגער איז נאָכגעהאָנגען אַ קליי־
נער ביינערנער שאַרבן, ענלעך צו אַ מענטשלעכן קאָפּ.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט האָט אים פראַדל געלאָזט רופן, ווייל אַ
קינד איז איר פּלוצים קראַנק געוואָרן. נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט
באַהאַנדלט דאָס קינד, האָט ער באַשלאָסן נישט צו גיין באַלד אַהיים, נאָר
צוואַרטן ביז ס'וועט נאָך עמעצער קומען, כדי צו כאַפּן אַ שמועס, אָדער
שפּילן אין קאָרטן. דערווייל האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ שטאַרקער רעגן.
אַ האַלבע שעה, אַ שעה און ער האָט גאָרנישט בדעה אויפצוהערן. דער
רופא איז געזעסן און צוגעקוקט ווי פראַדל לייגט די קינדער שלאָפן. האָט
ער דאָך אַליין אויך אַמאָל געהאַט דריי קינדער. זיי זענען אויך אַמאָל גע־
ווען קליינינקע. דער לעצטער זון פלעגט נישט וועלן גיין שלאָפן, ביז ער האָט
אים נישט דערציילט עפּעס אַ מעשהלע. דעם יינגערן האָט די מוטער געמוזט
פאַרן שלאָפן־גיין געבן אַ קוש. און דאָס מיידעלע האָט זיך געלייגט שלאָפן
נאָר מיט דער ליאַלקע ביי דער זייט. אים האָט מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ
גרויסע בענקשאַפט נאָך זיי. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן
אין טיש, די האַנט איבער די אויגן, איינגאַנצן פאַרזונקען אין זכרונות.

— געלויבט צו גאָט, איך האָב זיי שוין געלייגט ! — האָט ער געהערט
פראַדלס קול. ער האָט זיך ווי אויפגעוועקט פון שלאָף. זיך אַרומגעקוקט און
געזאָגט :

— אַה ? קיינער איז נישט געקומען ?

— ס'איז אַ שטאַרקער רעגן, — האָט פראַדל געענטפערט — איך
ווייס נישט, צי אין אַזאַ דרויסן וועט זיך עמעצער אַרויסלאָזן פון דער שטוב.

— ס'איז ערשט נאָך ניין, — האָט דער רופא אַ קוק געטון אויף זיין
זייגער — פאַר אַ קינד איז עס די צייט צו גיין שלאָפן. נאָר פאַר מיר איז
עס אַביסל צו פרי.

— און מיט מיר איז אייך נודנע ? — האָט פראַדל געפרעגט אַביסל
באַליידיקט און אַביסל ווי אין שפּאַס.

— איר שפּילט דאָך נישט אין קאָרטן, — האָט ער זיך געוואָלט פאַר־
ענטפערן.

— קען איך דערפאַר אין עפּעס אַנדערש שפּילן, — האָט זי אויסגע־
רופן מיט אַ שמייכל.

— למשל, אין וואָס ?

זי האָט אים דערויף נישט געענטפערט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי
אַ פיר געטון מיט דער האַנט איבער דער פלייצע און געזאָגט :

— איך האָב זיך, ווייזט אויס, פאַרקילט... ס'שטעכט מיך...

אין אים האָט זיך דערוועקט דער רופא :

— אויף וועלכן אָרט שטעכט אייך ?

זי האָט אים געוויזן.

— איך מיין, אַז מען דאַרף אייך שטעלן באַנקעס. — האָט ער געזאָגט.

— ווי וועט איר גיין איצט אין רעגן נאָך באַנקעס.

— דאַרפט איר פּשוט פאַרן לייגן זיך שלאָפן איינרייבן די פּלייצע מיט ספּירט.

זי האָט געזאָגט ווי אין אַ פאַרלעגנהייט:

— זיך אַליין איינצורייבן די פּלייצע, איז נישט קיין לייכטע זאַך...

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— גוט. איך וועל עס טון. אָבער איך וועל עס רעכענען פאַר אַ וויזיט... איר וועט מיר דאַרפן באַצאָלן דערפאַר...

— וויפל איר וועט וועלן...

זי האָט זיך גענומען אויסטון פאַמעלעך. ער האָט געזען אירע פולע אָרעמס, אירע רונדע אַקסלען און די הויכע, שלאַנקע פיס. די הויט אַזאַ ווייסע, אַזאַ גלאַטע, אָן איין הערעלע. זי האָט דאָך שוין געהאַט דריי קינדער און פונדעסטוועגן ווי פריש און יאָדערדיק ס׳איז נאָך איר קערפּער. ער איז געוועזן צעמישט. געוואָלט גובר זיין די שוואַכקייט און געזאָגט שנעל:

— גיט מיר אַהער דעם ספּירט!

— אַה... פאַרגעסן... איך האָב גאָרנישט קיין ספּירט אין שטוב...

אַ בענגל פון העמד האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבערן אַקסל און ס׳האָט זיך באַוויזן איר נאַקעטע לינקע ברוסט. שוין באַלד אַ יאָר, אַז זיין פרוי איז אים געשטאָרבן. אויסער דעם איז זי שוין יאָרן פאַרן טויט געווען קראַנק, אויסגעמאָגערט און פאַרגעלט. די פרוי דאָ איז דאָס לעבן אַליין, דאָס געזונט און די תאווה. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן נאַקעטן אָרעם און צוגעלייגט צו אים די ברענענדיקע ליפּן.

זי האָט דערפילט דעם קיצל פון זיינע וואָנסעס. מיטאַמאָל איז זי צוגעגאַנגען צום לאָמפּ און געזאָגט:

— דער רעגן קען אויפהערן. אויב עמעצן וועט זיך נאָך פאַרגלוסטן אַהער צו קומען היינט — שלאָפט מען שוין.

און זי האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט.

.3

פון דעמלט איז דער רופא געוואָרן נאָך אַן אָפטערער גאַסט ביי פּראַדלען. הגם זאַנוול איז געווען מערסטנטייל אין דאָרף, האָבן זיינע באַזוכן אַ לאַנגע צייט נישט אַרויסגערופן קיין חשד אין שטעטל. פּראַדל האָט דריי קינדער, זיי לעבן נישט אין ווילטאָג, יעדעס מאָל ווערט מסתם אַן אַנדערס קראַנק, שיקט מען רופן דעם רופא.

פראַדל האָט געשוואַנגערט. דאָס איז אויך געווען אַ געווייגלעכע זאַך. זייט דער חתונה האָט זי יעדעס יאָר אַ קינד. אָרעמע ווייבער ליידן נאָך דער חתונה פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, אָבער זעלטן — פון עקרותשאַפט. דער רופא פלעגט יעדעס מאָל אויספרעגן פראַדלען ווי זי פילט זיך. ער פלעגט איר הייסן זיך אויסהיטן צו עסן שאַרפע מאכלים. נישט אויפהייבן קיין שווערע זאַכן. רוען, אָבער אויך נישט צופיל ליגן. גערעדט צו איר, געלערנט זי, נישט ווי זי וואָלט איצט געשוואַנגערט מיטן פערטן קינד, נאָר מיטן ערשטן. זייער אָפט, ווען ער פלעגט אַוועקגיין, איז פראַדל צוגעגאַנגען צום טיש, אויפגעהויבן דאָס טישטעך און אַפירגענומען געלט. דאָס פלעגט ער עס אַזוי פאַר איר איבערלאָזן בגנבה. געבן עס אין אירע הענט אַריין, האָט ער עפּעס נישט געוואַגט, הגם ער האָט דאָך געוווסט, אַז זי נעמט עס יעדעס מאָל פון דאָרט אַרויס.

אין איינעם אַ שבת, ווען דער רופא איז געזעסן ביי זיך אין שטוב, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען זאַנוול. דער רופא איז געבליבן שטיין איבערראַשט און אויך אַביסל אומרויק. צו וואָס איז ער פלוצים צו אים געקומען? האָט ער זיך נישט עפּעס דערוווסט?

זאַנוול האָט אָנגעהויבן:

— איך חידושט זיך מסתם וואָס איך בין צו אייך געקומען און נאָך דערצו אין סאַמע שבת. וואָס זאָל איך אָבער טון, אַז אַ גאַנצע וואָך בין איך פאַריאָגט צוליב דער פרנסה. איך וויל מיט אייך רעדן וועגן אַ וויכ־טיקן ענין, וואָס דאַרף בלייבן צווישן אונדז אַ סוד.

— איך הער אייך, איך הער אייך — האָט געזאָגט דער רופא אומ־געדולדיק. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער זיך דערוויסן וועגן וואָס דאָ גייט.

זאַנוול האָט געזאָגט מיט אַ קרעכץ:

— מיין פראַדל טראָגט...

דעם רופא האָט מיטאַמאָל פאַרפעלט אָטעם. ווייסט ער? ווייסט ער? אָבער ער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— נו, ווי יעדעס יאָר.

— יאָ, שוין צום פערטן מאָל. נאָך ווען זי האָט אָנגעהויבן טראָגן דאָס פריערדיקע קינד, האָב איך געהאַט פון איר אויסצושטיין אַ סך טענות. וויפל איז דער שיעור צו קיגדלען, האָט זי מיך געפרעגט. וו וועסטו נעמען זיי צו געבן עסן? וו וועסטו נעמען זיי אָנצוטון? איך וויל אויך נישט, האָט זי געטענהט, אַזוי יונג שוין אַלט און מיאוס ווערן.

אַפּנים, אַז ער ווייסט נישט, האָט געטראַכט דער רופא, און ער האָט געפרעגט:

— איך פאַרשטיי אייך, אָבער וואָס ווילט איר פון מיר?

— איר זענט דאָך עפּעס אַ מומחה. איר ווייסט מסתם זיכער פון אַזעלכע פּראַשקעס, צי פּילן, וואָס קענען העלפן.

— צו וואָס? — האָט דער רופא געפרעגט און ס'איז אים היים געוואָרן אין גאַנצן גוף.

— נו, איר ווייסט נאָך אַלץ נישט? — אַז זי זאָל דאָס קינד נישט האָבן.

— אָבער דאָס איז מיר פאַרבאָטן פון געזעץ.

— ס'וועט קיינער נישט וויסן.

— ס'איז אַ זינד פאַר גאָט.

— אויב גאָט גיט קינדער — דאַרף ער פאַר זיי געבן ברויט!

דער רופא איז געבליבן שטיין פאַרחידושט. פונוואַנען האָט זיך פּלוצים גענומען צו זאַנוולען אַזאַ מוט און אַזעלכע רייד? צי קומט דאָס נישט דווקא פון פּחדנות, פון מורא פאַר פראַדלען? ער האָט געפּרוווט ווייטער:

— און פון וואַנען ווייסט איר, אַז זי וויל נישט דאָס קינד?

— אויב זי האָט נישט געוואָלט דריי, פאַרוואָס זאָל זי וועלן דאָס פערטע?

איז ער דאָך געכאַפּט, זאַנוול. ווי קלוג ער איז דאָס מיטאַמאָל געוואָרן. פונדעסטוועגן וועט ער נאָך פּרוּוון דאָס לעצטע:

— צי ווילט איר בכלל נישט קיין קינד, אָדער דערפאַר ווייל איר זענט אָרעם?

— איך וואָלט געוואָלט האָבן אַ פולע שטוב מיט קינדער. ס'איז פריילעכער מיט זיי! ס'איז אַ מחיה! — זאַנוול האָט צענומען די הענט — אָבער...

דער רופא האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך געזאָגט:

— איך וועל אייך לייען אַביסל געלט.

— און ווו וועל איך נעמען אייך אָפּצוגעבן?

— הערט אויס זאַנוול, — האָט דער רופא געענטפערט — מיין ווייב און מיינע קינדער זענען מיר געשטאָרבן. איך בין געבליבן איינער אַליין. איך האָב אַ שטוב, זאַכן, אַביסל געלט און פאַרדין אויך נישקשהדיק — וואָס וועט ביי מיר אויסמאַכן, אַז איך וועל פון צייט צו צייט אייך העלפן. אָט, למשל, זענען פאַראַנען קינדערלאָזע, וואָס נעמען זיך אַ פרעמד קינד צו דערציען.

זאַנוולען איז געוואָרן פאַרדראָסיק:

— איך בין טאַקע אַן אָרעמאַן, אָבער יעדעס קינד איז מיר טייער! איך פאַרקויף נישט קיין קינד!

דער רופא האָט אים געפּרוווט באַרויקן:

— שרעקט אייך נישט. איך וויל ביי אייך, חלילה, נישט צונעמען קיין קינד. איך בין אָבער שטענדיק גרייט אייך צו העלפן.

זאַנוול איז געגאַנגען צוריק אַהיים. ער האָט זיך גאָר גוט געפילט. ווי ער וואָלט העכער געוואָרן מיט אַ קאָפּ און זיינע אַקסלען וואָלטן געוואָרן ברייטער. ער איז נישט בלויז זאַנוול דער אָרעמער, שלימזלדיקער שניי־דער — ער איז אַ מאַנסביל, ער איז אַ טאַטע!

.4

ס'איז געווען אַ ייִנגעלע. מען האָט עס גערופן שלמהלע.

דער רופא האָט געגעבן זאַנוולען אַביסל געלט, ער זאָל האָבן אויף די הוצאות פון דער קימפּעט און פון דעם ברית. אויסער דעם פלעגט ער יעדעס מאָל קומען און עפּעס אַנדערש ברענגען פאַר דעם קינד. האָט אים אַמאָל געטראָפן אַ יידענע זיצן ביים וויגעלע, איז זי אַוועקגעגאַנגען און גערעדט פאַר דער שכנטע:

— ס'איז אויף דעם רופא אַ ביטערער רחמנות. ער האָט געבעך פאַר־לוירן זיינע אייגענע קינדער, וויל ער זיך טרייסטן מיט די קינדער פון אַנ־דערע.

ווען דער רופא האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אָפטער צו ווייזן און יעדעס מאָל נישט מיט קיין ליידיקע הענט, האָבן שוין די ווייבער גאָר אַנדערש גערעדט:

— אַז צו אונדז קומט דער רופא — דאַרפן מיר אים באַצאָלן. ווען ער קומט אָבער צו פראַדלען — צאָלט ער א י ר צו.

מען האָט שוין טאַקע אין איין ווענט אָנגעהויבן צו רעדן, אַז דער רופא קומט נישט בלויז צום קינד, נאָר אויך צו דער מאַמען. און ווער ווייסט טאַקע צי דאָס קינד — יאָ, אַ פרעמד קינד האָט מען נישט אַזוי ליב.

ס'זענען די רייד דערגאַנגען אַזש ביז צו זאַנוולען. ער איז תמיד גע־ווען אַ נכנע צו פראַדלען, אָבער ער האָט זיך איינמאָל אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו איר:

— וואָס קומט ער, דער רופא, אַזוי אָפט אַהער. איך בין אים מוחל די מתנות.

פראַדל האָט אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן מיט ביטול:

— מוחל די מתנות? אַזאַ גרויסער פּאַרדינער ביסטו?

ס'האָט פון אים אַרויסגעפּלאַצט:

— איך דאַרף נישט, אַז לייט זאָלן רעדן!

פראַדל איז אַריין אין כעס:

— וואָס רעדן לייט, אַה? אפשר רעדן לייט וועגן דעם, אַז איך דאַרף

אָפּפּינצטערן מיינע יונגע יאָרן מיט זאַנוועלע לאַטוטניק? אפשר רעדן לייט דערפון, אַז זאַנוועלע לאָזט איבער זיין ווייב כמעט אויף דער גאַנצער וואָך, זי זאָל זיך דאַרפן אַליין מוטשען און פּלאָגן מיט פיר קינדער?

זאַנוול איז געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, אַז אַ פינגערהוט וואָלט אים געקענט פאַרדעקן.

און שלמהלע איז געוואַקסן. דער רופא פלעגט אים כסדר ברענגען פאַרשידענע מתנות. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קנאה קעגן אים מצד די איבעריקע קינדער. זיי האָבן אים געגעבן אַ צונאָמען „יוספל“, אַ רמז אויף יעקב אבינום זון, וועלכער איז אויך געווען צעבאַלעוועט. בעת דער רופא איז געווען אין שטוב, האָבן זיי זיך ווי געמאַכט נישט זעענדיק, ווי דער רופא איז אָבער אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי זיך אויף שלמהלען אַ וואָרף געטון און אַרויסגעריסן פון זיינע הענט די זיסוואַרג און זיך מיט איר צעטיילט. נאָך ערגער איז אָבער געווען, ווען דער רופא האָט געבראַכט שלמהלען אַ באַלן. יעדער האָט געוואָלט מיט אים שפּילן. דאָס זעלבע, ווען ער האָט געבראַכט שיינע שיכלעך, צי אַ שאַליקל. מיט די דאָזיקע זאַכן קען מען זיך נישט צעטיילן. מען קען זיי אויך נישט צוגעמען, אָדער פון זיי מאַכן אַ תל, דער רופא וועט זיך באַלד פרעגן אויף זיי. פאַר דעם רופא האָבן זיי מער מורא געהאַט ווי פאַרן טאַטן. זענען זיי געשטאַנען און צוגע־קוקט מיט קנאה און מיט כעס, ווי ער טראָגט די שיך, דאָס שאַליקל און שפּילט זיך מיט דעם באַלן. דאָס האָט שלמהלען טייער געקאָסט: די קינ־דער פלעגן אים האַלטן אין איין קנייפּן, רייסן די האָר פון דער פאה, צי קוועטשן אים דאָס קליינע פינגערל — אַלץ אַזעלכע עגוויים, וואָס דער מלמד פלעגט זיי אָנטון אין חדר. דערביי האָבן זיי געצוווּנגען שלמהלען ער זאָל שווערן ביי גאָט, אַז ער וועט פון דעם נישט דערציילן דעם רופא.

שלמהלע פלעגט וואַרטן אויפן רופא מיט גרויס בענקשאַפט. ער האָט פון אים טאָג און נאַכט געקלערט. פלעגט ער אַריינקומען, האָט ער ממש אויפגעלעבט. פלעגט ער נישט קומען אַ טאָג, איז ער אַרומגעגאַנגען טרויע־ריק. דאָס האָט זאַנוול געפילט און ס'פלעגט אים שטאַרק פאַרדריסן. ער איז נישט אימשטאַנד זיך צו פאַרמעסטן מיטן רופא. אַ טאַטע שרייט אַמאָל אויף זיין קינד, שלאָגט עס אַפילו טיילמאָל, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט מורא, אַז ער וועט דורך דעם ווערן אוים טאַטע פונעם קינד. דער רופא אָבער קויפט שלמהלען כסדר אונטער מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ געלט און אַ מתנה. דאָס צעבאַלעוועט אים, מאַכט פון אים אַ תל. ווידער, ער האָט נאָך דריי קינדער אויסער שלמהלען און קען אים נישט אַזוי אין זינען האָבן. ביים רופא איז שלמהלע אַ בן יחיד. אַז ער עסט ביים רופא שאָקאָ־לאַד, ווי קען ער שוין פילן דערנאָך אַ טעם אין רעטעך און אין דער קאַר־טאָפל־זופּ, וואָס מען גיט אים אין שטוב? אַלע קינדער עסן, וואָס מען גיט

זיי, וואָלט מען זיי נאָר אַזוי פיל געגעבן. ע ר איז אַן איבערקלויבער. נישט בחינם זענען גוט אויס אַלע קינדער און ער איז דאַר און בלייך. אַלע קינ־דער זענען פריילעך, שפּילן זיך, און ער זיצט זיך אַליין אין אַ ווינקל און קלערט עפּעס און קלערט. פון רופא קלערט ער מסתם. ער וועט אים די מחשבות אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ. זאָלן לייט רעדן וואָס זיי ווילן, שלמהלע איז זיין קינד און ער קען מיט אים טון, וואָס זיין האַרץ גלוסט. יעדעס מאָל נעמט ער און לייגט אים אַריבער איבער דער קני און שמייסט אים אָן. דאָס איז גלייכצייטיק אַ נקמה אינעם רופא און אפשר קילט ער זיך אויך דערמיט דעם כעס קעגן פראַדלען פאַר איר שלעכטער אויפפירונג, פאַר דעם, וואָס צו איר קומען אַזוי פיל מענער.

בעת די שכנטעס הערן שלמהלעס געוויין, זאָגן זיי:

— ווען אַ קינד האָט צוויי טאַטעס — איז עס אַ יתום.

און פראַדל האָט זיך נישט אָנגענומען פאַר דעם קינד. זי האָט זיך געהאַט איר סיבה. ס'האָט זי פאַרדראָסן, וואָס דער רופא קומט בלויז צום קינד און זי זעט ער כמעט נישט. זי איז זיכער, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זי האָט זיך געעלטערט, ווייל זי איז געוואָרן דיקער און ס'האָבן זיך באַוויזן קנייטשן אַרום איר מויל. זי זוכט אַ געלעגנהייט מיט אים זיך אויסצוטענהן וועגן דעם. דער רופא פילט עס, האָט מורא דערפאַר און ער באַמיט זיך דאָס אויסצומיידן. ס'איז אים אָבער נישט געלונגען.

אין איינעם אַן אָוונט איז ער געקומען און געבראַכט אַ מתנה שלמה־לען. ער האָט זיך געשפּילט מיט אים, ביז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן. דעמלט האָט ער געוואָלט אַוועקגיין, נאָר זי האָט אים פאַרהאַלטן און אַרויס מיט לשון:

— און איך לעב שוין נישט, אַה? אויס פראַדל?!

ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און געפרעגט:

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

— אַ בלינדער קען דאָך זען, אַז דו קומסט נישט צו מיר, נאָר צום קינד!

ער האָט זי אָנגעקוקט אַ שווייגנדיקער און נאָך אַ ווײַלע געזאָגט:

— דאָס קינד, ווייס איך, דאַרף מיך. און דו? — איך זע וויפיל מע־נער ס'קומען צו דיר.

זי האָט געזאָגט מיט שפּאָט:

— יאָ, איך ווייס. יעדער מאַנסביל וויל, אַז די פרוי זאָל פאַרראַטן איר מאַן בלויז מיט אים. און דער כעס האָט אין איר אויפגעזאָטן:

— דו ביסט אייפערזיכטיק, אַה? זאַנוול איז מיט מיר אונטער דער חופה געשטאַנען און איך רעכן זיך נישט מיט אים, וועל איך ד י ך פרעגן ווי אַזוי איך דאַרף מיך אויפפירן!

דעם רופאס שטים איז געוואָרן זייער ערנסט, אַביסל הייזעריק:

— פונדעסטוועגן וואָלסטו זיך געדאַרפט יאָ אַביסל מיט מיר רעכענען. דו ביסט טאַקע נישט מיין ווייב, אָבער דו ביסט די מאַמע פון מיינס אַ קינד.

זי האָט אים אַ לאַך געטון גלייך אין פּנים אַריין:

— כאַ־כאַ־כאַ! פון וואַנען ביסטו דאָס אַזוי זיכער?

ער איז געוואָרן בלייך און געשטאַמלט:

— צי ווילסטו שוין אָפּלייקענען, אַז דו... אַז דו ביסט... מיט מיר געשלאָפן?

— חלילה, איך וויל דאָס נישט לייקענען — האָט פראַדל געענטפערט מיט עזות — אָבער איך בין געשלאָפן נאָך מיט זאַנוולען און מיט דריי אַנדערע!

ער האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך אַ פרוי פון יענע ראָמאַנען, וואָס ער האָט אַזוי פיל געלייענט אין זיינע יונגע יאָרן. אַ פרוי אַן אויסגעלאַסענע, אַ פאַררעטעריין, מיט אַ שטיינערן האַרץ.

— שלאַנג! שלאַנג אין אַ פרויען־געשטאַלט! — האָט ער אויסגעשריגן.

און ער איז גלייך אַרויס פון דער שטוב.

.5

דער רופא האָט אויפגעהערט קומען צו זאַנוולען אין שטוב אַריין. ער האָט זיך בכלל זעלטן געוויזן אין גאַס. איז געזעסן ביי זיך אין שטוב און געלייענט אַלטע ראָמאַנען. ער האָט זיי אויפגעזוכט אויפן בוידעם. זיי זענען דאָרט געלעגן נאָך פון די קינדער־יאָרן. דעמלט פלעגט ער טאָג און נאַכט זיצן און זיי לייענען, לעבן כסדר אין פרעמדע וועלטן און מיט פרעמדע גורלות. דערנאָך האָט ער די ראָמאַנען פאַרוואָרפן און געפרוווט זיך שאַפן אַן אייגן ממשותדיק לעבן. נאָך צוואַנציק יאָר — שטייט ער ווידער אַליין, פון אַלץ באַרויבט, און מוז אויפסניי צוריקגיין צו דער אויסגעטראַכטער וועלט, כדי ביי איר זוכן פאַרגעסונג און טרייסט.

ער האָט אָבער שוין נישט געקענט זיך אַריינטון אַזוי אין דער וועלט און אין גורל פון פרעמדע ווי אַמאָל. צווישן איין קאַפּיטל און צווייטן פונעם ראָמאַן האָבן זיך אַריינגעריסן קאַפּיטלען פון אייגענעם לעבן. דאָס אייגענע לעבן איז דאָך נישט קיין בוך, וואָס אויב ס'געפעלט נישט דאָרט עפּעס אַ שטעלע, מישט מען איבער עטלעכע בלעטלעך. דאָס אייגענע לעבן מוז מען לייענען יעדעס בלעטל, יעדע שורה, יעדעס וואָרט.

ביי אים האָבן זיך נישט געהאַלטן קיין קינדער, האָט ער געוואָלט

האָבן אַ קינד אין אַ פֿרעמדנס שטוב. צי איז דאָס אָבער מעגלעך? ער דערמאָנט זיך אין אַ משונהדיקן פֿאַל: אַ ייד האָט פֿאַרזעצט בײַ וועלוול דעם פּראָצענטניק זײַן גאָלדענעם זייגער און איז צומאָרגנס געקומען צו אים, אַז ער וויל אים אָנציִען. ער וויל אַזוי קומען יעדן טאָג אים אָנציִען, האָט ער געזאָגט. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלאַכט פֿון דער מעשה. אויב דאָס איז נישט מעגלעך צו מאַכן מיט אַ זייגער, ווי איז דאָס מעגלעך מיט אַ קינד? ווער ווייסט נאָך דערצו צי איז דאָס טאַקע זײַן קינד? אויב זי איז געשלאָפֿן מיט אים, פֿאַרוואָס איז נישט מעגלעך, אַז זי זאָל האָבן אויך געשלאָפֿן מיט אַנדערע? און אפֿשר איז עס פֿאָרט זײַן קינד? איי פֿראַדל האָט געזאָגט, אַז נישט — האָט זי מסתּם געוואָלט אַזוי אַרום אין אים נקמה נעמען פֿאַר דעם, וואָס ער וויל מיט איר נישט לעבן. פֿאַרוואָס גיט גאָט מוטערשאַפֿט צו אַזעלכע ווי פֿראַדל? — אין די הענט פֿון אַ לייכטזיניקער, אויסגעלאַסענער פֿרוי ליגט זײַן גורל. ניין, ער וועט שוין קיינמאָל נישט פֿרײַ ווערן פֿון ספֿיקות. זײַן רו איז שוין אויף אייביק צעשטערט.

שוין וואָכן, אַז ער איז אַהין נישט געגאַנגען. ער פּרוּווט אין זכּרון אַרויסרופֿן שלמהלעס פּנים, זײַן קול, זײַן גאַנג. אינדערפֿרי הייבט ער אים אויף פֿונעם בעט. מיטאָג־צײַט זעצט ער אים אַוועק בײַם טיש עסן, און אויפֿדערנאַכט, טוט ער אים אויס און לייגט אים שלאָפֿן. פֿאַראַנען צײַטן, ווען אים באַפֿאַלט אַ מוראדיקע בענקשאַפֿט נאָכן קינד. ער קען נישט גובֿר זײַן די געפֿילן. ס'דאַכט זיך אים, אַז ער מוז אַהין גיין. הייַנט האָט ער זיך געלאָזט גיין, שוין געשטאַנען אַפֿילו פֿאַר דער טיר עטלעכע רגעס מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ווי אַ גנבֿ, און צום סוף — ער ווייסט נישט, צי איז דאָס געווען אַ סימן פֿון שוואַכקייט, צי גאָר פֿון שטאַרקייט — ער איז געגאַנגען צוריק צו זיך אַהיים.

*

אַרום טיש בײַ בערל דעם מלמד אין חדר זענען געזעסן צוויי רייען קינדער אויף לאַנגע בענק און געלערנט חומש. צווישן די קינדער איז געזעסן אויך שלמהלע און ווי אַלע אַנדערע האָט ער הויך אויפֿן קול נאָכגעזאָגט דעם רבין און דערבײַ זיך צוגעשאָקלט. ער האָט אָבער נישט געהערט, וואָס ער האָט אַליין געזאָגט. ער האָט געטראַכט פֿון דעם, וואָס דער טאַטע שלאָגט אים און די מאַמע נעמט זיך פֿאַר אים נישט אָן. וואָס די צוויי ברידער זײַנע זענען צווישן זיך חבֿר און מיט אים — שטענדיק ברוגז. דאָס איז צוליב דעם רופֿא. זינט ער האָט אים פֿאַרלוירן, האָט ער נאָך מער עגמת־נפֿש אויסצושטיין פֿון די ברידער, ווײַל זיי ווייסן, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דעם באַשיצער. פֿאַרוואָס האָט טאַקע דער רופֿא אויפֿגעהערט צו קומען?

מיט וואָס האָט ער זיך קעגן אים פאַרזינדיקט ? ער טראַכט וועגן דעם די גאַנצע צייט. ס׳גייט אים גאָרנישט מער אין קאָפּ אַריין. אַלע האַלטן אים דערפאַר פאַר אַ גולם.

פּלוצים גיט דער רבי אַ פרעג :

— שלמהלע, ווו האַלט מען ?

ס׳ווערט מיטאַמאָל שטיל. אַלע קינדער ווענדן זייערע בליקן צו אים. שלמהלע לייגט אַרויף די גאַנצע האַנט אויפן חומש און ווייזט :

— דאָ...

דעם רבינס שטים ווערט בייסיקער :

— ווו, דאָ ? וועלכער פּסוק ?

שלמהלעס פינגער ציטערן באַלד איבער דער, באַלד איבער יענער שורה. די קינדער פּלאַצן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

ער האָט געכאַפּט שמיץ פון רבין.

שפּעטער, ווען די קינדער זענען געגאַנגען אַהיים פון חדר, איז שלמהלע געגאַנגען באַזונדער. ס׳האָבן אים נישט אַזוי ווי געטון דעם רבינס שמיץ, ווי ס׳האָט אים געאַרט, וואָס זיינע ברידער האָבן אין אים דערלעבט אַ נקמה. זיי וועלן זיך אין שטוב מיט אים רייצן. דער טאַטע וועט געוווּיר ווערן פון זיין בראָך און וועט נאָך מוסיף זיין זיינע אייגענע קלעפּ. מיטאַמאָל איז אים באַפאַלן אַ מחשבה : ער וועט נישט גיין אַהיים. ער וועט זיך אַזוי לאָזן איבערן שניי, גיין און גיין, אָן אַן ענד, אָן אַ סוף...

ער איז אַריין אין אַ זייטיק געסל. פון דאָרט זיך פאַרנומען צום וועג, וואָס פירט אַרויס פונעם שטעטל. פּלוצים האָט ער זיך דערזען שטיין פאַרן הויז פונעם רופא. איידער ער לאָזט זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין, וויל ער אים זען. וויל ער פריער זיך געזעגענען מיט אים. ער וועט צו אים אַריינגיין.

ווען ער האָט געעפנט די טיר, איז אים אַנטקעגנגעקומען פּעסי.

— וואָס ווילסטו יינגעלע ? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך בין געקומען צום פעטער.

פּעסי האָט אַ טראַכט געטון : גאַדיר אַ פעטער אָן בויך־ווייטיק ! און געענטפערט האָט זי זים :

— אַזוי... אַזוי... דו ווילסט זען דעם פעטער... זייער שיין... וואַרט דאָ יינגעלע אַ רגע, איך וועל אים אַריינגיין זאָגן.

און זי איז פאַרשוווּנדן, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

פּעסע האָט געהאַט גרויס הנאה פון דעם, וואָס דער רופא האָט אויפגעהערט גיין צו פראַדלען. זי פלעגט כסדר צוטראַכטן פאַרשידענע פּאָרטלען ווי אַזוי אים פון איר אַוועקצורייסן. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. און דאָ פּלוצים איז עס געקומען פון זיך אַליין. מען זאָל אָבער חלילה נישט

מיינען, אַז דאָס אַלץ האָט פּעסי געטון מחמת זי האָט נישט געוואָלט, אַז איר שוואָגער זאָל גיין צו אַ פרוי, וואָס איז נישט צו זיין כבוד. זי האָט געזען, ווי ער קויפט יעדעס מאָל מתנות פאַר דעם קינד, ווי ער מוז כמעט יעדן טאָג אַהין גיין עס זען. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז דאָס קינד איז זיינס. אויב אַפילו נישט זיינס, נאָר ער האָט עס סתם ליב באַקומען, דראָט איר אַ גרויסע סכנה: ער קען נאָך מאַכן דאָס קינד פאַר זיינעם אַ יורש. דאָ האָט איר שוועסטער באַלעבאַטעוועט און זי טאָר נישט דערלאָזן, אַז די שטוב, צי די מינדסטע זאַך, זאָל אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט אַריין.

ווען זי איז אַריין צום רופא אין צימער, איז ער געזעסן און געלייענט אַ ראָמאַן. די אָרעמע יתומה איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אויס־וורפן. מען מאַטערט זי. איר געליבטער זוכט זי אַרום איבער דער וועלט. ער קומט אין דער זעלבער אַכסניה ווו זי ליגט פאַרשפאַרט. זיי ביידע טיילט בלויז אָפּ אַ וואַנט, נאָר זיי ווייסן נישט דערפון.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון בוך. זיינע בליקן זענען געווען נישט דאָאיקע.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס זאָל איך קאָכן מאָרגן אויף מיטאָג? —

דער רופא האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— קאָכט, וואָס איר ווילט! שטערט מיר נישט!

פּעסי איז צוריקגעקומען צו שלמהלען.

— יינגעלע — האָט זי געזאָגט — איך האָב גערעדט מיטן רופא. ער וויל דיך נישט זען.

שלמהלע איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטאַרטער. די אויגן האָבן אים גענומען איבערגיין מיט טרערן. פּעסי האָט עס באַמערקט, צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע, אַרויסגענומען אַ קיכעלע און עס דערלאַנגט שלמהלען מיט גרויס גוטהאַרציקייט:

— נעם יינגעלע, נעם!

ערשט האָט שלמהלע זיך געוואָלט לאָזן אין דער ווייטער וועלט אַריין און שוין איז ער ווי געלייַמט, קען נישט מאַכן קיין טריט. ער וועט זיך פון שטעטל נישט רירן, ביז ער וועט נישט זען דעם רופא. ער מוז אים זען. ווי אַזוי אָבער, ווי אַזוי? — ער ווייסט שוין. ער האָט אַ פּלאַן: ווען ער גייט אַרויס אין גאַס, הייסט אים די מוטער פאַרקנעפּלען דאָס מענטעלע, ווייל ס'איז ווינטער און ער קען זיך פאַרקילן. איצט איז אַ פראָסט און אַ זאַווייערוכע, ער וועט אויפקנעפּלען דעם מאַנטל, אַפילו דאָס רעקל און וועט זיך פאַרקילן, קראַנק ווערן — דער רופא וועט מוזן קומען צו אים ביז אין שטוב אַריין.

ער איז געקומען אַהיים אַ האַלב־פאַרפרוירענער. די קינדער האָבן

שוין געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע און זיך געגרייט לייגן שלאָפן. די מוטער האָט אים אויפגענומען מיט אַ געשריי:

— וווּ ביסטו געווען, אַה? דיין מזל, וואָס דער טאַטע איז נישט הי, ער וואָלט דיר שוין געוויזן ווי אַזוי זיך אַרומצושלעפּן אַזוי שפּעט!

די קינדער זענען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָבן זיך גענומען אָנ־טון, נאָר שלמהלע רירט זיך נישט פונעם געלעגער. זיי רייסן אַראָפּ דאָס איבערבעט פון אים און שרייען:

— שטיי־אויף יוספל. גענוג צו חלומען!

נאָר שלמהלע איז ווייטער געלעגן. צום בעט איז צוגעקומען די מוטער און אים געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס שטייסטו נישט אויף?

שלמהלע האָט געענטפערט מיט אַ הייזעריק קול:

— ס'שטעכט מיך...

די מוטער האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו זיין שטערן און אַ דערשראָ־קענע אויסגערופן:

— ווי איז מיר! ער ברענט דאָך ווי אַ פייער!

ס'איז אַוועק אַ טאָג און צוויי. שלמהלען איז געוואָרן ערגער. די היץ האָט זיך ביי אים געהויבן. פראַדל האָט תחילת נישט געוואָלט רופן דעם רופא, נאָר דערנאָך האָט זי זיך געמוזט אונטערגעבן. ער איז גלייך גע־קומען, באַקלאַפּט דאָס קינד און אַ בלייכער געזאָגט פראַדלען:

— ס'איז שלעכט מיט אים... זייער שלעכט... רופט דעם דאָקטאָר...

פראַדל האָט אויף זיך אַ כאַפּ־געטון דעם שאַל און איז שנעל געלאָפן צום דאָקטאָר. דער רופא האָט זיך אָנגעבויגן צו שלמהלען:

— דערקענסט מיך, שלמהלע?

שלמהלע האָט אים דערקענט. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים: ער האָט אויסגעפירט זיינס! דער רופא איז צו אים געקומען!

איצט קען ער זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין העט־וויט, העט־וויט...

כ ו ח

ווי נאָך די דײַטשן זענען איבערגעפֿאַלן פּוילן, האָט מען מיך גערופֿן אויף דער מלחמה. נאָך צוריק מיט זיבן יאָר האָב איך געדינט אין דער אַרמיי און דאָרטן געוואָרן אַ סאַניטאַר. די איינציקע באַוואָפֿענונג פֿון אַזאַ איינעם, איז אַ באַנדאַזש. אין צײַטן פֿון שלום, ווען איך פֿלעג אַרויסגיין אין אַ זונטיק־טאָג איבער דער שטאָט, איז עס אויך געווען אַ כּלי־זיין, נאָר בעת דער מלחמה, האָט אַ באַנדאַזש נישט קיין שום חשיבות. איך האָב אַזוי אַרום געהאַט דאָס רעכט פֿון יעדן סאָלדאַט געהרגעט צו ווערן, אַ קליינע שאַנס זיך צו פֿאַרטיידיקן און בכלל קיין שום מעגלעכקייט אַ צווייטן צו הרגענען.

מען האָט מיך צוגעטיילט צו אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט געדאַרפֿט אַוועקגיין אויפֿן פֿראָנט. דאָס פֿאָרמירן די אָפּטיילונג האָט אַ ביסל געדויערט, און איידער איך האָב באַוויזן צו קומען אויפֿן פֿראָנט, איז ער געקומען צו מיר: די דײַטשן האָבן זיך שוין געפֿונען אַזוי נאָענט, אַז מען האָט דער אָפּטיילונג געגעבן דעם באַפֿעל צו פֿאַרטיידיקן די שטאָט.

מיך האָט מען איבערגעשיקט אין אַ „קראַנקן־צימער“, וואָס האָט זיך געפֿונען אין די קאָשאַרן פֿון אַ פֿוסגייער־פּאָלק. ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, זענען די קאָשאַרן געווען פּוסט — די סאָלדאַטן זענען געווען אויפֿן פֿראָנט. אין „קראַנקן־צימער“ האָב איך געטראָפֿן עטלעכע קראַנקע סאָלדאַטן און טאַקע עטלעכע לײַכט־פֿאַרווונדעטע. די שווער־פֿאַרווונדעטע פֿלעגט מען אָפּפֿירן אין גרויסן שפּיטאָל, וואָס בײַם צווייטן עק שטאָט.

באַלד ווי איך בין געקומען, האָט מען מיך גענומען אויף אַרבעט. נישט צו באַנדאַזשירן פֿאַרווונדעטע, צי מעסטן היץ בײַ די קראַנקע א. אַז. וו. נאָר אײַנגאַנצן צו עפּעס אַנדערש. יעדער סאָלדאַט, ווי ער קומט נאָר אין פּאָלק אַרײַן, באַקומט צוזאַמען מיט די מיליטערישע מלבושים און דער באַוואָפֿענונג, אויך אַ בלעכל צו טראָגן אויפֿן האַלדז. אין דעם בלעכל ליגט אַ קליין צעטעלע. אויף דעם צעטעלע דאַרף דער סאָלדאַט אויפֿשרײַבן זײַן נאָמען, פֿאָרנאָמען, אַדרעס, און אַן אַדרעס פֿון אַ נאָענטן מענטשן, וועמען מען זאָל, אין פֿאַל ווען ער ווערט געהרגעט, מודיע זײַן וועגן טויט.

די סאַניטאַרן האָבן באַלד דערקענט, אַז איך בין אַ ייד. (און אַ ייד קען

אַליץ) האָבן זיי מיך געבעטן אויסצופילן די צעטעלער. איך האָב עס געטון, און ווי נאָר די צעטעלער זענען געוואָרן אויסגעשריבן, האָט זיך יעדער גענומען זיינגס, אויפגעהאַנגען עס אויפן האַלדז און זיך איבערגעצלמט. דאָס זענען געווען רגעס ערנסטע און פייערלעכע. ס׳האָט אַ ווייע געטון מיט טויט.

שפּעטער, נאָך מיטאָג, זענען צו מיר געקומען נייע געסט: די קוכערס. צוויי הויכע און שטאַרקע יונגען — גבורים. ביידע זענען געווען פון דער היים — קצבים. זיי האָבן געהערט, אַז איך שרייב אויס די צעטעלער, בעטן זיי מיך, איך זאָל אויך אויספילן זייערע. מילא, איך האָב אָנגעהויבן, מוז איך שוין גיין ווייטער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און זיי זענען מיט גרויס דרך-ארץ געשטאַנען פאַר מיר. ווי איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן, האָבן זיי געקוקט מיט גרויס באַוואונדערונג ווי קונציק איך פיר מיט דער פעדער און מאַך אַזעלכע קיילעכיקע און שיינע אותיות. זיי האָבן מיר געדריקט די האַנט און געזאָגט „בוג זאַפּלאַטיש", (גאָט באַצאָל), אָבער זיי האָבן זיך נישט פאַרלאָזט בלויז אויף גאָט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי מיר געבראַכט עטלעכע פּודעלעך פּאַפּיראָסן און אַ שטיקל וואָרשט — אַ מתנה.

דער דאָקטאָר פון דעם „קראַנקן-צימער" האָט גענומען עטלעכע פּאַציענטן און זיך געלאָזט מיט זיי צו די פּאָדערשטע פראָנט-פּאָזיציעס. מיך האָט ער איבערגעלאָזט אין קראַנקן-צימער. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז מיר קען מען פאַרטרויען די קראַנקע, אַז איך בין אַ מענטש, וואָס וועט זיך ביי יעדן פאַל אַן עצה געבן. דעמלט בין איך געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס איבער דעם „קראַנקן-צימער". איך אַליין האָב באַנדאַזשירט די פאַרוואונדעטע, געמאָסטן די היץ ביי קראַנקע, זיי געגעבן רפואות און געזאָרגט, אַז זיי זאָלן באַקומען די געהעריקע שפּייז.

וואָס שייך דער שפּייז, זענען מיר געקומען צוהילף די קוכערס. זייט איך האָב פאַר זיי אויפגעשריבן די צעטעלער, זענען זיי געוואָרן מיינע פריינד. מיט דער צייט האָט זיך געמאַכט נאָך אַ סיבה, אַז זיי זאָלן זיין גוט צו מיר: אויב ס׳האָט זיך געמאַכט אַ נאַכט און ס׳איז געווען פריי אַ בעטל אין „קראַנקן-צימער", האָב איך זיי דערלויבט אויף אים צו שלאָפן. אַנשטאָט אויף זייערע אַלטע בעטן מיט שטרוי-זעק, זענען זיי געשלאָפן אויף ווייכע מאַטראַצן אין שיינע און ריינע צימערן. זיי האָבן מיר אָפּט געבראַכט דערפאַר מתנות פון דער קיך. אַזוי-ווי ס׳האָט זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט אַ ביסל שפּייז, האָב איך איינמאָל באַשלאָסן זי צו ברענגען אַהיים צו דער משפּחה. ס׳איז פאַר זיי איצט זייער שווער עפּעס צו באַקומען, זיי קערן מסתם דאַרט הונגערן.

איך האָב אויסגעקליבן צווישן די קראַנקע איינעם אַן אונטער-אָפיציר און אים געמאַכט פאַר דעם עלצטן פון דעם „קראַנקן-צימער" איבער די

עטלעכע שעה, וואָס איך וועל נישט זיין, און כ'האָב זיך געלאָזט אין שטאָט אריין, אהיים.

אין דער היים, האָב איך געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן. אַ שכנטע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די מאַמע און די שוועסטער באַהאַלטן זיך פאַר די באָמבאַרדירונגען אין אַן אַנדער הויז. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי געפינען זיך, אינאיינעם מיט מיין עלצטן ברודער און זיין משפּחה, אין אַ קעלער פון אַ רעווי־טעאַטער. דאָרטן האָט מען אַמאָל אויפגעבויט אַ קליינעם זאַל צום טאַנצן און ביי דער זייט — קליינע צימערלעך, ווו ס'פלעגן זיצן די פּאָרלעך, עסן, טרינקען און זיך פאַרוויילן. אַזוי־ווי קיין בעלנים צו קומען אַהער זיך פאַרוויילן זענען איצט נישט פאַראַן, האָט דער באַלעבאָס פון הויז פאַרדונגען די צימערלעך צו וווינען אין זיי ביז די סכנה וועט אַריבער.

בעת איך בין אַריינגעקומען אין קעלער, איז דער זאַל געווען פאַרפולט מיט דאַוונענדיקע יידן. ס'איז היינט ראש השנה און די יידן האָבן דאָ געמאַכט אַ מנין. די יידן שטייען איינגעהילט אין די טליתים, שאָקלען זיך, שרייען, וויינען: מי לחיים — ווער ס'וועט נאָך פון דאַנען אַרוים אויף דער ליכטיקער שיין, אָדער מי למות — ווער ס'וועט פאַרשיט ווערן אונטער די ציגל פון אַ באָמבע... עטלעכע טענצערינס, וואָס פלעגן דאָ אויפטרעטן אַמאָל און שיצן זיך אויך אין דעם קעלער פאַר באָמבעס, האָבן אַ ביסל צערוקט די פאָרהענגלעך פון זייערע צימערלעך, קוקן מיט פּחד און דרך־ארץ אויף די דאַוונענדיקע יידן, זייערע ליפּן באַוועגן זיך, ווי זיי וואָלטן אויך געזאָגט אַ תּפילה, אַ תּפילה אָן ווערטער...

איך האָב איבערגעגעבן מיין משפּחה די שפּייז־פּראָדוקטן, זיך אַ ביסל דורכגעשמועסט און שוין געוואָלט פאַרלאָזן דעם קעלער, נאָר אינצווישן האָבן די יידן אָפּגעדאַוונט, מיך אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן מיר צו שטעלן פאַרשידענע פראַגן. מען וויל פון מיר וויסן ווי ס'האַלט מיט דער מלחמה, ווען וועלן אַמעריקע און ענגלאַנד אונדז קומען צו הילף און ווי אַזוי „אונדזערע" שלאָגן זיך. וועגן דעם ווען אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן קומען צוהילף, האָב איך געענטפערט אויסמיידנדיק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ מיליטערישער סוד, וואָס איך טאָר נישט אויסגעבן, אָבער אויף דער צווייטער פראַגע, האָב איך פאַרזיכערט, אַז „מיר" טוען אַלץ וואָס מיר קענען, כדי נישט אַריינצולאָזן די דייטשן אין שטאָט אריין. איך בין באַלד אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן און זיי האָבן אויף מיר געקוקט אַזוי ווי איך וואָלט געווען זייער מלאך המושיע.

אין דער אמתן, האָב איך זיך זייער שלעכט געפילט. ווען זיי ווייסן, למשל, אַז איך שלאָג זיך אינגאַנצן נישט, אַז איך בין בסך־הכל בלויז אַ סאַניטאַר, אַפילו אָן אַ ביקס, אַז איך האָב ביז היינט אַפילו נאָך קיין איין

שאָס נישט געטון — וואָלט מיין אָנזען גלייך געפאַלן. הפנים, אַז די טענ־צערינגס האָבן מיך אויך געהאַט די גאַנצע צייט אויפן אויג. ווען איך בין שוין געשטאַנען אויף דער שוועל גרייט אַוועקצוגיין, איז צו מיר צוגעקומען איינע און מיך געפרעגט מיט גרויס נייגער:

— פשעפּראַשאַם... (אַנטשולדיקט), איך דינט אין וואָס פאַר אַן אָפּ־טיילונג?

איך בין געוואָרן אין דער ערשטער רגע אַ ביסל צעמישט, נאָר באַלד האָב איך געמאָלדן מיליטעריש:

— ביי טאַנקן!...

— ביי טאַנקן! — האָט זי אויסגעשריגן באַגייסטערט — אָ, דאָס איז פיין, בראַוואָ!

איך בין אַרויס פון הויז. אויף דער גאַס, האָב איך גלייך חרטה באַ־קומען אויף דעם, וואָס איך האָב אָפּגענאַרט און נישט געזאָגט דעם אמת אין וואָס פאַר אַן אָפּטיילונג איך דין. וואָס איז מיט מיר געשען? צי האָלט איך שוין אויך ווי אַ סך אַנדערע, אַז טויטן איז העלדישער ווי ראַטעווען פון טויט?

ווען איך בין צוריקגעקומען אין די קאַשאַרן, האָב איך שוין דאָרט גע־טראָפן דעם דאָקטאָר מיט די סאַניטאַרן. ווי דער דאָקטאָר האָט מיך דער־זען, האָט ער אויסגערופן:

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען, איך דאַרף דיך איצט האָבן! זיי — ער האָט געוויזן אויף די סאַניטאַרן — זענען מיד. אַ גאַנצע נאַכט און ביז איצט זענען זיי געווען אויף די פּאָזיציעס. היינט, גיי איך אַרויס מיט דיר. דו ווייסט דאָך אַפילו נישט וואָס ס'איז אַזוינס מלחמה. היינט וועסטו באַ־קומען דיין „כזשעסט אָגניאָווי" (פייער־פּרווו).

אַזאַ וועג האָט געשמעקט מיט סכנה, נאָר פונדעסטוועגן האָב איך די ידיעה נישט אויפגענומען מיט פּחד. פּריוואַטליך וואָלט איך אפשר אַהין נישט געווען געגאַנגען, נאָר אויב מען הייסט מיר, בין איך צופרידן וואָס ס'איז אַזוי געשען. איך האָב אַרויפגעצויגן אויפן אַרבל אַ ווייסע באַנד מיטן רויטן קרייץ, אָנגעטון דעם סאַניטאַרן־טאַש מיט באַנדאַזשן און רפואות, גענומען אויפן אַקסל אַ טראָגבעטל און זיך געלאָזט צוזאַמען מיטן דאָק־טאָר אין וועג אַריין.

מיר זענען אַדורך בלויז עטלעכע גאַסן און באַלד געווען הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון יידישן בית־עולם. אויפן בית־עולם, צווישן די מצבות, האָבן זיך באַזעצט די דייטשן און פון דאָרט באַשאָסן אונדזערע פּאָזיציעס. מיר זענען געגאַנגען אין דער ברייט הינטער אונדזער פאַרטיי־דיקונגס־ליניע. דאָ זענען געווען אויסגעגראָבן אָקאָפּעס, פאַרלייגט שטע־כיקע דראָט־פאַרצוימונגען. אויף יעדע עטלעכע טריט זענען געווען באַ־

פעסטיקט מאַשין־געווערן און מינעוואַרפערס און אויף דעם אַלעם זענען געווען אָנגעוואָרפן צווייגן, כדי צו פאַרמאַסקירן די פּאָזיציע פאַרן שונאס אויג.

ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. דער דאָקטאָר איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. ער איז כמעט ווי געלאָפן. איך האָב קוים באַוויזן אים נאָכצויאָגן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך איינגעהערט:

— עמעצער קרעכצט דאָ — האָט ער געזאָגט — מסתם אַ פאַרוווּנ־דעטער. מען דאַרף אַ זוך־טון.

ער האָט זיך נישט טועה געווען. אין דעם ראָוו ביים וועג, איז געלעגן אַ פאַרוווּנדעטער סאָלדאַט, אַ שראַפּנעל־שפּליטער האָט אים געטראָפן אין בויך. דער דאָקטאָר האָט זיך גלייך אַראָפּגעבויגן צו אים, פאַרבאַנדאַזשירט די וווּנד און בשעת־מעשה מיר געזאָגט:

— זוך דיר צו אַ סאָלדאַט,ביידע וועט איר אויף דעם טראָגבעטל ברענגען דעם פאַרוווּנדעטן אין שפּיטאָל אַריין.

איך האָב זיך גלייך אַ לאָז געטון אויסצופירן דעם באַפעל. נישט ווייט פון דאַנען, הינטער אַ בערגל, איז געלעגן אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן. איך האָב אויסגעזוכט דעם עלצטן און אים געבעטן ער זאָל מיר געבן אַ סאָלדאַט צו העלפן טראָגן דעם פאַרוווּנדעטן. דער עלצטער האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט ביטול און אַ זאָג געטון קורץ:

— איך גיב נישט.

ס'האָט געמוזט קומען דער דאָקטאָר אַליין. דער דאָקטאָר האָט דעם סערזשאַנט אָנגעהויבן זידלען פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט געבן קיין סאָלדאַט. דער דאָקטאָר איז געווען אַ פּאָרוטשניק און יענער בלויז אַ סער־זשאַנט. אָבער דער סערזשאַנט האָט אים נישט אַרויסגעוויזן קיין צופיל דרך־ארץ. ווי הויך עס זאָל נישט זיין דער ראַנג פון אַ דאָקטאָר, האַלטן אים מיליטער־לייט פאַר אַ האַלב־ציווילן מענטשן. סוף־כל־סוף האָט אָבער דער סערזשאַנט נאָכגעגעבן און געהייסן אַ סאָלדאַט מיטגיין מיט אונדז.

מיר האָבן צענומען דאָס טראָגבעטל. איך האָב אָנגענומען דעם פאַר־וווּנדעטן ביים קאָפּ, דער סאָלדאַט — ביי די פיס, דער דאָקטאָר האָט אַרונטערגערוקט די הענט אונטער זיין רוקן (דער סאָלדאַט איז געלעגן נאַזנדיק) און מיר האָבן זיך באַמיט אים אויפהייבן און אַוועקלייגן אויפן טראָגבעטל. ווי נאָר מיר האָבן אים אַ הייב־געטון, האָט ער גענומען שריי־ען, אַז מיר פאַרשאַפן אים גרויסע יסורים.

— באַרויק זיך, פּשיאַ קרעוו! — האָט דער דאָקטאָר אויף אים געשריגן — איך מיין נאָר דיין טובה. מען וועט דיך אָפּטראָגן אין שפּי־טאָל אַריין. דאָ וועסטו קראַפּירן!

נאָך עטלעכע מינוטן האָט זיך דער פאַרוווּנדעטער אַביסל באַרויקט.

דער דאָקטאָר האָט אונדז אָנגעזאָגט, מיר זאָלן אים טראָגן פּאַמעלעך, פאָר־זיכטיק, ווייל יעדע קלענסטע באַוועגונג פאַרשאַפט אים גרויסע ווייטיקן. ער האָט גענומען די ביקס פון דעם פאַרוווּנדעטן און זי אַוועקגעלייגט לעבן אים אויף דעם טראָגבעטל. זיין ביקס מוז מען אויך מיטנעמען, דאָס איז אַזאַ מיליטעריש געזעץ.

דער דאָקטאָר איז געבליבן אויפן אָרט. מירביידע, איך און דער סאָלדאַט, האָבן זיך געלאָזט מיטן פאַרוווּנדעטן אין וועג אַריין. ס'איז געווען פינצטער, אויפן הימל איז געשוועמען אַ פּיצל איינגעדאַרטע לבנה. די שיסעריי האָט זיך געשטאַרקט. ווייזט אויס, די דייטשן האָבן געוואָלט אויסנוצן די פינצטערקייט, כדי איבערצוגיין אין אַן אָנגריף און באַפאַלן אונדזערע פּאָזיציעס.

פון צייט צו צייט האָט אויסגעשאָסן אַ דייטשע ראַקעטע און באַ־לויכטן דעם שטח אַרום. מיר האָבן גלייך אַראָפּגעלאָזט דאָס טראַגברעטל און זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד. מיר האָבן געוווּסט, אַז תיכף נאָך אַזאַ ראַקעטע ווערט באַשאָסן דער באַלויכטענער שטח, אויב עמעצער געפינט זיך דאָרטן. יעדעס מאָל בעת מיר האָבן אַזוי אַראָפּגעלאָזט דאָס טראָגברעטל, האָט דער פאַרוווּנדעטער אָנגעהויבן צו קרעכצן און שרייען, אַז מיר פאַר־שאַפן אים דערמיט יסורים. מיר האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה.

איך האָב דערפילט אַ מידקייט אין די הענט. אין מיין לעבן האָב איך קיינמאָל נישט געטראָגן קיין שווערע משאות. די מוסקולן זענען ביי מיר קליינע און לויזע. דער פאַרוווּנדעטער, צוזאַמען מיט דער ביקס און דעם טראָגבעטל, וועגן מסתם זיבעציק קילאָ, און אפשר נאָך מערער. אויף מיין טייל קומט אויס ביז פערציק קילאָ צו טראָגן. דאָס איז צופיל, צופיל פאַר מיר. בעט איך דערפאַר אָפט דעם סאָלדאַט מיר זאָלן זיך אָפּרוען. יענער בורטשעט עפּעס, טוט עס מיט רוגזה.

דאָס שיסעריי מצד די דייטשן ווערט נאָך שטאַרקער. איבער אונדזערע קעפּ פליען כסדר שראַפּנעלן. אונדזערע אָקאָפּעס ווערן פאַרגאָסן מיט אַ מבול פייער. דאָ און דאָרט הייבן זיך אָן די סאָלדאַטן אויפצוהייבן און אַנטלויפן אין גרויסער בהלה. אַן אָפיציר שטייט אויף פון דער ערד, ציט אַרום דעם רעוואָלווער און שרייט:

— פּחדנים! ווער ס'וועט זיך אַ ריר טון פון אָרט — דערשיס איך אים ווי אַ הונט!

מיר הייבן־אויף דאָס טראָגבעטל און גייען ווייטער. נאָך עטלעכע מינוטן און איך פיל שוין ווי הונדערטער שפּיזלעך וואָלטן אַרומגעטאַנצט אין מיינע הענט. איך פּלאָנטער אויך מיט די פיס. איך מוז זיך אָפּשטעלן.

— מיר וועלן זיך אָפּרוען — זאָג איך צום סאָלדאַט.

יענער גיט אַ ברום.

— וואָס איז ? יעדע מינוט זיך אָפּרוען ?!

— איך האָב נישט מער קיין כח. — פאַרענטפער איך זיך.

מיר שטעלן אַוועק דאָס טראָגבעטל. איך וויש און וויש מיר דעם שווייס פון פּנים און בשעת־מעשה באַטראַכט איך מיין „געהילף“, דאָס איז אַ יונג — אַ ריז !

— פון וואַנען ביסטו ? — פרעג איך אים.

— פון וואָלין.

— און דיין פאַך ?

— אַ שמיד.

איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ. ער איז צוגעוווינט אויפצוהויבן אַ שווערן האַמער. ער האָט צו טון מיט אייזן און איז אַליין ווי אויסגעקאָוועט פון אייזן. ווי איך בין אים איצט מקנא ! איך האָב געלערנט אין אַ שול, געלייענט אַ סך ביכער, זיך צוגעהערט צו די רייד פון קלוגע מענטשן, געשטרעבט צו חכמה, וויסן און שיינקייט, אָבער איצט, וויל איך בלויז כוח, בלויז פּשוטן פיזישן כוח !

— גענוג זיך אָפּגערוט ! הייב־אויף דאָס טראָגבעטל — זאָגט צו מיר דער סאָלדאַט.

איך גיי ווידער אָפּ עטלעכע צענדליק טריט און מיר דאַכט זיך, אַז די הענט זענען מיר אָפּגעפרוירן. ס'וועט גאַרנישט העלפן — איך מוז זיך אָפּרוען.

דער סאָלדאַט נעמט שרייען :

— שוין ווידער זיך אָפּרוען, אַה ? אַ ייד האָט פיינט צו אַרבעטן. ער האָט ליב נאָר שאַכער־מאַכער !

איך קריץ פאַר אָנמאַכט מיט די ציין און שריי :

— איך וויל ! דו הערסט, דו כאַם, איך וויל, נאָר איך בין נישט צו־געוווינט צו טראָגן אַזאַ שווערע לאַסט ! איך האָב נישט קיין כוח.

איך שריי־אָפּ און אין האַרצן בלייבט אַ ווייטיק : שוין האַלט עס מיט מיר. דער דאָזיקער רויער וואָלינער שמיד דאַרף מיך מוסרן, אַז איך וויל נישט טראָגן קיין פאַרוווּנדעטן אין שפּיטאָל אַריין. דאָס הייסט דאָך שוין נישט בלויז, אַז איך בין פון אים פיזיש שוואַכער, (מילא, אין דעם בין איך זיך שוין מודה). נאָר אַז ער איז שטאַרקער פון מיר מאָראַליש. ניין, ניין, דאָס איז נישט אמת ! אַלץ אין מיר שטעלט זיך אַנטקעגן דעם גע־דאַנק. ס'איז אָבער אמת, אַז מיר נויטיקן זיך טיילמאָל אין פיזישע כוחות כדי דורכצופירן מאָראַלישע מעשים. וועגן אָט־דעם האָב איך קיינמאָל נישט געקלערט. דערפאַר האָב איך איצט פאַרשפּילט און מוז צאָלן שטראָף.

נאָר באַלד קומען מיר אַנדערע מחשבות אין קאָפּ אַריין : צוריקגע־

שמועסט, פאַרוואָס דאַרף איך אַזוי פיל זיך אָנשטרענגען, כדי צו ברענגען דעם פאַרוואונדעטן אין שפּיטאָל אַריין? אויפן וועג האָב איך געזען זיך וואַלגערן אַ סך פאַרוואונדעטע. מיט וואָס איז דער וויכטיקער פון יענע? צו וואָס זיך פאַרנעמען איצט אַזוי שטאַרק מיט אַ יחיד, וואָס פאַר אַ ווערט האָט איצט אַן איינציקער מענטש? ווער וועט מיר עפּעס טון, אויב איך וועל אים איבערלאָזן און גלעם ווערן אין דער פינצטערניש?

אַ קול אין מיר ענטפערט אָפּ: ניין. דו טאָרסט אים נישט איבערלאָזן! נאָך דער מלחמה, ווען דו וועסט זען אַ יתום, וואָס האָט פאַרלוירן אויף דער מלחמה זיין פאָטער, וועסטו קלערן: דאָס האָב איך געקענט ראַטעווען זיין טאַטן און נישט געוואָלט. ווען דו וועסט זען אַ מאַמע, וואָס האָט פאַרלוירן איר זון, וועסטו קלערן: דאָס האָב איך געקענט ראַטעווען איר זון און עס נישט געטון. דאָס טראָגבעטל וועסטו נאָך טראָגן אַ פערטל שעה, אַ האַלבע — און וועסט ווערן פריי. אויב דו וועסט אים אָבער איבערלאָזן, וועסטו אויף דיין געוויסן טראָגן די חרפה דיין גאַנץ לעבן.

איצט איז מיר שוין קלאָר: אַרום שלאָגן זיך מענטשן איינער מיטן צווייטן, שלאָגן זיך מיט ביקסן, האַרמאַטן, טאַנקן. מיר האָט מען נישט געגעבן קיין כלי־זין אין די הענט אַריין. איך שלאָג זיך נישט מיט קיינעם. מיר איז באַשערט אָבער צו פירן אַ מלחמה מיט זיך אַליין. דאָס לעבן האָט מיך געשטעלט פאַר אַ נסיון, איך מוז אים אויסהאַלטן. מיין עובדא איז נישט צו הרגענען, נאָר צו ראַטעווען. אייגנטלעך, דאַרף איך איצט נישט נאָר ראַטעווען דעם פאַרוואונדעטן, נאָר זיך אַליין.

דער דאָזיקער געדאַנק טרייבט מיך, יאָגט מיך, גיט מיר נייע כוחות. איך זע שוין פון דער וויייטנס דאָס שפּיטאָל. אָט ברעד איך צוזאַמען. ניין, אַזאַ לאַנגן און שווערן וועג געטראָגן און הונדערט טריט פאַרן ציל — אָפּשטיין? מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּ איך דאָס טראָגבעטל ביז אין שפּיטאָל־טויער, און פאַל אַוועק אויף דער ערד: פון דאַנען ריר איך זיך נישט מער. איך בלייב צוגעקלעפּט צו דער ערד אויף אייביק.

דער סאָלדאַט גייט אַריין אין דער קאַנצעלאַריע און מעלדעט, אַז מיר זענען אָנגעקומען. עס דויערט לאַנג. ענדלעך קומט ער אַרויס מיט אַ סערזשאַנט, יענער בייגט זיך אַראָפּ איבערן פאַרוואונדעטן, באַלייכט אים דאָס פּנים מיט אַ באַטעריע־לעמפּל, באַטאַפּט אים. באַלד גיט ער זיך אַ הייב־אויף און זאָגט מיט רוגזה:

— וועמען האָט איר מיר דאָ געבראַכט?

איך שטאַמל:

— ער איז פאַרוואונדעט... אין בויך...

דער סערזשאַנט לאָזט מיך נישט ווייטער רעדן:

— ער איז נישט פאַרוואונדעט — ער איז טויט!

— טויט... ער איז טויט — שעפּטשע איך — אַזויפיל מי לאיבוד...

— איר האָט אים נייטיק געדאַרפט שלעפּן ביז אַהער — בייזערט זיך דער סערזשאַנט — ס'פעלן מיר דאָ טאַקע אוים מתים!

— אָבער ער האָט ערשט געלעבט — פאַרענטפער איך זיך.

— ווער ווייסט ווען ער איז געשטאָרבן. איר האָט געוואָלט אַוועק פון פראָנט, האָט איר זיך אויסגעזוכט אַ טויטן און אים מיר געבראַכט! — שרייט דער סערזשאַנט.

דער סאָלדאַט קוקט מיט פּחד דאָ אויף מיר, דאָ אויפן סערזשאַנט, ער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ אויפנעם. איך זע, ער וויל עפּעס ענטפערן, נאָר ס'איז אים שווער אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, ווי מיר איז געווען פריער שווער אויפצוהייבן דאָס טראָגבעטל.

מאַך איך צום סערזשאַנט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, הער סערזשאַנט, אויב מיר האָבן געוואָלט אַוועק פון פראָנט, האָבן מיר נישט געמוזט דווקא נעמען אַ טויטן, ס'זענען דאָרט פאַראַנען גענוג פאַרוווּנדעטע.

דער סערזשאַנט שטייט נישט אָפּ:

— הייסט עס, אַז ער האָט נאָך געלעבט ווען איר האָט אים גענומען. ווי אַזוי־זשע האָט איר אים אַזוי גוט געטראָגן, וואָס ער איז ביי אייך אויסגעגאַנגען?

— און ביי אייך אין שפּיטאָל שטאַרבט מען נישט? אָט האָט איר דאָך אַליין ערשט געזאָגט, אַז ס'פעלן אייך נישט קיין מתים.

דער סערזשאַנט איז רויט געוואָרן פאַר כעס:

— שווייג, דו מחוצף! דו פאַרגעסט שוין מיט וועמען דו רעדסט. די מלחמה האָט אייך אַלע דעמאָראַליזירט!

און מיט אַן אַנדערן טאָן האָט ער צוגעגעבן:

— טראָגט אַריין דעם מת אין דער טויטן־קאַמער, דאָרט אין הויף, לינקס.

שפּעטער, זענען איך און דער סאָלדאַט געלעגן אויף דעם גראָז פון שפּיטאָל־גאָרטן און זיך אָפּגערוט. דער סאָלדאַט האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער פּלייצע:

— דו האָסט גוט געענטפערט דעם סערזשאַנט. דו האָסט אַ יידיש קעפּעלע! איך בין געשטאַנען ווי אַ גולם.

און ער איז געלעגן לעבן מיר מיט זיין גרויסן און שטאַרקן גוף לעפּיש, מיט שווערע אברים, פאַרלוירן, ווי אַ ים־חיה אויף דער יבשה.

גורל

פאַרבעך האָט אויפגעשלאָסן די טיר און רחלען פריער אַריינגעלאָזט אין צימער, דערנאָך האָט ער אָנגעצונדן דאָס ליכט.

— וואָס איז געשען ? — האָט ער געפרעגט — פאַרוואָס ביסטו גע־בליבן שטיין ביי דער טיר ?

— אַזוי. איך גיי באַלד אַהיים — האָט זי געענטפערט און אָנגעכמו־רעטע.

— וואָס איז דאָס איילעניש ? — האָט ער געפרעגט און זיך גענומען פאָרען ביים ראַדיאָ. זי איז צו אים צוגעשפרונגען אַ צערייצטע :

— דו נעמסט זיך שוין ווידער צום ראַדיאָ ?! וואָס גייען דיך אָן דאָרט ערגעץ די מלחמות, פאַרנעם זיך בעסער מיט אייגענע זאַכן !

— און וואָס הייסן ביי דיר אייגענע זאַכן ?

— דו פרעגסט נאָך ? וויפל איז דער שיעור אַזוי צו גיין מיט דיר ?

ער האָט שוין באַוויזן אָנצושטעלן אויף דער געזוכטער סטאַציע און ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און גענומען טענהן :

— וויפל מאָל דאַרף איך דיר אויפקלערן איינס און דאָס זעלבע ? דו האָסט געמעגט הערן, וואָס דער ענגלישער ראַדיאָ גיט איבער. די דייטשן האָבן אָנגעזאַמלט גרויסע אַרמייען ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ.

— איז וואָס ?

— איז דווקא איצט ווילסטו חתונה האָבן ?

— דו האָסט דאָך דאָסזעלבע געזאָגט צוריק מיט צוויי יאָר.

— בין איך דאָך גערעכט געווען. ס׳איז טאַקע געווען מלחמה.

— יאָ, אָבער מיר וואָלטן שוין געווען געלעבט צוזאַמען צוויי יאָר.

— און וויפל זענען אומגעקומען ?

— קומט מען אום, נאָר ווילאַנג מען לעבט — לעבט מען !

ער האָט געשוויגן. צי איז זי דען נישט גערעכט. ווי גוט איז געווען אונדזערע עלטערן און זיידעס, זיי האָבן זיך נישט גערעכנט מיט שווערע צייטן, מיט מלחמות און מיט דאגות פרנסה. איז אַ ייִנגל אַלט געוואָרן זיבעצן־אַכצן יאָר, אָדער אפילו ייִנגער, האָט מען אים חתונה געמאַכט. אויב

ער האָט חתונה געהאַט, איז שוין געווען אַ פּשוטע פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז צו די ניין חדשים זאָל דאָס ווייב האָבן אַ קינד.

— נו, וואָס זאָגסטו ? — האָט זי געפרעגט און בשעת מעשה גע־נומען אים גלעטן די רעכטע באַק. זי האָט דערקענט, אַז ער פילט זיך שוואַך.

— וואָס איך זאָג, וואָס איך זאָג, — האָט ער איבערגעחזרט די ווער־טער, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ זיך געוואַקלט און געוואָלט געווינען צייט צוצו־קלערן אַן ענטפער אויף ניין. ער האָט אָבער דעם געזוכטן ענטפער נישט געפונען — איך זאָג, אַז מיר דאַרפן אָנהייבן ווינען צוזאַמען.

זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און געגומען קושן, דערנאָך האָט זי גענו־מען וויינען. ווישנדיק זיך די טרערן פון די אויגן האָט זי געפרעגט :

— און ווען וועלן מיר מאַכן אַ שמחה פאַר פריינט ?

— מאָרגן וואָלט געווען גוט, ס'איז זונטיק. ביז מאָרגן וועט מען אָבער נישט באַוויזן צוצוגרייטן די סעודה, וועט זיין דעם אַנדערן זונטיק. און איצט, אפשר וועסטו שוין בלייבן ביי מיר נעכטיקן ?

— ניין. איך וויל, אַז עטלעכע טעג זאָלסטו זיך צו מיר נישט אַפילו צורירן, ביז צו דער חתונה...

— און אַפילו נישט אַ קוש ?

— נו, אַ קוש מעגסטו מיר געבן. אַזויפיל כח האָב איך שוין נישט, און צווייטנס, אַ קוש מעג מען דאָך אויך געבן פאַר דער חתונה...

ער האָט איר געגעבן אַ קוש און געזאָגט :

— און איצט, וועל איך דיך באַגלייטן אַהיים צו דיר.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז ער שוין געווען צוריק ביי זיך. רחל האָט געוווינט זייער נאָענט פון אים, מען האָט נאָר געדאַרפט אַריבערגיין דעם גאָרטן. דעם ראַדיאָ האָט ער פאַר דעם אוועקגיין פאַרגעסן צו פאַרמאַכן. ס'האָט זיך געהערט אַ פעסטע מענערישע שטים :

...דאָ רעדט לאָנדאָן ...מיר מעלדן ווידער : די דייטשן קאָנצענטרירן זייער אַרמיי ביי די סאָוויעטישע גרענעצן... די אַרמיי פון מאַרשאַל —

ער איז צוגעשפּרונגען צום ראַדיאָ און אים פאַרדרייט. ער וויל מער נישט הערן, ער טאָר מער נישט הערן ! ער האָט זיך גענומען שנעל אויס־טון. געוויינלעך, פלעגט ער אין בעט לייענען אַ ציימונג אָדער אַ בוך, נאָר איצט האָט ער גלייך פאַרלאָשן דאָס ליכט. ער איז געווען מיד און געוואָלט שלאָפן.

באַגינען, האָט אים אויפגעוועקט אַ קלאַפּן אין דער טיר. דאָס קלאַפּן האָט ער נאָך געהערט אין האַלב־שלאָף, נאָר ס'איז שטאַרקער געוואָרן און ס'האָט אים אינגאַנצן אויפגעוועקט. ער האָט זיך געגעבן אַ זעץ־אויף אויפן בעט. ווער קען עס קלאַפּן אַזוי פרי און אַזוי עקשנותדיק ? ער איז אַראָפּ־געגאַנגען פון בעט, צוגעגאַנגען צו דער טיר און געפרעגט :

— ווער איז ?

ס'האָט זיך געהערט פון יענער זייט :

— איך, רחל. עפן !

ער האָט געעפנט די טיר. זי איז אַריינגעפאַלן אַ בלייכע, מיט צעשויבערטע האָר, איז אַרומגעלאָפן איבערן צימער, געוויינט און זיך געבראָכן די הענט :

— אַזאַ אומגליק ! אַזאַ אומגליק !

ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט און געפרעגט אַ דערשראָקענער :

— וואָס איז געשען ? פאַרוואָס וויינסטו ?

זי איז געבליבן שטיין און אים אָנגעקוקט אַ דערשראָקענע :

— וואָס ? דו ווייסט פון גאָרנישט ?! ס'איז דאָך מלחמה ! די דייטשן זענען באַפאַלן רוסלאַנד. די וועלט קערט זיך איבער און דו שלאָפסט !

— און אפשר איז די ידיעה נישט קיין ריכטיקע ? וויפל מאָל האָט מען שוין געזאָגט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ליגן — האָט ער זי און אפשר זיך אַליין געפרוווט טרייסטן — אפשר זענען דאָס בלויז אַזעלכע פרווו-אַלאַרמען ?

— וואָס רעדסטו ? איבער דער שטאָט זענען שוין אַראָפּגעפאַלן עטלעכע באָמבעס און ס'זענען פאַראַנען צענדליקער טויטע און פאַרווונדעטע.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ :

— הייסט עס, אויף אַן אמת אַ מלחמה.

זי האָט געכליפּעט :

— אָט האָסטו אונדזער חתונה !

מיטאַמאָל איז אים געוואָרן אַ גרויסער רחמנות אויף איר. ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט, געגלעט אירע האָר אויפן קאָפּ און האָט געשטאַמלט :

— רחל, צי מוז מען דען חתונה האָבן ?... מיר זענען מאַן און ווייב... דו הערסט : פון איצט-אָן זענען מיר מאַן און ווייב...

— יאָ, יאָ... האָט זי זיך געטוליעט צו אים — פון איצט-אָן, וועט אונדז שוין גאָרנישט מער צעשיידן.

ער האָט זיך גענומען שנעל אָנטון. ער האָט געוואָלט גיין צו דער מאַמען, זען, וואָס זי טוט, זי באַרואיקן. רחל האָט אים באַגלייט ביז צום ראָג פון דער גאַס און אָפּגעשמועסט זיך מיט אים אויף דעם אָוונט.

אַחוץ דער מאַמען, האָבן זיך אין שטוב נאָך געפונען די שוועסטער און דער ברודער. די מאַמע האָט זיי פּשוט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן אין גאַס. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָרט לויערן אויף זיי טויזנט סכנות און אַז דאָ, בעת זי געפינט זיך לעבן זיי, זענען זיי זיכערער. ס'האָט זי אַרומגענומען אַן ענלעך געפיל ווי ביי אַ קוואָטשקע, וואָס אין דער צייט פון אַ

געפֿאַר, געמט זי די הינדעלעך אַרונטער אונטער זיך. זי האָט געהאַלטן נאָר אין איין וויינען אויף אירע צוויי זין אורי און מוני, וואָס געפֿינען זיך דאָרט ערגעץ אין אַ שטעטל אויף דער פּראָווינץ. ווער ווייסט וואָס זיי מאַכן?

ער איז געבליבן ביי דער מאַמען אויף מיטאָג. געזעסן אויך נאָך דעם מיטאָג. די מאַמע האָט נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר ער זאָל בלייבן אויך נעכטיקן. זי האָט געטענהט, אַז ביז איצט האָט ער זיך געקענט וויינען באַזונדער, נאָר איצט, בשעת מלחמה, דאַרף ער וויינען מיט זיי צוזאַמען. ער האָט זיך אָקעגנגעשטעלט. האָט ער זיך דאָך אָפּגעשמועסט מיט רחלען צו טרעפֿן זיך אין אָוונט. ער איז טאַקע אַוועק, פֿילנדיק זיך דערביי, ווי ער וואָלט באַגאַנגען אַ פֿאַראַט לגבי דער מאַמען. פֿאַרפֿאַלן, ס'איז שוין אַזוי דאָס געזעץ פֿון לעבן. על כן יעזב...

ער האָט מיט רחלען צוזאַמען פֿאַרבראַכט ביי זיך אין צימער. ער האָט געמיינט, אַז די נאַכט וועט אים דערמאָנען אין אַ חתונה-נאַכט, אָבער זי איז אַזאַ נישט געוואָרן, נישט פֿאַר אים און אויך נישט פֿאַר איר. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן געפּרוּווט פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט, בלייבן בלויז מיט זיך אַליין, האָט דער הילך פֿון אַן אַראָפּגעפֿאַלענער באָמבע זיי צוריק דערמאָנט אין דער מלחמה און אַז אַזאַ באָמבע קען טאַקע יעדע רגע אויף זיי אַליין אַראָפּפֿאַלן, און די נאַכט, וואָס האָט געדאַרפֿט זיי ביידע פֿאַראייניקן מיט דעם לעבן, וועט זיי פֿאַראייניקן מיט דעם טויט. די נאַכט איז דעריבער פֿאַר זיי געווען בלויז אַ מאַטערניש.

אינדערפֿרי, זענען זיי ביידע אַרויס אין גאַס, כדי זיך צו דערוויסן, ווי ס'האַלט מיט דער מלחמה. דאָ און דאָרט האָט געברענט אַ הויז. די טראָטואַרן זענען געווען פֿאַרשיט מיט שטיקער גלאָז פֿון די שויבן וואָס זענען אַרויסגעפֿאַלן מחמת די אויפֿרייסונגען פֿון באָמבעס. איבער די גאַסן זענען געפֿאָרן מיליטערישע אויטאָס מיט מאַשינען-געווערן גרייטע צום שיסן, ווייל נעכטן האָט מען אַראָפּגעשאָסן אויפֿן אָפּטרעטנדיקן מיליטער פֿון די דעכער און פֿון די פֿענצטער. די געקומענע מענטשן פֿון רוסלאַנד האָבן אויפֿגעלאָדן אויף לאַסט-אויטאָס זייערע ווייבער און קינדער און זייערע שטובזאַכן און וואָס שנעלער געזוכט אַ וועג אויף צוריק. צו דער ליטשאַקאָווער גאַס, וואָס פֿירט אַרויס פֿון דער שטאָט, האָבן זיך געצויגן צופֿוס אַ מחנה אָרטיקע איינוווינער מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס. דאָס זענען כמעט געווען בלויז יידן. אַחוץ דעם, וואָס זיי האָט געשראָקן דער שונא הינטער דער שטאָט, האָבן זיי נישט ווייניקער מורא געהאַט פֿאַר דעם שונא פֿון אינעווייניק, פֿון דער שטאָט גופֿא. יעדער איז גרייט געווען געהרגעט צו ווערן פֿון אַן אומבאַקאַנטן פֿויער אויפֿן וועג, אין אַ דאָרף, אין אַ וואַלד, אָבער נישט פֿון אַ שכן, וועלכן ער האָט געקענט יאָרן-לאַנג, מיט אים צוזאַמען

געוווינט אין איין הויז און וועמענס קינדער האָבן זיך צוזאַמען מיט זיינע געשפּילט, צי געגאַנגען אינאיינעם מיט זיינע אין דער זעלבער שול.

עפּעס עמעצער איז דורכגעלאָפן און אַ זאָג געטון:

— די דייטשן זענען שוין אויפן ווינער באַנהויף!

פאַרבער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו רחלען:

— דו הערסט ?!

רחל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם האַרץ:

— אָ, גאָט!

פאַרבער האָט אינגאַנצן געציטערט:

— וויפל איז דען פון דאָרט צו דער מאַמעס שטוב? אין עטלעכע מינוט אַרום קענען שוין זיין די מאַמע, די שוועסטער און דער ברודער אין דייטשע הענט!

רחל האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אים גענומען שלעפּן:

— לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען! זיי קענען באַלד אויך קומען אַהער. לאָמיר אַנטלויפן!

— אָבער וואָס רעדסטו. איך האָב זיך אַפילו נישט געזעגנט מיט דער מאַמען!

— און דו ווילסט אַהין גיין? באַקלער זיך. די דייטשן זענען דאָך שוין אויפן באַנהויף און אפשר — אפשר נאָך ווייטער...

— איך האָב אויך נישט דעם פּאַספּאָרט ביי זיך.

— און קיין שום אַנדערן דאָקומענט?

— איך האָב נאָר אַ לעגיטימאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

— ס'וועט גענוג זיין.

באַלד האָבן זיי ביידע זיך געפונען אין דער מחנה פּליטים, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער לאַנגער ליטשאַקאָווער־גאַס. יעדעס מאָל האָט פאַרבער זיך אומגעקוקט אויף די גאַסן הינטער זיך, ווי ער וואָלט זיך גע־וואָלט געזעגענען מיט זיי. ער אַנטלויפט איצט פון דער שטאָט וווּ ער האָט געוווינט אַזויפיל יאָרן, ווו ער האָט געאַרבעט, געליטן, געבענקט, געליבט. דאָ לאָזט ער איבער דעם טאַטן אויפן בית־עולם און די מאַמען, די ברידער און די שוועסטער אין גרויסער סכנה. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט: טו אַ קוק אויף דער שטאָט, נאָך אַ קוק, ווייל דו וועסט זי שוין מער נישט זען, שוין קיינמאָל מער נישט זען ווידער.

די ערשטע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, איז די מחנה געווען אַ גרויסע און אַ לאַנגע. שפּעטער, איז זי וואָס אַמאָל צעצוויגענער און שיטע־רער געוואָרן. אַ טייל האָבן אָנגעהויבן מיד צו ווערן, בלייבן הינטערשטעליק. פאַרבער און רחל, וואָס זענען נישט באַשווערט געווען מיט משא, זענען נישט נאָר נישט אָפּגעשטאַנען, נאָר האָבן אַפילו איבערגעיאָגט אַ סך פּליטים פאַר

זיך. פאַרבער האָט געקוקט אויף די מענטשן מיט די פּעק אויף די פּלייצעס און זיי בכלל נישט געקענט פאַרשטיין. וואָס שלעפּן זיי און וויל אַנג האָבן זיי בדעה דאָס אַזוי צו שלעפּן? ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט גייט אונטער. פון אַלע חפצים — ווערט שערבעלער און פון יעדן מין געלט — פּאַפּיר. אַלץ פאַרלירט דעם ווערט.

אָוונט־צו, זענען זיי אָנגעקומען אין אַ יידיש שטעטל. דער מאַרק איז געווען איבערגעפּולט מיט מיליטערישע אויטאָמאָבילן און מיט פורן פון פּליטים. אפשר, אַז דאָ האָבן אַ סך באַשלאָסן איבערצוגעכטיקן. פאַרבער און רחל האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד צווישן די פורן און זיך אָפּגערוט.ביידע זענען געווען מיד פון וועג, אָבער רחלען האָט נאָך געחלשט דאָס האַרץ. אַן עפּעלע, כאָטש אַ צוקערל און זי איז גרייט ווידער זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. אַזוי ווי זי איז געווען זייער מיד, האָט ער זי איבערגע־לאָזט אויפן מאַרק און זיך אַליין געלאָזט איבערן שטעטל צו געפינען פאַר איר עפּעס צו עסן.

פּלוצים האָט זיך געהערט אַ רויש פון עראָפּלאַנען און ס'איז געפאַלן די ערשטע באָמבע. אויפן מאַרק איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. די פערד זענען ווילד געוואָרן און אָנגעהויבן צו יאָגן. דער מאַרק איז געווען אַ קליינער און אַלץ, מענטשן, פערד און מאַשינען האָבן זיך צונויפגעשלאָגן און פאַרפּלאָנטערט. עטלעכע געסלעך האָבן געפירט אַרויס פון דעם מאַרק, זיי זענען אָבער געווען שמאָלע און ענגע און זענען באַלד פאַרשטאָפּט געוואָרן. בעת ס'איז געפאַלן די באָמבע האָט זיך פאַרבער געפונען אין אַ זייטיק געסל. ער האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד. ער האָט געהערט פאַלן אַ צווייטע באָמבע און מיט די נעגל זיך איינגעגראָבן אין באָדן. עטלעכע מינוט איז ער געלעגן ווי באַ־ווסטלאָז פון שרעק, ביז אַ געדאַנק האָט אים דורכגעבליצט אין מח: וואָס טוט ער דאָ? ער מוז זיך צוריק אומקערן צו רחלען אויפן מאַרק. ער מוז זי אויפזוכן, זען וואָס זי מאַכט!

פאַרבער שטייט אויף און לאָזט זיך גיין צום מאַרק. דאָרט איז שוין נישט אַזוי פינצטער ווי ביים אָנהייב. אַ צינד־באָמבע איז אַריין אין אַ הויז און די שיין פון פלאַמען באַלייכטן אַביסל דעם שטח אַרום. ער זוכט זי אויף דעם אָרט וווּ ער האָט זי איבערגעלאָזט, זי איז דאָרט מער נישטאָ. ער רופט: רחל, רחל! קיינער ענטפערט אים נישט, ס'הערט זיך נאָר אַ קרעכצן פון פאַרוווּנדעטע. ער בייגט זיך אַראָפּ איבער די פאַרוווּנדעטע און טויטע גופים וואָס ליגן דאָ, זוכט, זוכט, נאָר קען זי נישט געפינען.

קען זיין, אַז זי געפינט זיך דאָ נישט ווייט פון דאַנען אַ לעבעדיקע, אַ גאַנצע. מעגלעך, אַז בלויז עטלעכע הונדערט טריט שיידן זי אָפּ פון אים. ער דאַרף זיך נאָר אַ לאָז טון אין דער ריכטונג אויף רעכטס, צי אויף

לינקס — און ער באַגעגנט זי. אַלץ וועט בלייבן בלויז אַ נישט וויכטיקער עפּיזאָד. און מעגלעך, אַז זי לעבט נישט מער, אַז ס'האָט זי געטראָפן אַ באָמבע און דערהרגעט, אַז די באָמבע האָט זי צעריסן אַזוי, אַז ס'איז זי שווער אַפילו צו דערקענען און ער וועט זי שוין קיינמאָל מער נישט זען. ס'טוט אים וויי, זייער וויי, זי איז נאָך אַזוי יונג געווען. ער וואָלט, ווער ווייסט וואָס געטון, אַז זי זאָל לעבן. אָבער אויב זי לעבט, צי איז ער נישט צופרידן, וואָס זי איז פאַרשוווּנדן? פאַרבער, ענטפער זיך אַליין. פריער האָסטו געהאַט אויף זיך אַן עול, אַ התחייבות. פריער ביסטו געווען געבונדן. אין אַזאַ צייט, איז בעסער צו זיין אַ פרייער מענטש. ס'קענען קומען סכנות מיט קליינע שפּאַלטן, אייגעם וועט נאָך אפשר געלינגען זיך דורך זיי דורכצורייסן, פאַר צוויי, וועט זיין צו שווער. זיי זיך מודה, דו ביסט אַ פחדן. די האָסט מורא פאַרן לעבן. דו האָסט ליב יעדעם מאָל פון אים צו דעזערטירן. אָבער אַ פרוי — לאָזט נישט. זי צווינגט דיך צו ראַנגלען זיך, קעמפן, דעראָבערן.

גיין, ס'איז נישט אמת! ער האָט זי ליב און וויל זיך מיט איר זען. ווער זאָגט, אַז אין אַזאַ צייט איז זי פאַר אים אַן עול? פאַרקערט, אין אַזאַ צייט דאַרף מען ערשט האָבן לעבן זיך אַ נאָענטן מענטשן. ער וויל זי זען. ער מוז זי זען! דער בעסטער באַווייז: ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין שום סכנה און איז גלייך געלאָפן זי זוכן אויפן מאַרק. ווי לאַנג קען ער אָבער זי זוכן? מעגלעך, אַז אינדערפרי, ווען ס'וועט ליכטיק ווערן, קען ער זי געפינען. די דייטשן זענען אָבער שוין זייער נאָענט, ער טאָר נישט בלייבן דאָ איבער נאַכט. זיי וועלן אים כאַפּן. ער איז אינדערפרי אַוועק פון דער מאַמען און דעם ברודער, איצט מוז ער אויך אַוועק פון רחלען. ווייזט אויס, אַז אַזוי איז אים באַשערט, אַז זיין גורל איז צו בלייבן אַליין.

און ער האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין. צוליב דער פינצטערניש און אויס מורא, אַז די אוקראַאינישע פויערן זאָלן אים נישט באַפאַלן, האָט ער זיך באַמיט צו גיין מיט דעם וועג אויף וועלכן ס'זענען געפאָרן די מיליטערישע אויטאָמאָבילן און טאַנקען. עטלעכע מאָל איז אים אפילו געלונגען זיך אויפצוכאַפּן אומבאַמערקט אויף אַ מיליטערישן לאַסטאויטאָ און אָפּפאָרן אַ שטיק וועג. וויאַזוי ס'איז אָבער נאָר ליכטיקער געוואָרן, האָט ער געמוזט זיך ווידער לאָזן צופוס.

הגם ער האָט קלאָר געוווּסט וווּהין ער גייט — קיין טאַרנאָפּאָל, און צו דער שטאָט זענען פאַראַנען נאָך איבער הונדערט קילאָמעטער, האָט ער יעדעם מאָל זיך געמאַכט פאַר אַ ציל עפּעס אַנדערש. ביים האָריזאָנט איז געשטאַנען אַ וועלדל, האָט ער געקלערט: איך מוז צוקומען צו די ערשטעביימער. ביים האָריזאָנט האָט זיך געזען אַ דאָרף, האָט ער געקלערט: איך מוז צוקומען צו די ערשטע כאַטעס. פון דער ווייטנס האָט ער געזען אַ טייך,

האָט ער געקלערט: איך מוז אַריבערגיין די בריק. גלייך ווי זיין ציל וואָלט בלויז געווען צו דערגרייכן דאָס וועלדל, דאָס דאָרף, צי דעם טייך. אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין איינגעמען דעם שטח.

אָט איז ער אין אַ דאָרף. ס'איז זונטיק. אויף די פּלויטן טריקענען זיך טעפּ. איבער צעהאַנגענע שטריק ווינטלט זיך וועש. נישט קיין סירענעס וואָיען און זאָגן אָן אַ סכנה, נאָר פרידלעך קלינגען קלויסטער־גלעקער. אײַבערן טייכל שווימען גענדז און גאָגערן. איבערן הימל באַווייזט זיך אַ דייטשער עראָפּלאַן, ער לאָזט זיך אַראָפּ גאַנץ נידעריק, נאָר די פּויערן דערשרעקן זיך נישט. זיי ווייסן: די דייטשן וועלן אַן אוקראַיניש דאָרף נישט טשעפּען, זיי מיינען נאָר די באָלשעוויקעס און די יידן. אָט גייט דאָכט זיך, טאַקע אַ ייד!

— דו אַנטלויפסט פאַר דעם דייטש, יידישער באָלשעוויק. דער דייטש וועט דיך סיווי דעריאָגן!

פאַרבערן האָט שוין געטראָפן אַ שטיין. פון אַלע זייטן הערן זיך געשרייען און זידלערייען. דער המון קען אים נאָך צערייסן. עס פליען אים נאָך שטיינער, נאָר ער קוקט זיך אַפילו נישט אום. אַלץ ווייטער, אַלץ ווייטער פון זיי!

און ווידער באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. פעלדער, לאָנקעס. אַ וועלדל, אַ טייכל, אַ דאָרף. אַ יידיש שטעטל. אַ שול ברענט. איז אין איר אַריין אַ באָמבע, צי די פּויערן האָבן זי אונטערגעצונדן? וויפל יידישע תפילות האָט זי געפירט אַרויף צום הימל, איצט שטייגט זי אַליין אַרויף אין פלאַמען. עס שלעפּן זיך פורלעך. אויף די פורלעך — ווייבער, קינדער, זאַכן. נאָך די פורלעך גייען די מענער. ווי לאַנג גייען זיי אַזוי? — מסתם אַ שעה צי צוויי. זיי זעען שוין אָבער אויס אַזוי ווי זיי וואָלטן געגאַנגען נאָך פון ערשטן חורבן און זיך פון דעמלט נישט אָפּגעשטעלט.

ס'הייבט אָן גיין אַ רעגן. די וועגן זענען בכלל נישט אויסגעשטיינערט, נישט אויסגעגלייכט. גענוג געווען ס'זאָל רעגענען אַ האַלבע שעה און דער וועג האָט זיך צעשווומען. ביז אַהער איז פאַרבער כמעט ווי געלאָפן, איצט שלעפּט ער זיך אַ דורכגעווייקטער פון רעגן. צו די שיך האָבן זיך צוגעקלעפּט שטיקער בלאָטע און באַשווערן דעם גאַנג. ס'הייבט זיך אָן אַ לייִמיקער באָדן און פאַרבער זעט אויס ווי אַ פליג, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין קלעפּיקן פּאַפּיר, ראַנגלט זיך, רייסט זיך און קען נישט אַרויס.

פאַר אים גייט אַ פרוי מיט אַ ייִנגל. זיי שלעפּן זיך זייער פּאַמעלעך. זיי טראָגן ביידע אַ רוקזאַק דורכגענומען מיט אַ שטעקן. די גרויע האָר ביי דער פרוי זענען צעפּאַטלט. דאָס פּנים פלאַמט. ער האָט שוין פיל מאָל געזען אויף בילדער אַהאַסווערן, ער האָט אים אָבער געזען שטענדיק ווי אַ מאַן. פאַרוואָס איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אַ מאָלער צו מאָלן אַהאַס־

ווערן ווי אַ יידישע פרוי און נאָך מיט אַ קינד דערצו. אַן אייביק־וואַנדערנ־דיקע יידישע פרוי מיט אַ קינד. וואָס קען נאָך טראַגישער זיין?

פאַרבער הייבט מיט איר אָן צו רעדן. זי רעדט אַ יידיש געמישט מיט אַ סך דייטשע ווערטער. זי שטאַמט פון גאַליציע און איז נאָך אַלס קינד געקומען קיין בערלין. דאָרט האָט זי זיך געלערנט, חתונה געהאַט, געבוירן דאָס קינד. ווי נאָר היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט מען דעם מאַן אַרעסטירט און אָפּגעפירט קיין דאַכאַו. זי איז אַנטלאָפן מיטן קינד קיין ווין, פון ווין קיין פּראָג, פון פּראָג קיין וואַרשע, פון וואַרשע קיין לעמבערג. איצט לויפט זי פון לעמבערג. וווהין? זי ווייסט אַליין נישט וווהין. אַבי ווייטער פון די דייטשן.

פאַרבער וויל אָננעמען דעם עק פון שטעקן, כדי זי זאָל אַביסל אָפּרוען די האַנט, נאָר זי לאָזט נישט. אויב ער איז שוין אַזוי פריינטלעך, זאָל ער אָננעמען דעם צווייטן עק, דעם, וואָס איר ייִנגל האַלט. ער איז שוין אַוודאי זייער מיד. אָרעם קינד, וואָס דאָס האָט זיך שוין אָנגעליטן!

די פרוי איז אַלץ מידער געוואָרן. דאָס האָט פאַרבער דערקענט אין דעם, וואָס זי האָט צו אָפט אים געבעטן ער זאָל זיך בייטן מיט די הענט, פון דער לינקער אויף דער רעכטער און פון דער רעכטער אויף דער לינקער. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקעלער. די נאַכט איז צוגעפאַלן. ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע כאַטעס פון אַ דערפל. דאָ איז די פרוי געבליבן שטיין, גע־זאָגט פאַרבערן, אַז זי איז זייער מיד און האָט בדעה איבערצונעכטיקן ביי אַ פּויער, זיך אָפּרוען און אינדערפרי זיך לאָזן ווייטער אין וועג.

פאַרבער האָט זי געוואָרנט נישט איבערצונעכטיקן ביי אַ פּויער. ער האָט געהערט, אַז די פּויערן לויערן אין די וועלדער און הרגענען די יידן וואָס אַנטלויפן פאַר די דייטשן. ער ווייסט פון זיך אַליין וואָסער קבלת פּנים זיי האָבן אים געמאַכט דורכגייענדיק דורך די דערפער. נאָך געפערלעכער, איז צו בלייבן ביי זיי איבער נאַכט. אינמיטן שלאָף קענען זיי דעם יידן דער־הרגענען מיט אַ האַק. אויסער דער שנאה צו אַ יידן, קען זיי נאָך, אין איר פאַל, לאָקן דער רוקזאַק. זיי קענען מיינען, ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אוצרות ס'ליגן אין אים.

די פרוי איז געזעסן אויף אַ שטיין ביים וועג. זי האָט געפילט, אַז פאַרבער איז גערעכט, נאָר זי איז נישט נאָר נישט אימשטאַנד געווען צו מאַכן אַ טריט ווייטער, נאָר נישט בכח געווען אַפילו זיך אויפצוהייבן. זי האָט געקוקט מיט פאַרצווייפלטע בליקן אויף איר ייִנגל און געזאָגט:

— האַנס, דיין מוטער האָט מער נישט קיין קראַפט צו גיין. פיליכט... פיליכט וועל איך בלייבן און דו וועסט גיין ווייטער מיט דעם ליבן הער... מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען...

דאָס ייִנגל איז אַרויס מיט אַ געוויין:

— גיין, מוטער! איך בלייב מיט דיר!

די מוטער האָט אים צוגעדריקט צו זיך:

— פערציייהע...

און צו פאַרבערן האָט זי זיך נאָך אַ ווײַלע געוועגדט:

— איך דאַנק אײַך, מײַן הער. מיר וועלן דאָ בלײַבן... ביז — ביז דעם מאָרגן...

פאַרבער איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ווי נאָך אַ שווערערע לאַסט פונעם רוקזאַק וואָלט אים געדריקט. ער האָט זיך געפילט שולדיק, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך געפילט ווי אַ פאַררעטער, נאָר ער איז ווייטער געגאַנגען. ער האָט מורא געהאַט זיך אומצוקוקן. ערשט ווען ער איז געשטאַנען אויף אַ בערגל עטלעכע הונדערט טריט ווייטער פון זיי, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זייער זייט. די מוטער איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דעם שטיין. דאָס יינגל האָט געקניט פאַר איר און זי האָט אים צוגעדריקט צו זיך.

ער איז געגאַנגען ווייטער. ס'איז געוואָרן אַלץ פינצטערער. פון ביידע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן פעלדער. דאָ און דאָרט האָבן זיך געטונקלט קופּעס היי. ס'איז אים געוואָרן קאַלט. ער האָט גענומען לויפן, כדי זיך אַביסל צו דערוואַרעמען. דאָס האָט אַ ווײַלע געהאָלפן, נאָר שפּעטער איז אים נאָך קעלטער געוואָרן. ס'איז נישט צו זען אַ מענטשלעכן ישוב און סייווי וואָלט ער אין אַ דאָרף נישט איבערגענעכטיקט. אים איז אײַנגעפאַלן זיך אַרונטערצורוקן אונטער אַ סטערטע היי. ס'וועט וואַרעמער זײַן און ער וועט אויך אפשר קענען כאַפּן אַ דרימל. ס'איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען: דאָס היי איז געווען דורכגעווייקט פון רעגן.

נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, מען דאַרף ווייטער גיין. ער איז אַרויס אויף אַ ברייטן וועג, אַן אויסגעשטייגערטן. אויפן וועג האָבן געהאַלטן אין איין יאָגן מיליטערישע לאַסט־אויטאָס, טאַנקען און ציסטערנעס. ער האָט באַמערקט אַביסל אין אַ זייט פון וועג שטיין אַן אויטאָמאָביל. ער איז געשטאַנען אַ פינצטערער, אַן אָפּגעשטאָרבענער. ער איז צו אים צוגעגאַנגען נעענטער. געעפנט דאָס טירל — ס'איז קיינער אין אים נישטאָ. ער איז מסתם קאַליע געוואָרן און דער באַלעבאָס האָט אים איבערגעלאָזט. כדי ער זאָל נישט שטערן אין דער באַוועגונג, האָט מען אים אַוועקגעשלעפּט אין אַ זייט. ס'איז נישט קיין שלעכט אָרט אויף איבערצונעכטיקן. ער האָט זיך אין אים אַרײַנגעזעצט, צוגעמאַכט די אויגן און געוואַרט אויפן שלאָף. אין דרימל האָט ער געהערט דאָס כסדרדיקע פאָרן פון מאַשינען, קולות, זידלערייען. פאַרטאָג־צו איז אים זייער קאַלט געוואָרן און ער איז אַרויס פון אויטאָ און גענומען ווייטער גיין.

ס'איז אויפגעגאַנגען אַ זון אַ וואַרעמע, אַ מילדע. די ביימער ביים וועג

האָבן אים אונטערגעפירט ביז צו אַ וואַלד. אַ ווינטל האָט נאָר־וואָס צע־שאָקלט די צווייגן פון די ביימער און פון זיי אַראָפּגעטרייסלט דעם שלאָף. די פייגל האָבן זיך צעזונגען און יעדעס מינדעסטע פליגעלע האָט געלאָזט הערן זיין קול. שפּעטער איז ער אַרויס אויף אַ לאָנקע. געגאַנגען דורך אַ שמאָלער סטעזשקע צווישן דער הויכער, צייטיקער תבואה באַוואָקסן מיט בלאָע קאָרן־ און רויטע מאָן־בלומען. דערנאָך איז ער אַרויס אויפן וועג און געזען אין טאָל ליגן אַ שטעטל. די שטעטלעך זענען דאָ כמעט אַלע יידישע. פון איינעם פון אָט די שטעטלעך שטאַמט ער. נישט זיין טאַטע און נישט זיין זיידע און עלטער־זיידע האָבן געזען די נאַטור — דעם „צווישן" פון איין שטעטל צום צווייטן. זיי האָבן תמיד געהאַט קפיצת הדרך. פאַרוואָס קומט אים אויס דווקא אין אַזאַ שווערער צייט, אין אַזאַ צייט פון אומגליק זיך צונויפצוטרעפן מיט דער נאַטור? ס'זעט אויס, ווי דער גורל האָט אים איצט געגעבן אַ מעגלעכקייט איידער ער פאַרלאָזט די דאָזיקע ערד, ביים גע־זעגענען זיך מיט איר, זי צו זען אין דער גאַנצער שיינקייט.

פון אַ פעלד איז אַרויסגעפאָרן אויפן וועג אַ טראַקטאָר. פאַרבער איז שוין געווען מיד און האָט געבעטן דעם פויער ער זאָל אים דערלויבן זיך אויפצוזעצן. דער פויער האָט נישט געענטפערט. ער האָט אָבער אויך גע־שוויגן, ווען פאַרבער האָט זיך אויפן טראַקטאָר אַרויפגעכאַפּט. דער טראַק־טאָר האָט שטאַרק געקלאַפּט, פשוט פאַרטויבט די אויערן. אויסער דעם האָט דער בענזין און דער רויך געשטיקט און נישט געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם. און נאָך אַ מעלה האָט געהאַט דער טראַקטאָר: ער איז אָפּגעלאָפן אַ האַלבע שעה און זיך אָפּגעשטעלט. שפּעטער האָט ער ווידער אָנגעהויבן יאָגן און נאָך אַ צען־פופצן מינוט זיך אויפסניי אָפּגעשטעלט. אַזוי איז ער געבליבן שטיין, געגאַנגען, געגאַנגען און ווידער געבליבן שטיין. צופוס וואָלט ער געווען מער וועג אָפּגעגאַנגען, נאָר ער איז געווען מיד.

אַ פופצן קילאָמעטער פאַר טאַרנאָפּאָל, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ וואָגן מיט עטלעכע יידן. די רייזע אויפן טראַקטאָר האָט אים אינגאַנצן צעחרובט און ער האָט געבעטן די יידן זיי זאָלן אים אַרויפלאָזן אויפן וואָגן. די יידן האָבן מסכים געווען, נאָר באַלד האָט פאַרבער זיך איבערצייגט, אַז דער וואָגן איז נישט קיין גרעסערע מציאה פונעם טראַקטאָר. אמת, ער האָט נישט אַזוי געקלאַפּט און געטרויכט ווי דער טראַקטאָר, אָבער דאָס פערדל האָט נישט בעסער געשלעפּט ווי דער מאָטאָר. ס'איז יעדעס מאָל געבליבן שטיין. דער אָנטרייבער האָט עס געהאַלטן אין איין שמייסן מיט דער בייטש. ער האָט געוווסט, אַז דאָס פערדל האָט נישט קיין כח צו שלעפּן, ער האָט אָבער פון פערדל מער נישט געוואָלט ווי ס'זאָל דערשלעפּן די פופצן קילאָ־מעטער. דערנאָך מעג עס אָוועקפאַלן און פגרן.

דאָס פערדל האָט ווייזט אויס, נישט געוווסט פון אָנטרייבערס כוונות

און איז נאָך פריער אַוועקגעפאַלן. ווען פאַרבער איז צופֿוס דערגאַנגען ביז אין שטאָט אַריין, איז שוין געווען נאַכט. ער האָט אין טאַרנאָפּאָל אַ פּע־טער. ער געדענקט אַפילו די גאַס און דעם נומער פון הויז, נאָר וויאַזוי דער־פרעגט מען זיך אַהין ? צוליב די באָמבאַרדירונגען איז אַרום שטאָק־פינצ־טער און וועלכן פאַרבייגייער ער פרוווט פרעגן, ווייזט זיך אַרויס, אַז יענער אַליין איז אַ פרעמדער.

ער האָט לאַנג געבלאָנדזשעט אויף די גאַסן. עפּעס איינער האָט אים געוויזן אַ ריכטונג, שפּעטער האָט ער דערזען פון צווישן לאָדנס אַרויסדרינ־גען אַביסל שיין. דאָס איז געווען אַ בעקעריי. ער האָט אָנגעקלאַפּט, מען האָט געעפנט און אַ בעקער־יינגל האָט אים געזאָגט, אַז דאָ איז די גאַס וועלכע ער זוכט און עטלעכע הייזער ווייטער וווינט זיין פעטער. דאָס הייסט מזל ! ס׳איז געווען אַ פאַרטער־הייזל און פאַרבער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער. קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. ער האָט געקלאַפּט שטאַרקער. באַלד האָט ער געהערט ווי מען שמועסט זיך איבער שטיל אין שטוב. ער האָט ווידער געקלאַפּט און ס׳האָט זיך ענדלעך דערהערט אַ דערשראָקן קול :

— ווער איז ? ווער קלאַפּט ?

— דאָס בין איך, דוד סענדערס. עפנט, פעטער !

נאָך אַ ווײַלע האָט זיך געעפנט די טיר. דער פעטער איז געשטאַנען אין די אונטער־וועש און האָט שנעל געזאָגט :

— קום, קום אַריין !

דער פעטער האָט פאַרהאָנגען די פענצטער און אָנגעצונדן דאָס ליכט. אויפן בעט איז געזעסן די מומע מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ. פון צווייטן צי־מער זענען אַרייִנגעלאָפן דעם פעטערס צוויי יינגלעך. ערגעץ האָט נאָך גע־דאַרפט זיין דעם פעטערס מיידל חנהלע. ווייזט אויס, אַז זי ליגט דאָרט אין צווייטן צימער און שעמט זיך אַרייַנצוגיין.

— וואָס מאַכסטו דאָ ? — האָט די מומע געפרעגט פאַרבערן.

— איך בין אַנטלאָפן פאַר די דייטשן.

דער פעטער האָט אַ ברוגזן ברום געטון :

— וואָס איז ? דו מיינסט, אַז מען וועט זיי אַרייַנלאָזן קיין לעמבערג ?

— איך מיין, אַז מען האָט זיי שוין אַרייַנגעלאָזט.

דער פעטער האָט זיך צעבייזערט :

— זיי וועלן נאָך אַרויס ! זיי וועלן מיט בושה און מיט חרפה נאָך צוריק אַרויס !

— און ווער וועט זיי אַרויסטרייבן ?

— וואָס הייסט, ווער ? — ענגלאַנד ! אַמעריקע !

— אפשר... נאָר ביז ענגלאַנד און אַמעריקע וועלן אַהער קומען...

— זיי וועלן קומען, זיי וועלן קומען, שנעלער ווי איר אַלע מיינט !

מיט דעם וואָרט „אַלע“ האָט ער, ווייזט אויס, געמיינט אויך זיינע בני בית.

די מומע האָט זיך אַריינגעמישט:

— וואָס מוטשעסטו אים מיט פּאָליטיק? זע, ווי חושכדיק ער זעט אויס. דוד, וואַש זיך אַרום, דערנאָך וועסטו עפּעס איבערכאַפּן. דו קערסט זיין מסתם גוט הונגעריק.

געלייגט האָט מען אים אין בעט אַריין מיט דעם פעטערס עלטער יינגל. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט גלייך אַנטשלאָפן ווערן, נאָר דער שלאָף איז אַזוי גיך נישט געקומען. נעמט זיך דאָס פון גרויסער מידקייט, צי פון דעם. וואָס ער שלאָפט דאָס ערשטע מאָל אויף אַ פרעמד געלעגער? יאָ, ער איז איצט ביים פעטער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. דערפאַר פלעגט דער פעטער צו זיי יעדעס מאָל קומען צוגאַסט אויף זיינע נסיעות. דאָס איז געווען אַ קליין־געוויקסיק יידעלע און געהייסן האָט ער יאָסל, נאָר מער צוגעפּאַסט וואָלט פאַר אים געווען דער נאָמען יאָסעלע. ער איז געווען רירעווודיק ווי אַ ספּרענזשינע, פלעגט זייער גיך רעדן. וואָס ער האָט גערעדט, האָט מען אָפט נישט געהערט, נאָר מען פלעגט זיך ווי ס'איז כאַפּן... ער פלעגט מאַכן נסיעות אַזש ביז קיין דאַנציג און זיך דערפאַר געהאַלטן פאַר אַ וועלט־מענטש און פאַר אַ גרויסן סוחר. צו זיינע געשעפטן פלעגט ער דאָס רוב צולייגן. דאָס ביסל פּרנסה פלעגט ער אַרויסציען פון דער קאַווע־ברענעריי וואָס ער האָט געהאַט, ביי וועלכן די קינדער פלעגן אַרבעטן. ווי שנעל ער פלעגט רעדן און ווי איילִיק זיינע באַוועגונגען, איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט פּינקטלעכקייט, זויבערקייט און אָרדענונג. ער האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט עסן ביז אַלע קינדער זענען נישט געזעסן אַרום טיש. ער האָט געפירט חשבון און געוווסט מיט דעם גראָשן וויפל ביי אים גייט אַוועק יעדן חודש אויף פּרנסה. און פלעגט ער זיך לאָזן אין וועג אַריין, האָט זיך אין זיין וואַליזע געפונען אַלץ וואָס איז נויטיק אויף דער רייזע, ביז צו בערשטעלעך צו די מלבושים, צו די שיך און די ציין.

פאַרבער איז סוף כל סוף אַנטשלאָפן געוואָרן, אָבער ס'איז נאָך געווען זייער פרי, ווען ס'האָט אים אויפגעוועקט אַן אויפרייס פון אַ באַמבע. די שטוב־מענטשן האָבן זיך אין איילעניש אָנגעטון און אַראָפּ אין קעלער אַריין. מיט וואָס דער קעלער האָט געקענט העלפן, האָט קיינער נישט געטראַכט, ס'איז געגוג געווען אַ באָמבע זאָל פאַלן אין שכנות, אַז דאָס הייזל זאָל זיך איבערקערן און זיי פאַרשיטן. דאָס איז מער געווען נויטיק צו באַרואיקן אַביסל די נערוון, ווי אַלס שמירה קעגן טויט. די עראָפּלאַנען האָבן געהאַלטן אין איין רווישן און פאַר דעם פעטער איז דאָס געווען שווער אַריבערצוטראָגן. ער האָט דאָס כמעט געהאַלטן פאַר אַ פּערזענלעכער באַליידיקונג אויף זיין חשבון:

— זעט נאָר, ווי זיי פליען דאָס אַרום פראַנק און פריי! — האָט ער זיך געבייזערט.

פאַרבער האָט געזאָגט מיט איראָניע:

— איר זעט, פעטער, זיי זענען שוין געקומען אויך אַהער.

נאָר דער פעטער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן:

— די וועלט וועט נישט שווייגן. ער וועט נאָך האָבן אַ מיתה משונה! ער וועט נאָך האָבן המנס מפּלה!

פאַרבער האָט געקוקט אַרויף צום סופיט פון קעלער און האָט געקלערט: אָט גיבן זיך די ציגל אויף אים אַ שיט, צעהאַקן זיין שאַרבן, צעקוועטשן אים, פאַרשיטן אים. ער קען זיך דערביי גאָרנישט העלפן. ער איז אינגאַנצן מאַכטלאָז. שפּעטער. אַרויסגייענדיק פון קעלער, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אפשר אַ האַלבע שעה האָט ער אומבאַוווסטזיניק זיך געחזרט דאָס איינע וואָרט, נאָר די זילבן צעטיילט: מאַכט—לאָז, מאַכט—לאָז, מאַכט—לאָז...

ווען זיי זענען ווידער געווען אין שטוב, האָבן דער פעטער מיט דער מומען זיך אויפסניי דערמאָנט, אַז ס'איז דאָ אַ גאַסט. די מומע האָט גענומען גיך פאַרבעטן די געלעגערס, אויסקערן די שטוב. דער פעטער האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן וואָס זיין מאַמע און די ברידער מאַכן און בעת זיי האָבן אַזוי געשמועסט האָט זיך דערווייל חנהלע געפּאָרעט ביי דער קיך און אים מאַקע באַלד אונטערגעטראָגן ברויט מיט פּוטער און אַ גלאָז קאַווע.

ערשט איצט האָט ער חנהלען דערזען אויף אַן אמת. דער פעטער, ווען ער איז געווען ביי זיי צוגאַסט, פלעגט זיך רימען, אַז חנהלע איז געראָטן אין אים, נאָר חנהלע איז ענלעכער געווען צו דער מוטער. זי האָט, להיפּוך צום פאָטער, גערעדט ווייניק און פאַמעלעך, ווי זי וואָלט נאָכגעטראַכט יעדעס מאָל איידער זי הויבט אָן צו רעדן. און אפשר האָט זיך עס גאָר גענומען פון שעמעוודיקייט? זי איז אויך געווען אַ סך העכער פונעם פאָטער. ווען זי איז צוגעקומען צום טיש, כדי אַוועקצונעמען דאָס גלאָז פון קאַווע, האָט פאַרבער זי געפרעגט צי זי ווייסט נישט ווו מען קען דאָ טרעפן די פּליטים, וואָס זענען זיך אַהער צונויפגעלאָפן פון די ערטער, וועלכע זענען די ערשטע באַדראָט געוואָרן פון די דייטשן. יאָ, זי ווייסט, מען האָט פאַר זיי אָפּגעגעבן דעם גרויסן „סאָקאָל"-זאַל. צי וואָלט זי נישט געוואָלט אים אַהין צופירן?

— זי איז גרייט אים אַהין צוצופירן. זי גיט נאָר אַ פרעג:

— איר זוכט דאָרט עמעצן?

— יאָ.

דער פעטער און די מומע דערוויסן זיך, אַז חנהלע גייט מיט דורן עמעצן אויפזוכן אין שטאָט און זענען צופרידן, וואָס ביידע האָבן אַזוי גיך געפונען צווישן זיך אַ שפּראַך. ווען זיי שטייען שוין ביידע ביי דער טיר, זאָגט דער פעטער:

— זעט נאָר, קינדערלעך, און זאָמט זיך נישט צו לאַנג, איך זאָל נישט דאַרפֿן איבערקלערן.

ווען זיי גייען שוין אין גאַס, באַמערקט פֿאַרבער, אַז די מומע שטייט ביים פֿענצטער און קוקט זיי נאָך. ער נעמט חנהלען אונטערן אָרעם, זי גיט אַ צאַפּל, נאָר נעמט נישט אַוועק די האַנט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז דער פֿעטער האָט אַזאַ שיין מיידל. אמת, דער פֿעטער פֿלעגט שטענדיק זי רימען אַלס אַ גרויסע שיינקייט, אָבער ביי וועלכן טאַטן, איז דאָס קינד זיינס נישט שיין ?

גרויסע רייען מיט מענטשן שטייען מיט עמערס ביי די ברונעמס, די וואַסער־לייטונג אַרבעט נישט. מען פֿרעגט זיך אויס ווו די באָמבעס האָבן געטראָפֿן. די פּנימער זענען פֿאַרדאַגהטע, דערשראָקענע. ס'זענען פֿאַראַנען אַ סך קרבנות. אַ יידענע פֿאַרטשעפּעט חנהלען :

— וואָס הערט זיך ביי אייך, חנהלע ?

— דערוויל לעבט מען.

— געלויבט דער אייבערשטער !

פֿאַרבער גיט זיך פּלוצעם אַ פֿרעג : וואָס טוט איצט זיין מאַמע, די ברידער, די שוועסטער ? נישט געווען גערדאַרפֿט זיי איבערלאָזן. אָט, למשל, וועט ער אַ פֿרווו־טון ביי חנהלען :

— איר קלערט נישט פֿונדאַנען צו אַנטלויפֿן פֿאַר די דייטשן ?

— דער טאַטע וויל נישט אַנטלויפֿן. ער האַלט, אַז אויב אַפֿילו זיי וועלן אַהער אַריין, וועט מען זיי שנעל פֿונדאַנען צוריק אַרויסיאָגן.

— און איר אַליין ווילט נישט אַנטלויפֿן ?

חנהלע זאָגט שטיל :

— ווי קען איך, אַ מיידל, אַליין זיך לאָזן אין אַזאַ צייט אין וועג אַריין ?

— און ווען איר וואָלט געהאַט מיט וועמען צו גיין ? מיט אַ נאָענטן מענטשן, פֿאַרשטייט זיך.

חנהלע ווערט רויט :

— וואָלט איך — אפֿשר געגאַנגען...

פֿאַרבער ענטפֿערט שנעל :

— איר טאָרט נישט איבערלאָזן די עלטערן ! איך האָב חרטה פֿאַר־וואָס איך האָב איבערגעלאָזט מיינע נאָענטע.

חנהלע גיט אויף אים אַ פֿאַרחידושטן בליק. זי האָט עפּעס אַנדערש דערוואַרט צו הערן. פֿון איצט קלעבט זיך מער נישט דער שמועס.

אין „סאָקאָל"־זאַל איז געווען אַ רעש און אַ טומל. אַ טייל פּליטים האָט זיך געגרייט ווייטער אין וועג אַריין און אַ טייל איז נאָר־וואָס געקומען. פֿאַרבערס בליק האָט אָנגעשטרענגט געזוכט. אפֿשר איז רחל אַרום גאַנץ

און זי איז דערגאַנגען ביז אַהער ? — ניין, זי איז נישטאָ. נישטאָ. נישטאָ. פּלוצים האָט ער דערהערט אַ שטים :

— פאַרבער !

הגם רחל פלעגט אים קיינמאָל נישט רופן ביים פאַמיליע־נאָמען, האָט ער אַ ציטער געטון. פאַר אים איז געשטאַנען אַ חבר.

— דאָ איז געווען רחל — האָט דער חבר געזאָגט — זי איז געווען זייער באַזאָרגט וועגן דיין גורל, צי מיט דיר איז נישט געשען קיין אומגליק.

פאַרבער האָט אים אָנגעכאַפּט קראַמפּהאַפט פאַרן אָרעם :

— ווו איז זי ? ווו איז זי ?

— זי איז גאַנץ פרי אַוועק.

— וויאַזוי ? צופוס ?

— ניין. זי האָט נאָך אויפן וועג אַהער באַגעגנט אַלעק שוואַרצן. ער האָט געטראָפן אַ באַקאַנטן שאָפער, וואָס האָט זיי אַרויפגענומען אויף זיין לאַסט־אויטאָ.

פאַרבער איז בלייך געוואָרן. די פריערדיקע פראַגן האָט ער געשטעלט איילנדיק, אין איין אָטעם. איצט האָט ער געפרעגט נאָך אַ ווײַלע שווייגן, פאַ־מעלעך :

— און וווהין זענען זיי געפאָרן ?

— ס'הייסט, אַז קיין קיעוו.

מער האָט פאַרבער נישט געוואָלט הערן. ער האָט זיך שנעל אָפּגע־זעגנט מיטן חבר און אַ נעם געטון חנהלען פאַר דעם אָרעם :

— קומט, מיר גייען.

ער איז נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. חנהלע האָט זיך אַ דערשראָ־קענע אים נאָכגעשלעפּט.

אומדערוואַרט האָט חנהלע אַ פרעג־געטון !

— און ווער איז די רחל ?

פאַרבער איז געבליבן שטיין, זי אָנגעקוקט, ס'איז אים געוואָרן שווער אויפן האַרצן. ער האָט געענטפערט :

— אַ מיידל. מיינע — אַ חברטע...

— אַהאַ ! — האָט חנהלע געזאָגט און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זעט דערביי אוים נאַריש.

וויאַזוי זיי זענען נאָר געקומען אַהיים, האָט פאַרבער זיך גלייך גענומען געזעגענען מיט דעם פעטער און דער מומען.

דער פעטער האָט אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט :

— וואָס יאָגסטו זיך אַזוי ?

און די מומע האָט זיך געבעטן :

— אפשר וועסטו כאָטש בלייבן אויף מיטאָג ?

נאָר ער איז געווען איינגעקשנט:

— איך איל זיך. איך מוז זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין.

די מומע האָט זיך געווענדעט צו חנהלען:

— אפשר וועסטו ביי אים פּועלן?

חנהלע איז צעמישט געוואָרן און געשטאַמלט:

— ער האָט נישט געטראָפן ווען ער האָט געזוכט... ער איילט זיך...

באַלד איז ער שוין געגאַנגען איבער די גאַסן פון דער שטאָט. ער האָט זיך געאיילט. קיין קיעוו, קיין קיעוו, צו רחלען קיין קיעוו!

.2

ער איז געגאַנגען אַ שעה־צוויי און האָט דערפילט אַ מידקייט אין די פיס. עפּעס צו שנעל. דאָס איז געווען אַ מידקייט, נישט נאָר פון הייגט, נאָר וואָס האָט זיך אַפּנים אויך אָפּגערופן פון נעכטן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער זייט פון וועג אָפּרוען. ס'איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן. פּלוצים האָט ער דערהערט פון דאָרט רופן זיין נאָמען. ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאַנגען נעענטער און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָנטרייבער איז אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען בערגער. פאַראַיאָרן זומער האָט פאַרבער גע־ווינט אַ חודש ביי אים אין אַ דאָרף הינטער לעמבערג. מיט אים אויפן וואָגן זענען אויך געפאָרן זיין ווייב און איר שוועסטער סאַבינע, וואָס האָט געוווינט אין לעמבערג און איז אַפילו אַ צייט געווען רחלס אַ חברטע. בער־גער האָט צו אים געזאָגט:

— איר זעט אויס צו זיין זייער מיד. זעצט אייך אויפן וואָגן. ס'איז דאָ פּלאַץ פאַר דריי, וועט זיך אויך מאַכן פּלאַץ פאַר אַ פערטן.

אויף דער ברייט פון וואָגן זענען געווען איבערגעלייגט צוויי ברעטלעך. אויף דעם פאָדערשטן, איז געזעסן דער יונגערמאַן, אויפן הינטערשטן, די צוויי פרויען. פאַרבער האָט געדאַנקט און זיך אויפגעזעצט לעבן יונגנמאַן.

בערגער איז הפּנים צופרידן געווען, וואָס ס'איז צוגעקומען נאָך אַ מאַן אויפן וואָגן. מיט די צוויי ווייבער איז אים, ווייזט אויס, געווען שווער אויסצוקומען. ווידער, האָט ער שוין געהאַט מיט וועמען צו כאַפּן אַ שמועס. ער האָט טאַקע גלייך אָנגעהויבן פאַרבערן צו דערציילן:

— ווי נאָר די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך שוין מער נישט דערקענט מיינע שכנים. די בעסערע פון זיי, האָבן מיך גענומען אויסמיידן און די ערגערע, האָבן מיך אָפּן גענומען דראָען. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט, זיך אויפגעזעצט מיטן ווייב אויפן וואָגן און אַריינגעפאָרן קיין לעמבערג. אַזוי ווי די בהלה איז שוין דאָרט אויך געווען גרויס, האָב איך מיטגענומען די שוועגערין און זיך ווייטער געלאָזט אין וועג. איך האָב קודם

בדעה געהאַט צו פאָרן בלויז קיין טאַרנאָפּאָל. די דייטשן שטייען אָבער שוין הינטער טאַרנאָפּאָל און איך מוז ווייטער פאָרן.

— און אפשר וועט איר טאַקע פאָרן קיין קיעוו? — האָט פאַרבער געפרעגט — דאָס איז אַ גרויסע שטאָט. פאַראַנען דאָרט אַ סך יידן.

— אפשר טאַקע קיין קיעוו — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט — די פערדלעך זאָלן נאָר אויסהאַלטן ביז אַהין.

הגם פאַרבער האָט בערגערס פרוי נישט געקענט (ווען ער האָט געוווינט אין זייער דירה איז זי געווען אין אַ קור־אָרט אין די בערג) און הגם ד״ דאָזיקע סאַבינע, האָט ער געקענט ווי אַ מיאוסע פּליאָטקע־מאַכערין און זי תמיד אויסגעמיטן, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר טאַקטיש זיך אויסצודרייען און דורך עטלעכע ווערטער מיט זיי צו פאַרבינדן אַ שמועס. דער שמועס האָט זיך אָבער נישט פאַרבונדן. אויף זיין יעדער פראַגע, האָבן זיי אָפּגעענטפערט קורץ און זייטיק. ער האָט אַ חשד, אַז זיי זענען נישט צופרידן, וואָס זייער מאַן און שוואָגער האָט אַרויפגענומען אויפן וואָגן נאָך אַ מענטשן. ווען דער יונגערמאַן זאָל זיך געווען מיט זיי באַראַטן, וואָלט עס מסתם צו דעם נישט געקומען. זיי וועלן אים געוויס, ביי אַ געלעגנהייט, נאָך דערפאַר אויסזידלען.

זיי זענען אָנגעקומען צו דעם שטעטל, ווו עס איז אַמאָל געווען די גרענעץ צווישן פוילן און ראַטנפאַרבאַנד. אויפן וועג האָבן זיך פאַרשפּרייט שמועות, אַז מען לאָזט נישט דורך פּליטים פון די מערב־געגנטן דורך דער גרענעץ. אין דער אמתן, איז דער וועג געווען פריי. פאַרבער האָט געקוקט אויף דעם שטיקל ערד, וואָס האָט צעטיילט נישט בלויז צוויי לענדער, נאָר צוויי וועלטן. וואָלטן כאָטש ביידע זייטן צעטיילט געוואָרן דורך בערג, דורך אַ טייך — גאָרנישט! די און יענע זייט — איין און דאָסזעלבע פעלד. ווען דער וואָגן איז אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז אַריין אין אַ געהיימער, פאַרכישופטער זאָנע. אַז ער איז אַריין אין דער אומענדלעכקייט.

זיי זענען נישט לאַנג געפאָרן, ווי ס׳איז געשען אַן אומגליק: אַ ראָד האָט זיך צעבראָכן. אַלע זענען אַראָפּ פון וואָגן. די צוויי ווייבער האָבן אויף פאַרבערן געקוקט מיט אַזעלכע בליקן, ווי ער וואָלט געווען אין דעם דער שולדיקער. ווי דאָס האָט די וואָג פון זיין גוף באַשטימט אין בראָך פון ראָד. דאָס ראָד האָט אים שוין נישט געקענט אויסהאַלטן.

דער יונגערמאַן איז אַוועק אין נאָענטסטן דאָרף אַריין נאָך אַ שמיד. ער האָט זיך לאַנג געזאָמט. די ווייבער זענען אומרויק געוואָרן. זיי האָבן פאַרגעוואָרפן פאַרבערן פאַרוואָס ער איז נישט געגאַנגען. פאַרבער האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך פאַרשטיי זיך נישט אויף דעם...

ענדלעך איז דער יונגערמאַן צוריקגעקומען מיט אַ פויער. דער פויער האָט געמייסטרעוועט און געקלאַפּט ביז דאָס ראָד איז גענעזן געוואָרן. ווי נאָר דער פויער האָט געענדיקט די אַרבעט, האָט פאַרבער אַרויסגענומען געלט און אים באַצאָלט. די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן דאָס בכלל נישט באַמערקט, האָבן זיך ווידער אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן.

מיטאָג-צייט, ווען מען איז צוגעקומען צו אַ שטעטל, האָט בערגער באַשלאָסן צו מאַכן אַן אָפּרו. מען האָט געשיקט פאַרבערן איבערן שטעטל צו קויפן ברויט, אָדער פּרוכטן. דאָס האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. די פויערן האָבן נישט געוואָלט פאַרקויפן. קען זיין, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אַליין געהאַט ווייניק, אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבן אויפגעהערט צו גלייבן אין ווערט פון רובל. פאַרבער האָט אָנגעווענדעט אַלץ, כדי עפּעס צו ברענגען און זיך אַרויסווייזן ווי אַ נוצלעכער פּאַסאַזשיר. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אַחוץ דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט ער זאָל איינקויפן שפּייז, איז זיי אויך געגאַנגען אין דעם, פון אים פּטור צו ווערן אויף אַ שטיקל צייט, כדי צו קענען רויק, אין זיין אָפּוועזנהייט, אָפּעסן פון דעם גרייטן. ער האָט עס דערקענט, ווייל זיי האָבן כמעט נישט אָנגערירט פון דעם, וואָס ער האָט געבראַכט, הגם זיי האָבן געדאַרפט זיין זייער הונגעריק.

זיי האָבן, ווייזט אויס, אַליין דערפילט, אַז זיי האָבן לגבי אים נישט לייטיש געהאַנדלט, ווייל ווען זיי האָבן זיך גענומען ווידער אויפזעצן אויפן וואָגן ווייטער צו פאָרן, האָט בערגערס ווייב געזאָגט:

— איר זענט, פּאַניע פאַרבער, יענער מענטש! איר האָט פון מיר אַוועקגענומען מיין מאַן... איר וועט זיין אַזוי גוט און מיך איצט לאָזן זיצן מיטן מאַן און איר וועט זיצן מיט סאַבינען.

דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז די ווייבער מאַכן מיט אים שלום. אַז זיי הייבן אים אָן צו האַלטן פאַר אַ בירגער אויפן וואָגן. אויך סאַבינע האָט געענדערט איר טאָן. זי האָט זיך געוואָלט ווייזן וואָס מער פריינטלעכער און צוגעלאָזענער צו אים. זי האָט אים ווי באַדויערט:

— ווי לאָזט זיך אַ מענטש אין וועג אַריין איינער אַליין און נאָך דערצו אָן דער מינדסטער זאַך?

— פאַראַנען געשעענישן, וואָס מען קען נישט פאָרויסזען. ווען איך בין געגאַנגען מיט מיינער אַ חברטע אויף דער גאַס, האָט זיך פּלוצעם פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז די דייטשן זענען שוין אין שטאָט. מענטשן זענען אַנטלאָפן אין דער גרויסער בהלה און מיר זענען מיטגעריסן געוואָרן.

— זענט איר, ווי איר זאָגט, אַנטלאָפן צוזאַמען מיט אַ חברטע. פאַר וואָס זשע זענט איר אַליין?

— מיר האָבן זיך בעת אַ באָמבאַרדירונג פאַרלוירן.

— איז די חברטע נישט געווען רחל? איר זענט דאָך לעצטנס מיט איר געגאַנגען.

— יאָ.

— אַהאַ... זי האַלט זיך פאַר אַ שיינע, רחל.

— איך מיין, אַז זי איז טאַקע אַזאַ.

— נו־יאָ. ביי די מענער איז דאָס אַלץ.

פאַרבער האָט געשוויגן. זי האָט ווידער אָנגעהויבן:

— זי האָט דערפאָלג ביי מענער, רחל.

— איז עס דען אַ חסרון?

— ס'איז גאָר אַ חסרון, ווען די מענער האָבן דערפאָלג ביי איר.

— וואָס פאַר אַ גיפטיקע שלאַנג איז די דאָזיקע בריאה — האָט פאַרבער ביי זיך געקלערט. ער פאָרט טאַקע אויף זייער וואָגן, אָבער ער וועט עס נישט פאַרשווייגן. ער האָט זיך אָנגערופן:

— מען רעדט אַ סך וועגן דעם, אַז מענער נוצן אוים די געלעגנ־הייט, וואָס אַ פרוי איז אַליין. איך מיין אָבער, אַז נישט ווייניקער האָט אַזאַ פרוי אויסצושטיין פון איר אייגענעם געשלעכט — פון די פרויען.

סאַבינע האָט געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ באַליידיקטער:

— אפשר וועט איר מיך שוין אַריינגעמען צווישן יענע פרויען?

פאַרבער האָט איר נישט געענטפערט. אין סאַבינען האָט עס געזאָטן. נאָך אַ ווײַלע האָט עס פון איר אַרויסגעזעצט:

— מיר וועט אָבער קיינער נישט איינרעדן, אַז אַזאַ בחור ווי אָלעק איז מיט איר געגאַנגען סתם אַזוי.

דערהערנדיק דעם נאָמען „אָלעק", איז פאַרבער געוואָרן בלייך. ער האָט אויסגעשריגן אַן אויפגערעגטער:

— איך פאַרווער אייך אַזוי וועגן איר צו רעדן!

סאַבינע האָט זיך פון אים אַביסל אָפּגערוקט אַן איבערראַשטע:

— איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס איר האָט זיך אַזוי אויפגערעגט. זי איז דאָך נישט אייער ווייב.

— זי איז יאָ מיין ווייב! — האָט פאַרבער געשריגן — זי איז איצט אין קיעוו און איך פאָר צו איר!

בערגער מיטן ווייב האָבן זיך אויסגעדרייט צו זיי און געפרעגט פאַרחידושטע וואָס דאָ איז צווישן זיי פאָרגעקומען. ביידע האָבן גע־שוויגן. זיי האָבן זיך צווישן זיך נישט גערעדט ביז צום אָוונט.

אין אָוונט, זענען זיי אָנגעקומען קיין פּראָסקוראָוו. זיי האָבן זיך אָפּ־געשטעלט אויפן מאַרק און פאַרבער איז אַוועק איבער דער שטאָט, כדי עפּעס צו קויפן אויף וועטשערע. די שפּייז־געשעפטן זענען געווען פוסטע. די איינציקע זאַך, וואָס איז אים געלונגען צו קויפן זענען געווען קאָנסער־

ווירטע ראַקעס אין קליינע בלעכענע שאַכטלען. ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געגעסן, מען האָט אים אָבער געזאָגט, אַז זייער טעם איז ווי פון הינעריש פלייש.

ווען ער איז צוריקגעקומען צום וואָגן, האָט אים בערגער אַוועקגערופן אין אַ זייט און אים געזאָגט:

— איך האָב דאָ דערווייל אָפּגעהאַלטן אַ שטיקל באַראַטונג מיט מיין משפחה. די שוועגערין ראַט מיך צו פאָרן קיין קאַווקאַז. זי האַלט, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך קיין קיעוו און ס'האָט נישט קיין זין אַהין צו פאָרן. וואָס שייך קאַווקאַז, איז דאָרט וואַרעמער. צווייטנס, איז דאָרט פאַראַן מער צו עסן. און דריטנס — האָט ער צוגעגעבן שטיל — איז עס ביי דער פערסישער גרענעץ. אויב ז י י פאַרשפּילן — גייט מען אַריבער... וואָס האַלט איר פון דעם פּלאַן?

סאַבינע האָט עס גוט פאַרטראַכט, האָט פאַרבער ביי זיך געקלערט. פאַרפאַלן, מען מוז זיך צעשיידן.

— קען זיין, אַז אייער פּלאַן איז אַ גוטער — האָט ער געענטפערט בערגערן — נאָר איך קען מיט אייך מער נישט פאָרן. איך דאַרף קיין קיעוו.

— וויאַזוי וועט איר זיך אַזוי איינער אַליין לאָזן אין וועג אַריין?

— האָט בערגער געפרעגט מיט באַדויער.

— איך וועל פרוון צו געפינען אַ צוג.

ער האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגעזעגנט פון דער גאַנצער משפחה און זיך געלאָזט אויפן וועג צום וואָקזאַל. אויף די גאַסן איז געווען פינצטער. פון צייט צו צייט האָט אַ צינד-באָמבע זיך אַריינגעשניטן אין חושך און אַרויסגעזעצט פון בגין, וועלכן זי האָט געטראָפן, מיט פלאַמען. די גאַסן, וואָס זענען געווען בייטאָג פול מיט פּליטים, זענען אָפּגעליידיקט געוואָרן. די פּליטים האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אַ סך זיכערער איבערצונעכטיקן אויף די פעלדער אַרום דער שטאָט. ער האָט קוים געפונען דעם וואָקזאַל. ער האָט אָבער אַפילו נאָך נישט באַוויזן אַ קוק צו טון צי ס'איז פאַראַן אַ צוג, ווי דער גאַנצער וואָקזאַל איז באַלויכטן געוואָרן פון ראַקעטעס. באַלד טאַקע האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אַ באָמבע נאָך אַ באָמבע. ער האָט אויף די הענט און פיס אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון וואָקזאַל. ווען ער האָט זיך שוין געזען אינדרויסן, האָט ער באַשלאָסן נישט צו פרוון מער פאָרן אויף אַ צוג. ס'איז צו געפערלעך. ער וועט זיך לאָזן ווייטער אין וועג אַריין צופוס. ווי געפינט מען אָבער אין חושך אַ וועג אַרויסצוגיין פון דער שטאָט אין דער ריכטונג פון קיעוו?

מיטאַמאָל האָט אים אָפּגעשטעלט אַ מיליטערישער פּאַטראָל. דער

עלצטער האָט אים געפרעגט ווער ער איז און וואָס ער טוט דאָ. פאַרבער האָט אים דערלאַנגט די לעגיטימאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין.

— דאָס קענסטו דיר באַהאַלטן — האָט דער עלצטער געזאָגט מיט ביטול — דעם פּאַספּאָרט!

— איך האָב נישט.

— אַהאַ... אינטערעסאַנט — האָט דער עלצטער אַ זאָג געטון און זיך געווענדעט צו די צוויי סאָלדאַטן: — פירט אים אָפּ. ביים קלענסטן פּרווו פון אַנטלויפן — שיסן!

די סאָלדאַטן האָבן אַראָפּגענומען די ביקסן פון די אַקסלען. איינער האָט זיך געשטעלט פאַר פאַרבערן, דער צווייטער — הינטער אים, און מען האָט אָנגעהויבן גיין. פאַרבער האָט זיך באַמיט צו גיין אין זייער שפּאַן, ווייל אויב ער האָט זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט, האָט ער שוין געפילט דעם באַגנעט אויף דער ביקס פון צווייטן סאָלדאַט, וואָס איז געווען געווענדעט צו זיין פּלייצע.

זיי זענען געבליבן שטיין פאַר אַ בנין, וואָס איז געווען איינגעהילט אין חושך. ביים טויער איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך. די סאָלדאַטן האָבן אים אַריינגעפירט אין הויף, געעפנט אַ טיר און אַריין אין אַ צימער, וואָס איז געווען האַלב־טונקל באַלויכטן.

ביי אַ טיש איז געזעסן עפּעס אַ נאַטשאַלניק און אַמטירט. פאַר אים זענען געשטאַנען נאָך עטלעכע פאַטראָלן מיט פאַרדעכטיקטע מענטשן, וואָס זיי האָבן געכאַפּט אין גאַס. דער פאַרהער פון יעדן מענטשן האָט לאַנג געדויערט. דער נאַטשאַלניק האָט געהאַלטן אין איין שרייען און זידלען. די סאָלדאַטן פון די אַנדערע פאַטראָלן איז לאַנגווייליק געוואָרן צו שטיין און וואַרטן, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע „קליענטן", זיך צונויפגענומען אין אַ ווינקל, פאַרדרייט פּאַפּיראָסן און איינער דעם צווייטן זיך עפּעס דערציילט אין דער שטיל.

פאַרבער איז געשטאַנען אַליין, נישט ווייט פון דער אָפענער טיר אין הויף אַריין. פאַרשידענע מחשבות זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין. וואָס וועט מען מיט אים מאַכן? דער דאָקומענט איז נישט קיין געהעריקער, ער קען זיך דערצו אויך נישט אויסטענהן אויף רוסיש. אין דער דאָזיקער בהלה, קענען זיי זיך נישט לאַנג חקרענען און מיט אים מאַכן אַ סוף. דער קלענצטער חשד איז גענוג אין אַזאַ צייט. ער ווייסט אַליין נישט וויאַזוי ס'איז געשען, נאָר ער האָט געמאַכט אַ טריט אויף הינטערווייַלעכטס, צו דער טיר, זיך אַרומגעקוקט צי ס'האָט ווער באַמערקט. גיין. ער האָט געמאַכט נאָך אַ טריט און זיך ווידער אַרומגעקוקט. דער נאַטשאַלניק קוקט אַריין אין עפּעס אַ דאָקומענט און די סאָלדאַטן זענען פאַרטון געשמאַק אין שמועס. ער האָט געמאַכט נאָך אַ טריט אויף צוריק — ער איז געשטאַנען אויף דער

שוועל. שנעל האָט ער זיך געגעבן אַ דריי־אויס און זיך געלאָזט לויפן איבערן פינצטערן הויף. ער האָט דערגרייכט דעם טויער און איידער דער סאָלדאַט אויף דער וואַך האָט באַוויזן דאָס מויל צו עפענען, האָט ער אים שנעל אַ פרעג געטון :

— איז דאָ ערגעץ נישט ווייט פון דאַנען פאַראַן אַ רעסטאָראַן, וו מען קען עפּעס עסן ?

דער סאָלדאַט האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט ביטול :

— דוראַק ! איצט ווילסטו אַ רעסטאָראַן.

— מען דאַרף פונדעסטוועגן אַ זוך טון — האָט פאַרבער אַ זאָג געטון און איז שוין געשטאַנען פון דער אַנדערער זייט טויער.

ער איז אָפּגעלאָפן עטלעכע הונדערט טריט און געבליבן שטיין. צופיל לויפן איבער די גאַסן איז נישט געזונט. אַ פּאַטראָל קען אים ווידער איבער־נעמען. ער האָט באַמערקט אין דעם טונקל עפּעס אַ גאָרטן. דער פּלויט איז נישט קיין הויכער. מען דאַרף אַריבערקריכן און דאָרט, פון יענער זייט, זיך אויסבאַהאַלטן ביז דעם באַגינען.

ווען ער האָט אַ שפּרונג געטון פון פּלויט אויף יענער זייט, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ קול אויף רוסיש :

— ווער איז דאָרט ?!

פאַרבער האָט זיך ווידער נישט אָנגערופן. ס'האָבן זיך דערנענטערט טריט. אַ באַטעריע־לעמפּל האָט אַ שיין געטון אין זיין ריכטונג. פאַרפאַלן, מען מוז זיך אָנרופן. די טריט זענען געקומען נאָך נעענטער. פאַר אים איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין דער האַנט, גרייט צו שיסן.

— וואָס טוסטו דאָ ? — האָט דער סאָלדאַט אים שטרענג געפרעגט.

— איך האָב דאָ געוואָלט איבערנעכטיקן.

דער סאָלדאַט האָט אַ לאַך געטון :

— און דו האָסט שוין נישט געפונען קיין אַנדער אָרט ווי ביי דער קאַ־זאַרמע, האַ ? — קום !

דער סאָלדאַט האָט אים געפירט אין שטיבל פון דער וואַך. דער אונ־טער־אָפיציר האָט פאַרבערן באַטאַפּט. זייער ווייניק מיט אים גערעדט, ווי ער וואָלט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער פאַרשויין, איז צו אַ וויכטיקער, ער זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען. ער האָט אויסגעקליבן צוויי סאָלדאַטן און זיי געהייסן אים ערגעץ אָפּפירן.

פאַרבער האָט געזען ווי מען פירט אים צוריק אויף דעם וועג פון וואַנען ער איז געקומען און ער איז געגאַנגען צווישן ביידע סאָלדאַטן, ווי צו דער עקזעקוציע. מען פירט אים אויך צו דעם זעלבן בנין. נאָר וואָס איז דאָס ?

— מען פירט אים נישט אין הויף אַריין, נאָר גלייך אין אַ טיר, וואָס פון דער גאַס.

ס'איז אַן אַנדער צימער און אַן אַנדערער נאַטשאַלניק. פאַרבער אָטעמט אָפּ דערלייכטערט. אפשר איז פאָרט נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט אים. די סאָלדאַטן מעלדן דעם נאַטשאַלניק, אַז מען האָט געכאַפּט דעם דאָזיקן פאַרדעכטיקטן פאַרשוין אַריבערקריכן דעם פאַרקן פון דער קאַזאַרמע.

— מען האָט ביי אים געפונען געווער ? — פרעגט דער נאַטשאַלניק.

— ניין. מען האָט גאָרנישט געפונען.

דער נאַטשאַלניק איז, קענטיק, אַנטוישט. ער ווענדעט זיך שוין די־רעקט צו פאַרבערן :

— די דאָקומענטן.

פאַרבער האָט אים דערלאַנגט די לעגיטימאַציע פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. דער נאַטשאַלניק גיט אויף איר אַ לייכטן קוק און וואַרפט זי אים צוריק :

— דאָס איז גאָרנישט ! דעם פּאַספּאָרט !

— מען האָט אים ביי מיר צוגענומען אין וואָיענקאָמאַט.

— ביסטו דאָך אַ דעזערטיר ! — האָט דער נאַטשאַלניק אַ געשריי געטון.

— ניין. מען האָט מיך באַפרייט. אַלע, וואָס שטאַמען פון די מערב־געגנטן באַפרייט מען פונעם מיליטער.

— אַהאַ...

דער נאַטשאַלניק נעמט צוריק די לעגיטימאַציע. קוקט באַלד אויף פאַרבערן, באַלד אויף זיין פאָטאָגראַפיע, אויף דער לעגיטימאַציע. פאַר־גלייכט. ענדלעך שטייט ער אויף פון אָרט, גייט צו צו פאַרבערן און ביי־זערט זיך :

— וואָסזשע שלעפסטו זיך דאָ אַרום ביינאַכט ? ווי קומסטו צו דער קאַזאַרמע ?

— איך בין אַנטלאָפן פאַר די דייטשן. איך בין אַ ייד. איך קען נישט די שטאָט, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט... געוואָלט איבערנעכטיקן... האָט פאַרבער געשטאַמלט.

— דער נאַטשאַלניק האָט אָנגעכאַפּט פאַרבערן פאַר די לאַצן פון רעקל און געשריגן :

— וואָס זאָל איך מיט דיר טון, אַה ? רעד, וואָס זאָל איך מיט דיר טון ?!

פאַרבער האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַגע. וואָס זאָל ער זאָגן ? ער האָט געענטפערט פשוט, מיט צוויי ווערטער :

— באַפרייט מיך...

— וווהין, אַה ? וווהין זאָל איך דיך לאָזן גיין ?! — האָט דער נאַ־טשאַלניק געשריגן — אַ פּאַטראָל זאָל אין צען מינוט אַרום דיך ווידער צו

מיר ברענגען ? איך האָב איצט וויכטיקערע זאַכן אויף מיין קאָפּ, ווי זיך פאַרנעמען מיט דיר!

פּלוצים האָט דער נאַטשאַלניק געביטן דעם טאָן און געזאָגט:

— אַט האָסטו דאָרט אין ווינקל אַ סאָפּע, לייג זיך אַוועק. אינדערפרי, וועל איך דיך פונדאַנען אַרויסוואַרפן!

אויף אַזאַ סוף האָט זיך שוין פאַרבער אינגאַנצן נישט געריכט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. די שרעק האָט גענומען אויסרינען פון זיינע אברים. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ געוואַלדיקע מידקייט אין גאַנצן גוף. דער מח האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן. ס'האָט לאַנג נישט גע־דויערט און ער איז איינגעשלאָפן. אייגנטלעך, איז עס גיכער געווען אַ ליי־מונג פון זיינע חושים, ווי אַ שלאָף. ער האָט געהערט דאָס קול פון נאַטשאַל־ניק און פון נאָך אַנדערע. ס'איז געווען אַ כסדרדיקע באַוועגונג פון איין צימער אין צווייטן. מען האָט זיך געפּאַקט, מען האָט געשלעפּט קאַסטנס, וואַליזעס.

אפנים, אַז באַגינען איז ער אויף אַן אמת אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען טאָג. אין צימער האָט זיך קיינער נישט געפונען. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע, געוואָלט אַרויס־גיין, נאָר ביי דער טיר האָט אים פאַרהאַלטן אַ סאָלדאַט:

— ווהין ?!

— אין גאַס אַרויס.

— אַ פּראָפּוסק!

פאַרבער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— דער נאַטשאַלניק... דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט, אַז אינדערפרי וועט ער מיך באַפרייען...

— וועלכער נאַטשאַלניק ? וויאַזוי הייסט ער ?

פאַרבער איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער:

— איך ווייס נישט וויאַזוי ער הייסט, אָבער ער איז דאָ געווען ביי־נאַכט.

— דאָ זענען געווען אַ סך!

ווי אָפט ס'בייט זיך זיין מזל. ער האָט געמיינט, אַז אַלץ איז שוין אין אָרדענונג און איז ווידער געבליבן שטעקן. אַהער ברענגען האָבן אים גע־קענט אַ סך, נאָר אַרויסלאָזן פונדאַנען קען אים בלויז איין מענטש. אויב דער דאָזיקער מענטש וועט זיך נישט געפינען, וועט מען מיינען ווער ווייסט צוליב וואָס פאַר אַ פאַרברעכן מען האָט אים אַהער געבראַכט. מען וועט אים פאַרהאַלטן, פאַרשן, מאַטערן. און רחל וואַרט אויף אים, רחל — — — —

ער איז געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אין הויף אַריין. דאָרטן זענען געשטאַנען לאַסט־אויטאָס, אויף וועלכע מען

האָט אויפגעלאָדן דעם אַרכיוו פון דער נ. ק. וו. ד. אינמיטן הויף האָט גע־ברענט אַ שייטער און יעדעס מאָל האָט מען צוגעוואָרפן צו אים פּאַרשי־דענע פּאַפּירן, ווייזט אויס, נישט וויכטיקע דאָקומענטן, וועלכע מען האָט באַשלאָסן אויפן אָרט צו פאַרברענען, כדי זיך מיט זיי נישט דאַרפן צופיל שלעפּן.

— זיי אַנטלויפן פונדאַנען, — האָט פאַרבער געקלערט — און וואָס וועט זיין מיט מיר? וועט מען מיך מיטנעמען, אָדער זיי וועלן נישט וועלן, אַז איך זאָל זיי פּאַלן צולאַסט און מען וועט מיך דערשיסן אויפן אָרט?

מיטאַמאָל האָט פאַרבער מיט זיך אַזש אַ וואָרף געטון פאַר פרייד: אויפן הויף האָט זיך באַוויזן דער נאַטשאַלניק פון בייגאַכט! ער האָט גע־טראָגן אין דער האַנט אַ וואַליזע און גענומען אַרויפשטייגן אויף איינעם פון די לאַסט־אויטאָס. פאַרבער איז צוגעשפּרונגען צום סאָלדאַט ביי דער טיר און געשריגן:

— דער נאַטשאַלניק איז דאָ! ער איז אויפן הויף! ער קען יעדע רגע אַוועקפאָרן. קום גיכער אַרויס אים פרעגן וועגן מיר!

און פאַרבער האָט אָנגעכאַפּט דעם סאָלדאַט פאַרן אָרעם, אים ממש מיט געוואַלט געשלעפּט אין הויף אַריין. דער נאַטשאַלניק האָט פאַרבערן דערקענט און געהייסן דעם סאָלדאַט אים צו באַפרייען.

פון אַ קאָשמאַרפולער נאַכט איז פאַרבער אַריין אין אַ זוניקן פרימאָרגן. ער האָט געשפּאַנט איבער דער גאַס אַ לעבעדיקער, אַ פרייער. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ שטאַרקן הונגער: דאָס איז אַ גוטער סימן. ער האָט פון דער קעשענע אַרויסגעשלעפּט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט און זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט אַ טעם אין עסן.

די דייטשן גייען, ווייזט אויס, זייער שנעל פאָרויס. דאָס איז צו דער־קענען אין די אויטאָס און טאַנקן, וואָס ציען זיך צוריק און צוריק, אין די אָפּטע באָמבאַרדירונגען און אין דער בהלה פון דער באַפעלקערונג. אַנדערע מענטשן האָבן צו זייער רשות אויטאָס אָדער וועגנער, זיי וועלן נאָך באַ־וויזן צו אַנטלויפן, אָבער ער, צופוס, טאָר נישט פאַרלירן קיין איין רגע. ער האָט געפרעגט דעם וועג צו דער ערשטער שטאָט אין דער ריכטונג פון קיעוו און גענומען אייליק שפּאַנען.

ער איז שוין איצט נישט מער געגאַנגען מיט די כוחות מיט וועלכע ער איז אַרויס פון לעמבערג. אין די ערשטע טעג, האָט ער געיאָגט איבער שטעט און דערפער כמעט אָן אָן אָפּרו און אָן עסן. די סכנה האָט אים געגעבן אימפּעט, ווי זי הויבט אויף די פליגל ביי אַן איבערגעשראָקענער הון. ער האָט נאָך יעדע עטלעכע קילאָמעטער זיך געמוזט אָפּרוען. נאָך אַ גאַנצן טאָג גיין, האָט ער געמאַכט קוים פופצן קילאָמעטער.

אין אָוונט, געפינענדיק זיך אין אַ שטעטל, האָט ער באַשלאָסן צו גיין אויפן וואָקזאַל, אפשר וועט אים געלונגען זיך אויפצוזעצן אויף אַ צוג, נאָך עטלעכע שעה וואַרטן, איז אָנגעקומען אַ צוג. דאָס איז געווען אַ לאַסט־צוג מיט אָפענע וואַגאָנען. אויף די וואַגאָנען : צעחרובטע טאַנקן, קאַליע־געוואָרענע אויטאָמאָבילן און אַנדערע מאַשינען־אינוואַלידן. מען האָט זיי, ווייזט אויס, געפירט ערגעץ צום פאַרריכטן.

פאַרבער איז בגנבה אַרויפגעקראָכן אויף איינעם פון די וואַגאָנען. געפונט דאָס אויבערשטע דעקל פון אַ טאַנק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען און זיך אַראָפּגעלאָזט אינעווייניק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ס'האָט זיך געוואַלגערט צו זיינע פיס אַ באַנקע פון בענזין. אויף אַ ווענטל איז געהאַנגען אַ לענטע מיט קוילן. ס'איז דאָ פאַראַן אַן אָרט צו זיצן, אָבער אויסשטרעקן זיך אויף אים איז נישט מעגלעך. מילא, וועט ער זיצן. אַבי נישט אונטערן רעגן און אַבי וואָס גענענטער קומען קיין קיעוו. דער ריח פון בענזין האָט אים געהאַקט אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און געפּרוווט פונדעסטוועגן כאַפּן אַ דרימל.

באַלד האָט ער געהערט עפּעס אַ פאַרדעכטיקט שאָרכן אויפן וואַגאָן. עמעצער האָט זיך געגומען פאַרען ביי דער עפענונג פונעם טאַנק. פאַרבער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט. פון אויבן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר פיס און באַלד האָט זיך באַוויזן דער גאַנצער מענטש. דאָס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק. אין אַ פּאָר בלאָע הויזן און אין אַ כאַקי־בלוזע. דער קאָפּ, נידעריק געשוירן. דאָס פּנים — טונקל, מיט צוויי שמאָלע שוואַרצע וואָנסעלעך. ער האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס נאַסע פּנים פון רעגן און געזאָגט :

— אַ פאַרשאָלטענער רעגן !

פאַרבער האָט אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר אים אויפמערקזאַם באַטראַכט. אין פּנים האָט דער פאַרשוין געהאַט עפּעס טראָציקס און הפקרדיקס. ס'איז אים געוואָרן אומהיימלעך.

דער פאַרשוין האָט אַ פרעג געטון :

— האָסט צו פאַררייכערן ?

— ניין.

— איז שלעכט !

פון די עטלעכע ווערטער, וואָס דער פאַרשוין האָט אַרויסגעזאָגט, האָט פאַרבער דערזען, אַז יענער רעדט נישט איבעריק גוט רוסיש. אויב אַזוי, קען ער איינשטעלן און פּרווון מיט אים אַ רעדט טון. די שטילקייט שרעקט אַביסל.

— איר זענט אַ רוס ? — האָט ער געפרעגט דעם פרעמדן.

— ניין. אַן אַסיעטינער, פון קאַווקאַז.

— און וויאַזוי קומט איר אַהער ?
— פון אַ לאַגער.
— איר זענט דאָרט לאַנג געזעסן ?
— צוויי יאָר.
— פאַרוואָס ?
— פאַר אַריינשטעקן עמעצן אַ מעסער אין דער פּלייצע.

אויב אַזוי האָט פאַרבער זיך נישט געגאַרט אין זיין פּנים. פון איצט־אָן, איז ער שוין געווען פאָרזיכטיק מיט זיין יעדער באַוועגונג. ער האָט זיך באַמיט זיך נישט אויסצודרייען צו אים מיט דער פּלייצע. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ווען ער טוט עס, גיט זיך יענער אויף אים אַ וואָרף און שטעכט אין אים אַריין אַ מעסער. דאָס מוז ער נישט טון דווקא, ווייל ער איז אים חושד אין האָבן ביי זיך אַ סך געלט. געוויס, אַז ער וועט קענען ביי אים דערנאָך אַראָפּציען די שיך פון די פיס.

פאַרבער האָט פון אים נישט אַראָפּגענומען אַ בליק. יעדע באַוועגונג, וואָס יענער האָט געמאַכט, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מיט איר גרייט ער זיך אויף אים אַ וואָרף צו טון. ער איז איצט מיט דעם פאַרשוין איינער אַליין אין אַזאַ ענגן שטח. נישטאָ וווהין צו אַנטלויפן, ווו זיך צו שיצן, און ס'וועט אַ געשריי זיך נישט דורכרייסן דורך די פאַרפּאַנצערטע ווענט. ער מוז זיין אויסגערעכנט בלויז אויף די אייגענע כחות. זיין האַנט האָט זיך כסדר געביילט גרייט צוריקצוגעבן דעם קלאַפּ.

ניין, ער וועט אַזוי לאַנג נישט אויסהאַלטן. ער מוז צוזוכן אַן עצה וויאַזוי אַרויס פון דער מצודה. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט פאַרבער געמאַכט אַ בולטע באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געגרייטיקט אין אַ פּיזיש באַדערפעניש, כדי יענער זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער וויל עוקר זיין — און איז אַרויסגעקראָכן פון טאַנק. דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט צו גיין, אָבער ס'איז געוואָרן קיל און ווינטיק. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין קליינעם וואָקזאַל פון דער סטאַציע און גענומען וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג.

אינמיטן דער נאַכט, איז אַ צוג אָנגעקומען. ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז פאַרבער אַריין אין ערשטן וואַגאָן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ צוג מיט פאַרוווּנדעטע פון פראָנט. דער קאַפּיטאַן האָט אים גלייך אַרויסגעטריבן. ער האָט געפּרוּווט מזל אין אַ צווייטן וואַגאָן און אין אַ דריטן. די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט.

דעמלט האָט ער גענומען זוכן דעם קאָנדוקטאָר. ווען ער האָט אים געפונען, האָט ער אים געפרעגט וווהין דער צוג גייט. דער קאָנדוקטאָר האָט אַ ברום געטון:

— און וואָס גייט עס דיך אָן ?

פֿאַרבער האָט אים דערקלערט, אַז ער דאַרף קיין קיעוו. אויב דער צוג פֿאָרט אַהין, איז ער גרייט אים צו געבן פּופֿציק רובל (מער האָט ער נישט) ער זאָל אים מיטנעמען.

— קיין קיעוו, קיין קיעוו — האָט דער קאָנדוקטאָר אים פֿאַרזיכערט. ער האָט גלייך מסכּים געווען צו געבן פֿאַר דעם פּרייז פֿאַרבערן אַן אָרט. דאָס אָרט איז געווען אין אַ פֿינצטערן וואַגאָן ביים לאָקאָמאָטיוו.

צום ערשטן מאָל זינט עטלעכע טעג, אַז ער קען רואיקער טראַכטן. די געשעענישן זענען געקומען כּסדר אַזוי שנעל, אַז איידער ער האָט באַוויזן זיך צו פֿאַרקלערן וועגן איינער, איז שוין געקומען די צווייטע. ער האָט זיי אויפֿגענומען און אויף זיי רעאַגירט מיט דעם אינסטינקט ווי אַ חיה, אָן פֿאַרבינדונג מיט דעם עבֿר און עתיד. אָט באַלד וועט ער זיך שוין ווי־דער זען מיט רחלען. פֿאַרוואָס טרייבט עס אים אַזוי שטאַרק צו איר? ער האָט זי, דאַכט זיך, גאָרנישט אַזוי ליב. נאָר אַלאַ וואָס? — אין דער דאָ־זיקער שווערער צייט מוז ער האָבן אַ נאָענטן מענטשן צו וועלכן ער זאָל שטרעבן, אַז נישט וואָלט ער נישט געהאַט קיין כּח אַזוי פֿיל אַריבערצו־טראָגן. דאָס דערהאַלטונגס־געפֿיל האָט זי אים צוגעשיקט אַלס אַנשפּאַר.

דעם פֿעטערס מיידל חנהלע, וואָלט זיך פֿאַר אים אפֿשר מער צוגע־פּאַסט, ווי רחל. אַזאַ מיידל קען טריי זיין ביז גאָר. מיט איר איז אָבער נישט אינטערעסאַנט. רחלען, האָט ער כּסדר מורא צו פֿאַרלירן. ער מוז תּמיד זיין וואַכזאַם און זי האַלט אים אין שטענדיקער שפּאַנונג. ער שעמט זיך און ס'אַרט אים, וואָס צוליב איר האָט ער אין די לעצטע טעג אַפֿילו פֿאַרגעסן אין דער מאַמען, אין דער שוועסטער און אין די ברידער. דאָס נעמט זיך, ווייזט אויס דערפֿון, וואָס די מחשבֿות וועגן זיי קערן אים צוריק אום צום אומגליק, און ווען ער קלערט פֿון איר, טרייבט עס אים פֿאַרויס, אַלץ ווייטער פֿון דער סכּנה. און אפֿשר טרייבט אים צו איר די אייפֿערזוכט? אפֿשר נעמט זיך עס דערפֿון, וואָס ער האָט געהערט, אַז זי האָט זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין מיט אָלעקן?

פֿאַרבער איז מיטאַמאָל געוואָרן בייז אויף זיך אַליין: פֿאַרוואָס ליגט ער און ברעכט זיך דעם קאָפּ, ווען ער געפֿינט זיך שוין ביים ציל, נישט ווייט פֿון איר, כּדי צוצוקלערן באַוויזן, אַז דווקא זייטיקע כּוונות טרייבן אים צו איר און נישט קיין ליבע? ער הייבט אָן זיך צוריקצוקערן אין זכּרון צום ערשטן טאָג, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן. די מוטער האָט אים געבעטן ער זאָל שלאָפֿן די לעצטע נאַכט איידער ער גייט אַוועק צום מילי־טער, נישט ביי זיך אין דער דירה, נאָר אין דער היים. ער האָט איר אָפּגע־זאָגט, און צוליב וועמען? — צוליב רחלען.

דאָס ווייזט, אַז זי איז אים תּמיד געווען נאָענט. און איצט, וויפֿל סכּנות און שטערונגען ער איז דורכגעגאַנגען אין די עטלעכע טעג אויפֿן וועג צו

איר. ער האָט זיי אַלע גובר געווען. אינדערפֿרי, וועט ער זיך ווידער מיט איר טרעפֿן. אינדערפֿרי, אינדערפֿרי — — —

ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען טאָג. דער צוג איז געשטאַנען אויף אַ סטאַציע. דאָס מוז שוין זיין קיעוו, האָט ער געקלערט. ער איז אַרויס פֿון צוג און דערזען אַ נאָמען פֿון אַן אומבאַקאַנטער סטאַציע. וואָס איז דאָס?

ער האָט אָפּגעזוכט דעם קאָנדוקטאָר. יענער האָט אין אים שוין גע־האַט פֿאַרגעסן. ווען פֿאַרבער האָט אים געפֿרעגט, צי זיי זענען געבליבן שטיין פֿאַר קיעוו, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— ווי האָסטו דאָ קיעוו! מיר זענען שוין 150 קילאָמעטער ווייטער. ביינאַכט באַקומען אַ באַפֿעל צו פֿאַרקערעווען אויף קראַסנאָדאַר, אין צפֿון־קאַווקאַז.

.3

פֿאַרבער איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגענער. ער האָט אָפּגעזאָגט דעם יונגנמאַן צו פֿאָרן קיין קאַווקאַז, אויסגעשטאַנען סכנות און מאַטער־נישן און צום סוף פֿאָרט ער טאַקע אַהין. ניין, ער וועט זיך אַקעגנשטעלן דעם גורל. ער מוז קומען קיין קיעוו, אַפֿילו ווען צופֿוס!

ווי אַ וואַגזיניקער האָט ער זיך געלאָזט גיין. ער איז אַרויס פֿון וואָקזאַל, אַרויף אויפֿן וועג. נישט געזען פֿאַר זיך קיין מענטשן, הייזער, פֿעלדער אוןביימער. ער האָט געזען פֿאַר זיך בלויז קיעוו.

ער ווייסט אַליין נישט ווי לאַנג ער איז אַזוי געגאַנגען. אינמיטן פֿעלד האָט ער געטראָפֿן שטיין אַן עשאַלאָן מיט פּליטים. דער עשאַלאָן איז שוין דאָ געשטאַנען דעם צווייטן טאָג. ער האָט נישט באַקומען קיין באַפֿעל ווי־טער צו פֿאָרן. די פּליטים זענען דערווייל אַרויס פֿון די וואַגאָנען און זיך צעשפּרייט איבערן פֿעלד. אַ טייל האָט אָנגעצונדן שייטערס און זיך געקאָכט וועטשערע. אַנדערע האָבן זיך געוואַשן די העמדער. מאַמעס האָבן געלויזט זייערע קינדער.

דער עשאַלאָן איז געקומען פֿון סטאַניסלאַוו. ער איז געווען אַ ריין־יידישער. אויסער דעם וואָס יעדער האָט פֿאַר זיך באַזונדער איינגעקויפֿט שפּייז אויפֿן וועג, איז דאָ אין עשאַלאָן געווען עפּעס בשותּפֿותדיקס פֿאַר אַלע. ס'זענען דאָ געפֿאָרן אָנפֿירער פֿון אַ שפּייז־טרעסט, וואָס האָט באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען אַ וואַגאָן מיט לעבנסמיטל. יעדער פּליט באַקומט איבערן טאָג אַ פּאָרציע קאָנסערוון, אַ שטיקל צוקער, סוכאַרעס א. אַ. וו.

פֿאַרבער האָט זיך געזען ווידער אַרומגערינגלט פֿון צענדליקער יידן מיט פֿרויען און קינדער. געהערט רעדן יידיש, געזען זייערע תּנועות, די

זאָרג און שרעק אין זייערע אויגן. ער האָט דערפילט זיין גורל־שותפות מיט זיי און האָט געשעפּטשעט: איך בין דאָך נישט איינער, איך בין דאָך נישט אַליין.

ס'העלפט אים נישט די עקשנות. וויפיל מאָל ער זאָל נישט פּרווון זיך ראַנגלען מיטן גורל ווערט ער פון אים באַזיגט. ער שווימט, שווימט אין אַ געוויסער ריכטונג, ביז ס'קומט פּלוצים אָן אַ נייע כוואַליע און פאַרטראָגט אים ווו איר ווילט זיך. ס'איז געקומען די צייט אַראָפּצולאָזן די הענט און זאָגן: איך בין שוואַך, איך גיב זיך אונטער. איך וויל אויפגעבן דעם קאַמף און זיך אויפלייזן אין דעם כלל.

און פאַרבער איז געבליבן ביים עשאַלאָן, ער האָט זיך ערגעץ דער־שלאָגן צו אַן אָרט. מען האָט אים אַריינגענומען אין שותפות. פּונקט ווי פריער איז ער געווען בלויז באַוועגונג, איז ער איצט געוואָרן פאַרגליווערט. אויסערלעך, איז ער כמעט ווי איינגעשלאָפן. דערפאַר האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו אַרבעטן זיין מח. מיטן צוג איז ער געפאָרן אַלץ ווייטער, נאָר אין די חלומות איז ער געפאָרן יעדע נאַכט אויף צוריק. און נישט בלויז אין די חלומות, נאָר אויך אין די מחשבות. רחל איז ווי פאַרנעפּלט געוואָרן. דערפאַר זענען בולטער געוואָרן די געשטאַלטן פון די זייניקע אין דער היים. וואָס טוען זיי דאָרט, קלערט ער כסדר. ווען ער וואָלט לעבן זיי געווען, אפשר וואָלט ער זיי געקענט העלפן אין אַ סכנה, צי בעת אַ נויט. ער פילט זיך שולדיק און האַלט זיך פאַר אַ בוגד, אַ דעזערטיר.

אין וואַגאָן האָבן זיי אים אָנגעהויבן האַלטן פאַר אַ „חוש". וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה וואָס זיצט די גאַנצע צייט אין ווינקל פאַרטראַכט און לויפט נישט אַראָפּ אויף די סטאַציעס צו קויפן זיך שפּייז. אויב ער לויפט שוין אַראָפּ מיט זיין פּושקע פון קאָנסערוון צו נעמען קיפּיאַטאָק, קערט ער זיך יעדעס מאָל אום מיטן זעלבן: „פאַר מיר האָט שוין נישט געסטייעט".

אין איינער אַ נאַכט, האָבן דייטשע עראָפּלאַנען באַמערקט דעם עשאַ־לאָן און אים אָנגעהויבן צו באַשיסן מיט מאַשינען־געווער. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע זענען אַרויס פון די וואַגאָנען און אַנטלאָפן זיך באַ־האַלטן אויפן פעלד אין דער תבואה. נאָר פאַרבער איז געווען דער איינ־ציקער וואָס איז געבליבן אין וואַגאָן. ער האָט נישט געגלייבט, אַז ער קען אַנטלויפן פאַרן גורל.

און דער עשאַלאָן איז געפאָרן אַ טאָג, דריי, אַ וואָך. אַט האָט מען שוין געמיינט, אַז ער שטעלט זיך ענדלעך אָפּ און אַלע שטייגן אויס, נאָר באַלד איז געקומען אַ באַפעל צו פאָרן ווייטער. אַמאָל האָט מען זיך פאַר־קערעוועט אויף רעכטס און אַמאָל אויף לינקס. אַמאָל אפילו אויף צוריק. זענען די באַן־ליניעס געווען פאַרנומען, אָדער האָט מען וועגן זיי נישט אָנ־געגומען קיין פעסטן באַשלוס? ער ווייסט עס נישט. ער ווייסט נאָר, אַז ער

וואָלט דאָ אין וואַגאָן געוואָלט פאָרן און פאָרן, ער זאָל נישט דאַרפן אַוועק פונעם כּלל צוריק צו זיך. די לעצטע סטאַציע זאָל הייסן: שלום.

אין איינעם אַן אינדערפרי, האָט זיך דער עשאַלאָן אָפּגעשטעלט. מען האָט געהייסן אַרויסגיין פון די וואַגאָנען און מיטנעמען דאָס געפּעק. פאַר דעם וואָקזאַל זענען געשטאַנען לאַסט־אויטאָס און פורן. דאָס האָבן זיי אָפּ־געוואַרט די פּליטים, כּדי זיי צו נעמען צו זיך אויף די באַשטימטע ערטער. ס'איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געדראַנג. ערשט איז מען גרייט געווען צו פאָרן און צו שלעפּן זיך נאָך טעג און וואָכן, און שוין האָט יעדע רגע געשפּילט אַ ראָל.

פאַרבער איז געשטאַנען אין אַ זייט. ער האָט נישט קיין משפּחה, ער האָט נישט קיין זאַכן. צו וואָס זיך רייסן? ערגעץ וועט זיך דאָך מסתּם פאַר אים געפינען אַן אָרט. ער איז טאַקע געבליבן פון די לעצטע פּליטים ביים וואָקזאַל. די דאָזיקע קליינע גרופּע האָט מען אויפגעזעצט אויף פורן און זיך געלאָזט איבער פעלדער. מען האָט זיי צוגעטיילט צו אַ קאָלכאָז.

פּליטים מיט גרעסערע משפּחות האָבן באַקומען אַ כאַטע. פאַרבער האָט באַקומען אַ שטיבל מיט נאָך צוויי. דאָס זענען געווען יונגע בחורים, איינער פון אַ יאָר צוואַנציק, דער צווייטער — עלטער מיט אַ יאָר צוויי־דריי. זיי זענען געווען קוזינען און געהייסן ביידע דעם זעלבן נאָמען: אָשר. דער עלטערער אָשר איז געווען אַ שמייסער ביי אַ באַלעגאָלע. דער ייִנגערער האָט געאַרבעט ביי אַ שמיד. ביידע — שטאַרקע און שלאַנקע. דער עלטערער האָט געהאַט שוואַרצע וואָנסעלעך און דער ייִנגערער — אַ בלאָנדע טשופּרי־נע, מיט וועלכער ער פלעג יעדעס מאָל אַ טרייסל־טון מיט שטאָלץ. ביידע זענען געגאַנגען אין גאַליפע־הויזן און אין שטיוול.

מען האָט זיי געגעבן אַביסל קאַרטאָפל און פּאָמידאָרן. די פּאָמידאָרן האָבן זיי געגעסן, נאָר וואָס טוט מען מיט די קאַרטאָפל? ערשטנס, איז נישטאָ קיין טאָפּ. צווייטנס, איז נישטאָ קיין שום פעטס, אפילו נישט קיין זאַלץ. נאָך אַ גליק, וואָס ביי דער אַרבעט אויפן פעלד, האָט מען געגעבן אַ זופּ. צוליב איר אַליין האָט זיך שוין געלוינט צו גיין אַהין. קיינער פון די פּליטים האָט נישט אַמאָל געאַרבעט אויף אַ פעלד. דאָ איז געווען אַ סוחר, אַ בוכהאַלטער, עטלעכע באַלעבאָסטעס, וואָס זענען געווען בריה'טעס ביי דער קיך, וואָס האָבן געקענט אָפּקאָכן אַ גאָלדענע יויך, אַ רויטן באָרשטש און וועלכע אפילו — אַ צוקער־לעקעך, אָבער נישט קאָסען היי, נישט בינדן סנאָפּעס און נישט אויסגראָבן קיין בוראַקעס.

מען האָט צוגעשטעלט צו די פּליטים אַ בריגאַדיר, וועמעס אויפגאַבע איז געווען זיי צו ווייזן ווי אַזוי צו אַרבעטן. דער בריגאַדיר האָט גלייך דער־קענט, אַז די צוויי אָשר'לעך זענען פון אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט און ער האָט זיי אַריבערגעשיקט צו אַרבעטן צוזאַמען מיט די אָרטיקע קאָלכאָזניקעס.

דאָס זענען אייגנטלעך געווען בלויז שיקסעס און יוגנטלעכע, ווייל אַלע מע־
נער האָט מען מאָביליזירט אין דער אַרמיי. ביידע אָשרלער האָבן זיך טאַקע
אַרויסגעוויזן פאַר גוטע אַרבעטער. זיי פלעגן נאָך אַמאָל אַרויסרופן אויף
אַן אַרבעטס־געוועט די שיקסעס און זיך געמאַכט אַ נאָמען איבערן גאַנצן
דאָרף.

דעם נאָמען האָבן זיי אָבער נישט בלויז צו פאַרדאַנקען דער אַרבעט.
זיי זענען געווען די אייגציקע צוויי יונגע, געזונטע בחורים אין קאָלכאָז און
דאָ האָבן זיך געפונען אַזויפיל מיידלעך און ווייבלעך, וואָס זייערע מענער
זענען אַוועק אין דער מלחמה. נאָך דער אַרבעט פלעגן די אָשרלער פאַר־
שווינדן און אַהיימקומען ערשט שפּעט ביינאַכט. זיי פלעגן קומען מיט אַ
רעש, אים אויפוועקן און דערציילן פון די פּיראָגן און שאַשליקן מיט וועלכע
מען האָט זיי מכבד געווען און אויך פּרטים פון זייער פאַרברענגען מיט
דעם, צי מיט יענעם ווייבל.

פאַרבער דערמאָנט זיך אין די קינדער־יאָרן, ווען די ערשטע מלחמה
איז אויסגעבראָכן. ער האָט געוווינט אין אַ שטעטל ביי דער רוסישער גרע־
נעץ. באַלד ביים אָנהייב פון דער מלחמה, איז דאָס רוסישע מיליטער אַריין
אין שטעטל. אין זכרון איז אים פאַרבליבן יענער טאָג. מיר און טויער זע־
נען געווען פאַרמאַכט. די יידן זענען געזעסן אין די קעלערס און אויף די
בוידעמעס און געציטערט פאַר אימה. אַן אָפּטיילונג פון קאָזאַקן מיט הויכע
קוטשמעס, אין רויטע הויזן, מיט לאַנגע פּיקעס אין די הענט, איז אַריינ־
געפלויגן אויף די פייערדיקע פערד ווי מלאכי חבלה.

זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן צו רויבן און צו זוכן „דיעוושקעס". פון
דער און יענער גאַס האָבן זיך געהערט געשרייען פון מאַמעס און פון טעכ־
טער. די קאָזאַקן האָבן פאַרגוואַלדיקט און פאַרפייניקט. אַ טייל מיידלעך
זענען געזעסן חדשים באַהאַלטן אין זייערע שטיבער פאַר בושה און ערשט
נאָך דער מלחמה זיך געלאָזט איבער ימים, ווו מען האָט נישט געוווסט
פון זייער אומגליק.

פון דאַנען, פון קובאַן, זענען אַ סך פון יענע קאָזאַקן געקומען. איצט
האָט זיך געביטן די געשיכטע : יידישע בחורים שלאָפן מיט זייערע טעכטער
און אייניקלעך. נאָר ווען די קאָזאַקן האָבן געוואָלט אַמאָל באַקומען אַ יידי־
שע פרוי, האָבן זיי געמוזט זי פאַרגוואַלדיקן. די יידישע פרוי האָט זיך
געראַנגלט, געריסן מיט די נעגל, געביסן מיט די ציין. זייערע טעכטער און
אייניקלעך בעטן מען זאָל מיט זיי שלאָפן. זיי זענען נאָך מכבד מיט גוטע
מאָלצייטן.

ביידע אשרלער זענען צעבאַלעוועט געוואָרן, אָנגעהויבן צו ווערן
חוצפּהדיק. זיי האָבן אָנגעווירן דעם חשק צו אַרבעטן. די ווייבלעך האָבן
אָפּט נישט געהאַט זיי צו געבן מער ווי זיך. און די אשרלער האָבן געוואָלט

רייכערן פּאַפּיראָסן, אַ טרונק און אַ הוליע־טון. האָבן זיי פּאַמעלעך אָנגע־הויבן צו פאַרקויפן זייערע זאַכן אין דער שכנותדיקער גרעסערער שטאָט אַרמאַוויר. זיי פלעגן אָפּט קומען פון דאָרט שיכורע און אָפּטון פאַרבערן פאַרשידענע שטיקלעך. איינמאָל, האָבן זיי אים אַריינגעגאָסן אַן עמער וואַסער אין שטרוי אויף וועלכן ער איז געלעגן און געשלאָפן. אַ צווייט מאָל, האָבן זיי אים באַהאַלטן אַ שוך. אַ דריט מאָל, האָבן זיי מיט אים אָנגע־הויבן צו באָקסן. אין דער אמתן, האָבן זיי אים ביידע אונטערגעשלאָגן די זייטן.

בעת פאַרבער פלעגט דערשפּירן, אַז זיי איז געוואָרן לאַנגווייליק, צי טרויעריק און זיי וועלן באַלד צו אים אויסלאָזן, פלעגט ער אָנהייבן זינגען אַ יידיש ליד. די דאָזיקע צוויי חברהניקעס האָבן אָפּט באַזוכט די טרופּעס, וואָס פלעגן קומען צו זיי אין שטאָט שפּילן יידיש טעאַטער. זיי האָבן געזען „שולמית“, „די רומעניִשע חתונה“ און אַנדערע אָפּערעטעס. אייגער פון די אַשרלעך האָט אַפילו געהאַט אַ שוועסטער, וואָס פלעגט אויפטרעטן אין דראַמאַטישן קלוב פון זייער שטאָט און זינגען יידישע פאָלקסלידער. ווי נאָר פאַרבער פלעגט אָנהייבן צו זינגען, פלעגן זיי שטיל ווערן און זיך צוהערן. מערסטנטייל, פלעגט פאַרבער פאַר זיי זינגען גנבים־לידער: „די וואַרשעווער קאַדעטן“, „דער יאָלד איז מיך מקנא“ צי געבירטיגס „אברהמל דער מאַרעוויכער“. דעם רעפריין פלעגן זיי אָפּט מיטזינגען. אויב ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז ער האָט אויף זיי נישט געווירקט מיט דעם ליד, פלעגט ער דעמלט פאַר זיי אָפּשפּילן אַ גאַנצע סצענע פון עפּעס אַ קאָמעדיע. די חברהניקעס זענען געווען באַגייסטערט און געקלאַפּט „בראַוואָ“.

אַזוי פלעגט פאַרבער זיי צווימען מיט דעם יידישן ליד, ווי אַ דרעסי־רער אין צירק די חיות. טיילמאָל, איז פאַרבער אַזוי אַריין אין זיין ראָל, אַז ער האָט נישט נאָר זיי, נאָר זיך אַליין אויך פאַרשפּילט. אויפן אַנדערן טאָג, האָט ער זיך געפילט דערנידעריקט און צעבראָכן. וואָס איז פון אים געוואָרן? צי וועט ער זיך שוין קיינמאָל מער נישט אויפהייבן? ער האָט געהאַט איין תפילה, און די תפילה איז באַשטאַנען פון איין וואָרט: ווילן.

באַגינען, ווען מען פלעגט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, איז געווען קאַלט. דער הימל פאַרוואָלקנט. שפּעטער איז געוואָרן אַלץ הייסער און הייסער. די ערד איז פון דער היץ אַזש צעשפּאָלטן געוואָרן. אויף דער ערד פלעגן אַרומקריכן יאַשטשערקעס און אַפילו שלאַנגען. אין דער לופטן האָבן גע־קרייזט אָדלערס און אָפּט זיך געטון אַ לאָז אַראָפּ און אַ כאַפּ אַ הון, צי אַ גאַנדז. ווייט־ווייט, ביז צום האָריזאָנט, האָט זיך געצויגן דער סטעפּ. אין דער דאָזיקער רחבות האָט ער זיך געפילט נאָך עלנטער און פאַרלוירענער.

ווי די פרויען האָבן געבענקט דורך די נעכט נאָך די מענער, האָט די ערד געבענקט נאָך זיי דורך די טעג. די פעלדער זענען געשטאַנען צייטיקע,

מיט תבואות און מיט כלערליי צמחים, נאָר די מענער זענען אַוועק פון די ברויט־פעלדער אויף די טויט־פעלדער. אַט וועלן אָנהייבן פאַלן די רעגנס און אַלץ וועט ווערן נאַס, וועט פוילן און גיין לאיבוד.

די לעצטע וואָך האָט אין ראַיאָן־שטעטל אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַ מיליטערישע מעדיצינישע קאָמיסיע און האָט ווידער אַוועקגענומען אַ בחור פון דאָרף. די פריערדיקע, האָט אים געהאַט באַפרייט מחמת זיין שוואַכער ראיה. מען האָט אין דאָרף זיך געוויצלט, אַז זיי האָבן גלייך געטון, ווייל כדי צו קומען אויפן פראָנט דאַרף ער נישט קיין אויגן — מען וועט אים פירן. און דעם וועג צוריק — וועט ער שוין במילא קיינמאָל מער נישט זען.

דער פאָטער פון דעם בחור, אַ געוועזענער קאָזאַק אין דער צאַרישער אַרמיי, האָט זיך אויסגעפוצט אין אַ קוטשמע, אין ברייטע הויזן און אין שטיוול — די נאַציאָנאַלע טראַכט פון די קאָזאַקן — און זיך געגרייט אים צו באַגלייטן. פאַר דער צייט זענען שוין אָנגעקומען אַהער ידיעות פון צוויי געפאַלענע מענער אויפן פראָנט און ווען דער פאָטער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן וואָגן מיטן זון, האָט די מוטער צעשטערט די גאַנצע פייערלעכקייט: זי האָט זיך מיט אַ גרויס געוויין אַ וואָרף געטון פאַר די פערד. מען האָט זי, אַ פאַרחלשטע, אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן אין שטוב אַריין.

אין די זונטיקדיקע נאָכמיטאָגן, האָבן זיך צונויפגענומען די שיקסעס פון דאָרף און געזונגען לידער. דאָס זענען געווען, מערסטנטייל, פאַלקסטימלעכע מאָטיוון. עס האָבן אָבער אויך נישט געפעלט קיין נייע סאָוועטישע און רויט־אַרמייאישע, וואָס זענען כסדר געשאַפן געוואָרן. דערנאָך פלעגט מען אויך טאַנצן. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָבן כמעט געטאַנצט נאָר פרויען מיט פרויען צוליב דעם מאַנגל אין מענער. יאָ, איין מאַן האָט דאָרט געקיניגט: דאָס איז געווען וואַנקע דער הויקער. ביז צו דער מלחמה האָט אַ פרוי אַפילו נישט געוואָלט אויף אים אַ קוק טון. איצט איז ער געוואָרן אַ מאַנספּערשוין. ער ווייסט זיין חשיבות. ער וואָלט זיך איגגאַנצן גוט געפילט, ווען נישט די עטלעכע מענער, די פּליטים. אַ באַזונדערע קנאה טראָגט ער אויף די צוויי אשרלעך. ער פלעגט פאַר דער מלחמה תמיד מאַכן „טשאַסטושקעס" אויף פאַרשידענע אַקטועלע טעמעס. איצט, איז זיין הויפּטטעמע געוואָרן — די אשרלעך. אין די „טשאַסטושקעס" דערציילט ער ווי די שיקסע, אָדער יענע, קריכט צו די אשרלעך. ער קרימט אויך נאָך זייער שלעכטן רוסיש. די מיידלעך קייכן פאַר געלעכטער. זיי קלאַפּן אים בראַוואָ. פונדעסטוועגן, שאַדט עס גאָר נישט צום דערפאָלג פון די צוויי בחורים.

אָבער עפּעס פאַלט שוין אויך צו וואַנקען. פאַרט אַ מאַנספּערשוין. טאָקע נישט קיין יונגע מיידלעך, נאָר פאַראַנען אויך נישקשהדיקע ווייבלעך. אויסער דעם, האָט וואַנקע תמיד עטלעכע רובל. צוליב זיין הויקער אַרבעט ער נישט אויפן פעלד. ער איז אַ פורמאַן, ער פירט אָפּ קיין אַרמאַוויר די

תבואות און די פּירות פאַר דער מלוכה. צו די דאָזיקע נסיעות דערלייגט ער נישט, ער פּלעגט תמיד אַהין פאָרן מיט דעם בחור, וואָס מען האָט לעצטנס אַוועקגענומען אין דער אַרמיי. איצט, ווען ער האָט זיך גערדאַרפט צוזוכן אַ נייעם באַגלייטער, האָט ער אויסגעקליבן פאַרבערן. אים האָט ער געהאַט גערן, אַ יונגערמאַן, און קריכט נישט צו די מיידלעך, מאַכט אים נישט קיין קאָנקורענץ. פאַר פאַרבערן האָט די דאָזיקע באַשעפטיקונג אויך באַטייט ווי אַ פאַרלייכטערונג.

נאָך דעם ווי ער איז צוויי חדשים געזעסן אין דאָרף, האָט ער, קומענ־דיק קיין אַרמאַוויר, אויפסניי דערפילט דעם ריח פון דער שטאָט. אמת, אַז די געשעפטן זענען כמעט ליידיקע און אין די רעסטאָראַנען זענען די מאכלים באַגרענעצט, אָבער די גאַסן זענען דאָך געבליבן די זעלבע וואָס פאַר דער מלחמה און אויך די הייזער. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט זיין הולך. דער אָנצוג איז היפּשלעך אָפּגעטראָגן און די שיך צעריסן. ס'איז אים געוואָרן נאָך שווערער אויפן האַרצן ווי ער איז אַהער געקומען. פונ־דעסטוועגן, האָט ער מיט דער ערשטער נסיעה אויפגעטון דריי זאַכן: ער האָט זיך געקויפט אַ שטיקל זייף, עפּעס אַ פאַרביקן קראַוואַט און האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז „מאָרס".

איינמאָל, איז ער געפאָרן מיט וואַנקען קיין אַרמאַוויר מיט היגער פון קאָלכאָז פאַר דעם דאָרטיקן מיליטערישן שפּיטאָל. זיי זענען אַהין געקומען מיטאָג־צייט. איבערגעגעבן די היגער, האָט וואַנקע איבערגעלאָזט פאַרבערן היטן די פור און אַליין זיך געלאָזט צום מאַרק. דאָס אָרט איז געווען אַ פּלאַץ הינטער דער שטאָט. דאָרט זענען געשטאַנען נאָך אַ סך פורן פון די אַרומיקע קאָלכאָזן. אין דער דאָזיקער פאַרשטאָט האָבן געוווינט מערסטנ־טייל אַרמענער. יעדעס מאָל, איז פון אַ שטוב אַרויסגעגאַנגען אַן אַרמעניש מיידל מיט אַ קרוג אויף דעם קאָפּ צום ברונעם ביי וועלכן ער איז געשטאַ־נען מיטן וואָגן. דאָס זענען געווען שלאַנקע, חנעוודיקע מיידלעך מיט זון־פאַרברענטע פּנימער, מיט שוואַרצע אויגן און מיט לאַנגע ריגגען אין די אויערן. מסתם אַזוי האָט אויסגעזען רחל, ווען יעקב האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען. ער איז גרייט אויך אַראָפּצוקייקלען פאַר זיי דעם שטיין פון ברונעם. נאָר דער שטיין ליגט נישט אויפן ברונעם, נאָר אויף זיין האַרץ.

פּלוצים האָט ער הינטער זיך דערהערט:

— ס'געפעלן אייך די מיידן, אַה?

ער האָט זיך אויסגעדרייט. פאַר אים איז געשטאַנען דאָס אָדעסער ווייבל, וואָס וווינט אויך אַלס פּליט אין דאָרף.

— מען האָט געקענט מיינען, אַז איר זענט אַ צדיק. פונדעסטוועגן, קומט צו אייך אויך אַמאָל דער יצר הרע — האָט דאָס ווייבל צוגעגעבן.

— דער יצר הרע קומט תמיד צום צדיק, נאָר דער צדיק קומט נישט צום יצר הרע —האָט איר פאַרבער געענטפערט.

דאָס אָדעסער ווייבל האָט זיך צעלאַכט אויפן קול:

— כאַ־כאַ, כאַ־כאַ. אָטשען אומנאַ, מאָלאָדיעץ!

און איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צום עסק:

— ווי פאָנימאַיעטע... איך וויל מיט אייך איצט פאָרן אַהיים... אויף אייער פאָדוואָד...

— וואָס פרעגט איר ביי מיר? וואַנקע וועט קומען, וועט איר אים בעטן.

— וואַנקע — אויך מיר אַ נאַטשאַלניק!

און זי האָט אַ וואָרף געטון אויפן וואָגן איר פעקל.

דערנאָך האָט זי פאַרבערן אַ שטורקע געטון אין דער זייט:

— ס׳וועט אייך זיין פריאַטנע צו פאָרן...

וואַנקע איז געקומען צוגיין מיט עטלעכע פעקלעך. דערזעענדיק דאָס אָדעסער ווייבל, האָט ער אַ פרעג געטון:

— קודאַ יעדיעש?

דאָס ווייבל האָט רואיק געענטפערט:

— וו׳אָדעסו...

— כאַראָשאָ... האָט וואַנקע אַ שמייכל געטון — אי יאַ טודאַ...

און ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער קעלניע, אַ שמייס געטון די פערד און דער וואָגן האָט גערירט.

באַלד זענען זיי שוין געפאָרן איבער פעלדער. וויט־וויט האָט זיך געצויגן דער סטעפּ. פאַרבער איז געווען געוווינט צו זען אין זיינע קינדער־יאָרן צעבערעקלטע שטחים, אָפּגעטיילט מיט מעזשעס. שטחים באַוואַקסענע מיט קאַרטאָפל און קוקורודזעס. דאָ ציען זיך אומענדלעכע פעלדער מיט ווייגערטנער, מיט אַבריקאָזן, מיט אַרבוזעס און דיניעס. אַלע פרוכטן שפּילן מיט וואַרעמע קאָלירן. אַלע פרוכטן זענען אָפּגעקרישלטע טיילן פון דער זון, ווי שפּליטער, וואָס פאַלן אַראָפּ פון די פלאַנעטן. וויפל זאַפטיקע זיסקייט אויף יעדן פעלד, וויפל שכרות אין יעדן וויינטרויבן־קוסט!

דאָס אָדעסער ווייבל האָט איבערגעריסן זיינע מחשבות:

— איר זענט אויך פון פאַלשטשאַ, נאָר עפּעס גאָר אַן אַנדערער...

— פון וועמען אַן אַנדערער?

— וואָט... נאַפּרימער, פון ביידע בחורים, די אשרם...

— אין פוילן זענען פאַראַן פאַרשידענע מענטשן.

— יאַ פאָנימאַיו... איר האָט איבערגעלאָזט די סימייסטווע... איר האָט געגאָלאָדאַיעט... נאָר איצט איז דאָך אייך שוין בעסער, ווי זאָגט מען: אַ הויקער איז מזלדיק!

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי ?

דאָס אָדעסער ווייבל האָט אַ ווינק געטון מיט אַן אויג :

— איר מאַכט זיך תמעוואַטע, אַה ? האָט נישט קיין מורא, איך וועל קיינעם נישט דערציילן.

נאָר פאַרבער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען :

— איך ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס איר מיינט.

דאָס ווייבל האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים אַריין און ענדלעך גע־זאָגט :

— גיעאוזשעלי זענט איר טאַקע אַזאַ יאָלד ?

— מילא, בין איך.

דאָס ווייבל האָט זיך צוגעבויגן צו אים און געזאָגט אויפן אויער :

— צי ווייסט איר כאָטש, אַז דער הויקער האָט שוין אַ זאַק מיט געלט ?

— דערווייל זע איך אויף זיינע פּלייצעס אַ הויקער און נישט קיין זאַק מיט געלט.

— איר מיינט, אַז איר לאַכט פון אים, יונגערמאַן, נאָר ער לאַכט פון אייך ! פון יעדער רייזע בלייבן אים איבער אַ שיינע פּאָר קערבלעך. פירט ער תבואה, איז געווען אַ לאָך אין זאַק און ס'האָט זיך אַרויסגעשיט. פירט ער פרוכטן, זענען זיי צעפוילט געווען. פירט ער הינער, פגרן אויס אַ טייל אויפן וועג.

— און יענער, וועמען ער פירט עס, שווייגט ?

— י ע נ ע ר נעמט אויך אַ חלק. מען מאַכט אַ פּראָטאָקאָל אי וסיאָ וו'פּאַריאַדקע ! דער הויקער וואָלט אַליין געדאַרפט פאַרשטיין און אייך אַמאָל עפּעס צוואַרפן. נאָר וואַרט צו אַ רגע, איך וועל זיך צו אים אַ נעם־טון.

זי האָט וואַנקען אַ צי געטון פאַרן אַרבל :

— וואַנקע. פּאָר פּאַמעלעד... וועסט איינפאָרן...

וואַנקע האָט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ :

— וואָס איז ?

— צי ווייסטו, אַז דיין יונגערמאַן מאַטערט זיך ? אַז ער הונגערט ?

— איז וואָס ווילסטו פון מיר ?

— וואָס שפּילסטו דעם נאַר ? צי מיינסטו, אַז נאָר דו דאַרפסט לעבן, אַה ?

וואַנקע איז אַביסל צעטומלט געוואָרן פון דער אומגעריכטער פראַגע און ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט :

— פונוואַנען זאָל איך וויסן ? ע ר האָט מיר גאָרנישט געזאָגט.

— זאָג איך דיר. מיר קומען אַהיים, גיסטו אים אַ הינדל. האָסט געננוג!

— נו, גוט. ער וועט באַקומען.

און וואַנקע טוט אַ שמיץ מיט דער בייטש די פערד.

— איר זעט, יונגערמאַן — האָט דאָס ווייבל געזאָגט פאַרבערן מיט אַ טריומפירנדיקער מינע — אָט האָט איר שוין דעם אָנהייב!

— און וואָס וועל איך טון מיטן הינדל? — האָט פאַרבער זי געפרעגט — וויאַזוי וועל איך עס אָפּקאָכן?

— איך וועל עס אָפּקאָכן. ברענגט עס מיר. איר וועט שוין זען וואָס פאַר אַ וועטשערע מיר וועלן הייַנט האָבן.

אין אָוונט, ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דאָרף אַריין, האָט פאַרבער באַקומען דאָס הינדל און עס אָפּגעטראָגן דעם ווייבל. זי האָט געוווינט לעבן קובאַן אין אַ פויערישער כאַטע צוזאַמען מיט איר דרייַיעריק מיידעלע.

ווען פאַרבער האָט איר איבערגעגעבן דאָס הינדל, האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס איז געווען אייער טאַטע?

פאַרבער האָט זי אָנגעקוקט אַ פאַרחידושטער אויף דער פראַגע, נאָר ער האָט געענטפערט:

— אַ קרעמער.

— און זיין זון, וועט איצט זיין אַ שוחט. נעמט אייך צו דעם הינדל!

פאַרבער האָט אַזש אַ ציטער געטון:

— ניין־ניין! דאָס איז נישט פאַר מיר!

דאָס ווייבל האָט זיך צעלאַכט:

— אויב אַזוי זענט איר אַפילו נישט קיין שוחט, נאָר אַ מלמד...

און זי האָט אַליין זיך גענומען צו דער עבודה. זי האָט דאָס הינדל אַרויסגעטראָגן אַ געבונדנס אויפן הויף און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט זי זיך גענומען עס אָפּפּליקן, אַרומברענען די רעשטלעך האָר און פעדערן, אַרויסגענומען די אינגעווייַדן און באַלד איז עס געלעגן אין טעפּל און זיך געקאָכט.

דאָס מיידעלע האָט זיך דערווייַל צוגעקלעבט צו פאַרבערן. ס'איז אים געקראָכן אויף די קניען, ס'האָט אים צעשויבערט די האָר אויפן קאָפּ. פאַרבער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען אַלערליי „קונצן" פאַר קינדער. ער האָט פאַרשידן געפלאָכטן די פינגער, נאָכגעמאַכט די קולות פון פייגל און חיות, ווי ס'פאָרט אַ באַן. דאָס מיידעלע האָט אַזש געצאַפּלט פאַר פרייד און אַלץ געשריגן: נאָך! נאָך!

דאָס ווייבל האָט דערווייַל אויסגעשפּרייט אַ טוך אויפן טיש. אַוועקגעלייגט לעפל־גאָפּל פאַר פאַרבערן, פאַר זיך און דעם מיידעלע. און אַז דאָס

הינדל האָט זיך אָפּגעקאָכט, האָבן זיי זיך אַלע דריי אַוועקגעזעצט עסן. צוערשט אַ פּאָרשפּייז, פּאָמידאָרן מיט ציבעלע, שפּעטער, צו טעלער יויך מיט לאָקשן, און צום סוף — אַ האַלבע הון פאַר פאַרבערן און די צווייטע העלפט פאַר דעם ווייבל און דעם קינד.

פאַרבערן איז געוואָרן זאַט. אַ פולע צופרידנקייט האָט אים אַרומ־גענומען.

— שוין־זשע זאָל אַ גוטע וועטשערע אויף מיר אַזוי שטאַרק ווירקן?

— האָט ער זיך געמוסרט אין די מחשבות. און ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז ער איז גאָר אַן אַנדערער מענטש געוואָרן.

נאָך דעם, ווי דאָס ווייבל האָט אָפּגערוימט דעם טיש, האָט זי זיך גע־ווענדט צום מיידעלע:

— און איצט, אַניאַ, וועסטו זיך לייגן שלאָפן.

דאָס מיידעלע האָט זיך גענומען רייסן פון אירע הענט:

— איך וויל זיך נאָך נישט לייגן. איך וויל זיך נאָך שפּילן מיט דעם דיאַדיאַ!

דאָס ווייבל האָט זי ווידער אָנגעכאַפּט פאַר די הענט:

— גענוג! דו האָסט שוין פאַרמאַטערט דעם דיאַדיאַ. ס'איז שפּעט און דו דאַרפסט זיך לייגן!

דער מוטערס בייזער בליק האָט זי אָפּגעשראָקן. זי האָט אַ שטילן כליפּ געטון און געלאָזט זיך אויסטון. ווען דאָס מיידעלע איז שוין געלעגן אין בעטל, איז דאָס ווייבל צוגעגאַנגען צום טיש, אַריינגעדרייט דעם קנויט פון לאָמפּ, אַז ס'איז געבליבן בלויז אַ גאָר קליין פלעמל.

— אין דער פינצטער, וועט זי גיכער אַנטשלאָפן ווערן — האָט זי אויסגעטייטשט פאַרבערן.

פאַרבער, וואָס איז געזעסן אויפן בענקל ביים טיש, האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ מידקייט זיך צעגיין אין אַלע זיינע אברים. דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעפאַלן אויף דער ברוסט. הגם, ס'איז געווען טונקל, האָט דאָס ווייבל עס באַמערקט און געזאָגט:

— איך זע, אַז איר זענט מיד. שעמט אייך נישט און שפּאַרט אייך צו אַביסל אויפן בעט.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און צוגעפירט צום געלעגער. ער איז געווען נאָכגיביקער פון איר קליינעם מיידעלע. יענע האָט זיך גע־ווערט, געכליפּעט. ער איז געגאַנגען אַ שטילער. וואָס איז מיט אים? צי איז שוין פון אים אויסגערונען דער גאַנצער ווילן?

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויפן בעט, אים גענומען גלעטן די האָר אויפן קאָפּ. דערנאָך האָט זי זיך איבער אים אַראָפּגעבויגן און ער האָט דערפילט איבער זיין פּנים איר בוזעם. ס'איז אים הייס געוואָרן און

ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פֿון איר, נאָר ווי אין וואַלד אַ הירש, וואָס אַנטלויפֿט פֿון יעגער און פֿאַרטשעפּעט זיך מיט די הערנער אין דער געדיכטעניש פֿון צווייגן — אַזוי האָט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין אירע האָר און ברוסטן, אין אירע הענט און פֿיס און איז געבליבן געפֿאַנגען.

...ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. זיך אַרומ־געקוקט אַ פֿאַרחידושטער: ווו געפֿינט ער זיך? לעבן אים איז געלעגן דאָס ווייבל און געשלאָפֿן. ער איז אַראָפּ פֿון געלעגער, גענומען מיט די פֿינגער פֿאַרקעמען די האָר, זיך אָנטון. דאָס ווייבל האָט זיך אויפֿגעוועקט, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט און אים געפֿרעגט:

— ווּהין ווילסטו גיין?

— צו זיך.

— וואַרט אַביסל צו. איך וועל מאַכן פֿרישטיק.

— איך וויל נישט עסן!

דאָס ווייבל איז אַראָפּ אין בלויזן העמד פֿון בעט:

— בלייב איבער, דאַראָגאָי, ס'וועט דיר גוט זיין מיט מיר! דו ביסט דאָך אויך אַליין.

פֿאַרבער האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שרייען ווי נישט מיט זיין קול:

— איך האָב אַ ווייב! איר הערט: איך האָב אַ ווייב!

דאָס מיידעלע האָט זיך אויפֿגעוועקט פֿון געשריי. זי האָט געזען די מוטער שטיין אין הוילן העמד און לעבן איר עפּעס אַ פֿרעמדן שרייענדיקן מענטשן (זי האָט פֿאַרבערן שוין מער נישט דערקענט) זיך דערשראָקן און זיך צעוויינט:

— מאַ־מע, מאַ־מע!

פֿאַרבער האָט זיך אַ ריס געטון צו דער טיר. דאָס ווייבל האָט אים אָנגעכאַפּט פֿאַר דער האַנט, אים געוואָלט פֿאַרהאַלטן.

— איך... איך בלייב דאָ נישט מער! איך פֿאָר אַוועק פֿון דאַנען! — האָט ער שנעל געזאָגט און איז אַרויס פֿון דער שטוב.

ער איז געלאָפֿן, געלאָפֿן, ווו די אויגן האָט אים געטראָגן, ביז ער האָט זיך געזען ביים טייך, דאָ איז ער געבליבן שטיין, ער איז דורכגענומען גע־וואָרן פֿון איר שווייס, פֿון איר אָטעם, ער איז טמא, וועט ער זיך דאָ אין טייך אויסבאָדן, אַראָפּשווענקען פֿון זיך די זינד. און פֿון דער זון וועט ער לאָזן דעם גוף זיינעם ברענען, אויסברענען פֿון איר יעדע באַרירונג.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ער איז געקומען פֿון פֿעלד, האָט ער גע־טראָפֿן אין שטוב די ביידע אשרלעך, עפּעס האָבן זיי אים אויפֿגענומען אַנדערש ווי תמיד. דער עלטערער איז צו אים צוגעגאַנגען, אים אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע:

— דו ביסט אַ נאַש־בראַט, דו געפעלסט מיר!

— פאַרוואָס עפּעס פּלוצעם? — האָט אים פאַרבער געפרעגט פאַר־חידושט.

— זע נאָר, ווי ער מאַכט זיך תמעוואַטע! — האָט דער עלטערער אשר געזאָגט צום ייִנגערן — מיר דערציילן אים יעדעס מאָל פון אונדזערע ווייבלעך, און ער האָט מורא, האַלט עס בסוד.

פאַרבערן האָט אָנגעהויבן צו ברענען דאָס פּנים. ער האָט געזוכט ווערטער אויף אַן ענטפער, נאָר זיי זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— זי האָט זיך געפרעגט אויף דיר. זי האָט געמיינט, אַז דו ביסט שוין אַוועקגעפאָרן — האָט דער ייִנגערער מוסיף געווען.

פונוואַנען ווייסן זיי? ווער האָט זיי דערציילט? אפשר גאָר דאָס ווייבל אַליין? און אפשר ווייסן זיי נישט פון יענער נאַכט, נאָר זיי האָבן אַ חשד?

דער עלטערער אשר האָט אַ טאַרע געטון דעם ייִנגערן:

— דו געדענקסט מאָנטיק, ווען ער איז נישט געקומען אַהער נעכטיקן. ער האָט דאַך געזאָגט, אַז ער איז געשלאָפן אין פעלד אויפן היי.

ביידע אשר'לעך האָבן אַרויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

פאַרבער האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין ביי זיי אַלץ פאַרלוירן. אַז זיי וועלן אים פון איצט פאַרמאַטערן. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות. זיי האָבן אויף אים איצט געקוקט מיט מער דרך ארץ. ער איז אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן, ווי ביידע וואָלטן געזאָגט:

— מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ שלימזל און צום סוף ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז ער טויג צו עפּעס!

ביידע אשר'לעך זענען אַוועק אין דאָרף אַריין. פאַרבער איז געבליבן אַליין אין שטוב. נאָר לאַנג האָט ער נישט געקאָנט דאָרט איינזיצן. ער איז אַרויס אויפן הויף. פון הויף — אויף דעם וועג, וואָס פירט אַרויס אין סטעפּ. דאָ און דאָרט האָט פון די כאַטעס אַרויסגעקוקט די קאַרגע שיין פון נאַפט־לעמפּלעך. דערפאַר האָט פון הימל אַזוי חשיבותדיק אַראָפּגעקוקט די לבנה. זי האָט אָבער אויבן אויסצושטיין אַ סך צרות: אַלעמאָל וואַרפט זיך אויף איר אַרויף אַ וואָלקן און וויל זי פאַרדעקן. זי גליטשט זיך אַפילו יעדעס מאָל פון אונטער אים אַפּיר, זי איז אָבער איינע, און זיי — אַזוי פיל!

אויף דער וועלט גייט אַ שלאַכט. מיליאָנען יונגע מענער זענען אַרויס זיך שלאָגן קעגן רשעות, קעגן גוואַלט און פאַרשקלאַפונג, נאָר אים האָט מען פון דער אַרמיי דערווייטערט: מען האָט צו אים נישט קיין צוטרוי. ער זיצט דאָ אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף, קלערט דורך די טעג פון נאָך הונ־דערט גראַם ברויט, פון אַ פעטער זופּ און דורך די נעכט פירט ער מלחמות

מיט די פליי. ער האָט זיך אין קאָפּ אַריין גענומען אַ פרוי און אַ שטאָט. די שטאָט איז שוין פאַרנומען פון דעם דייטש, און די פרוי — פון וועמען? ווי לאַנג וועט זי דען אויף אים וואַרטן? בשעת אַ מלחמה, איז אַפילו פאַר אַ מאַן שווער צו זיין אַליין, בפרט פאַר אַ פרוי. און די היים? ער האָט אַנומלט געלייענט אין אַ צייטונג וועגן דער שחיטה, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט איבער דער יידישער באַפעלקערונג פון זיין שטאָט. דאָס האַרץ איז אים זייער אומרואיק. וועט ער נאָך אַמאָל ווידער זען די זייניקע? יעדע נאַכט זעט ער זיינע געדאַנקען אין קאָשמאַר־בילדער. ער שטייט אויף נאָך מער אָפּגעמאַטערט ווי ער לייגט זיך. ער איז שוין מיד צו לעבן פיר און צוואַנציק שעה אין מעת לעת אָן אַן אָפּרו.

ווען ער איז אַרויס פון דעם ווייבלס שטוב, האָט ער איר געזאָגט, אַז ער פאָרט אַוועק פונדאַנען. ער האָט פריער וועגן דעם נישט געקלערט, דער געדאַנק איז צו אים געקומען מיטאַמאָל, בלויז מיטן ציל איר צו ענטפערן עפּעס קאַטעגאָרישעס. נאָר איצט זעט ער, אַז דאָס איז געוואָרן פאַר אים אין זיין איצטיקן מצב אַן אומפאַרמיידלעכקייט. צוואָס וועט אים דאָס זיין דאָ נאָך דערפירן? צוריק מיט עטלעכע טעג, איז ער געקומען צו דעם אָדעסער ווייבל אומשולדיקערהייט, שפּעטער מיט עטלעכע טעג, קען ער נאָך גיין צו איר באַוווסטזיניק. דער אומעט, דער עלנט און די נויט וועלן אים דערצו דערפירן. בעת אַ מלחמה לויערן טאָקע אויף דעם סאָלדאַט אַ סך סכנות, מען גיט אים אָבער וואָפן אין די הענט אַריין. וואָסערע וואָפן האָט ער, כדי זיך אַקעגנצושטעלן די סכנות, וואָס דראָען אים דאָ? דאָס וואָס ער האָט אַזויפיל געשטעלט אויף רחלען, מיט איר אַזוי פיל פאַרבונדן, האָט דערפירט, אַז דער בראָך איז פאַר אים נאָך גרעסער.

ער מוז אַוועקפאָרן פון דאַנען. ער מוז זיך ראַטעווען כל זמן ס'איז נאָך נישט צו שפּעט. ער האָט נישט קיין דאָקומענטן? וויפל דרייען זיך איצט אַרום אַזעלכע פּליטים אָן דעם מינדעסטן פּאַפּירל. מען האָט זיך שוין דערצו צוגעוווינט. ער האָט נישט קיין געלט? — ער האָט אָבער נאָך אַ זייגערל. ער וועט עס פאַרקויפן און האָבן אויף הוצאות און אויף צו לעבן עטלעכע וואָכן. יאָ, ער פאָרט אַוועק שוין מאָרגן אינדערפרי. דערווייל — קיין אַרמאַוויר.

.4

אינדערפרי, האָט ער זיך געלאָזט גיין צופוס קיין אַרמאַוויר. לעצטנס, זענען שוין געפאַלן רעגנס, אָבער היינט, זעט אויס, וועט זיין אַ הייסער טאָג. די זון אויפן הימל האָט אָפּגעפאַרגעסן, אַז ס'איז שוין האַרבסט און זיך אויפגעוועקט מיט יונגע כחות. נאָר די ערד איז ערשט נאָך דער קימ־

פעט, זי איז מיד, ווײל טאַקע, אַז די זון זאָל איר אַ גלעט־טון, אַ צערטל, אָבער נישט מער.

ס'קומען אים אַקעגן און ס'יאָגן אים איבער מענטשן אויף ראָווערן. ס'פאָרט אָן אַ וואָגן. ער פאָרט אָבער נישט ווײטער, נאָר פאַרנעמט זיך אין אַ זײטיק פעלד, כדי אַרויפצונעמען פון דאָרט די לעצטע אַרבוזעס. דאָ און דאָרט, נעמט מען צונויף פון די פעלדער די רעשטלעך פונעם גערעטעניש. ער זעט אָבער פונדערווײטנס, כמעט בלויז קאָלירטע קלײדלעך און טיכלעך פון פרויען. אַרום דערקענט מען טאַקע נישט, אַז אויף דער וועלט קומט איצט פאָר אַ שרעקלעכע מלחמה. מען הערט נישט קיין שאָס און מען זעט נישט קיין אײן צעחרובט הויז, אָבער דער אומרו ליגט אין די מענטשן, און חרוב גײען אַרום פרישע אלמנות און מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלוירן זײערע קינדער. אַחוץ דעם, דערנענטערט זיך אַלץ מער אַהער דער פראָנט. אויפן הימל אין אַרמאַוויר האָבן זיך שוין צוויי מאָל באַוויזן דײַטשישע עראָפּלאַנען. צוריק מיט עטלעכע טעג, איז אים אויסגעקומען צו פאָרן אויף דער זיי־מאַשין און שיטן קערנער אין דער אויפסנײַ צעאַקערטער ערד. בשעת מעשה האָט ער אָבער געטראַכט מיט אומרו: פאַר וועמען פאַרזייט ער די פעלדער? צי וועט שוין די תבואה נישט געשניטן ווערן פאַר די דײַטשן? אין אַרמאַוויר טאָר ער לאַנג נישט פאַרבלײַבן, ס'איז געפערלעך.

ס'איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן מיט אַ פויער. דער וואָגן איז געפאָרן פאַמעלעך. פאַרבער האָט אָנגעכאַפּט דאָס דראָנגל פון רעכטן הינטערשטן ראָד און אַזוי געשפּאַנט נאָך דעם וואָגן, ווערנדיק אַביסל געשלעפּט. נאָך עטלעכע מינוטן, האָט ער אַרויסגענומען אַביסל טוטין און געפרעגט דעם פויער צי ער וויל פאַררייכערן. דער פויער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מציאה. ער האָט פאַרדרייט אין צייטונגס־פּאַפּיר אַביסל דערפון אויף אַ פּאַפּיראָס און דעם רעשט אַרײַנגעשיט אין דער קעשענע. באַלד האָט ער טאַקע אַ זאָג געטון פאַרבערן:

— וואָס שלעפּסטו זיך נאָך נאָכן וואָגן? אַ שאָד די פיס, גיי אַרויף!

פאַרבער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. דער וואָגן האָט זיך געהוידעט, געוואָרפן און אים צעטרייסלט די אינגעווײדן, אָבער די פיס האָט ער אָפּגערוט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאָרט צוריק. דאָס ווייסט ער נאָך פון די קינדער־יאָרן, אַז ווען מען פאָרט אויף אַ וואָגן און מען פאַרמאַכט די אויגן דאַכט זיך אויס, אַז מען פאָרט צוריק. נאָר וווּ ער זאָל זיך לעצטנס נישט געפינען, בעת ער פאַרמאַכט די אויגן, פאָרט ער צוריק, זעט געשטאַלטן און בילדער פון דער פאַרגאַנגנהייט, פון דער היים. יאָ, ער זעט זיך איצט ווידער אין דער היים, און וואָס פאַר אַ וואונדער: ער זעט דאָרט אויך רחלען. זי איז נישט מיט

אים צוזאַמען פון דאָרט אַנטלאָפן, נאָר איז געבליבן מיט די אַלע זייניקע, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט. ער דאַרף שוין נישט מער קלערן פון רחלען און פון זיי באַזונדער. זי געפינט זיך ד אָ ר ט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער משפּחה.

ווען פּאַרבער איז אָנגעקומען אין שטאָט אַריין, איז שוין געווען מיטאָג־צייט. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן הונגער, ער האָט אָבער נישט אַפילו קיין איינציקן רובל, כדי זיך עפּעס קויפן צו עסן. מוז ער טאַקע דערפאַר פריער פאַרקויפן דאָס זייגערל. ער איז אַרויס אויפן מאַרק. קיין סך מענטשן זענען נישט געשטאַנען, ווייל ס'איז געווען אַ וואָכנדיקער טאָג. דער עיקר, קומען מענטשן אַהער אַרויס זונטיק, אָדער אין אַנדערע פרייע טעג. עפּעס איינער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ האַלב ברויט צו פאַרקויפן. אַ פרוי, מיט עטלעכע גערייכערטע פיש. אַ מיידעלע, מיט עפּעס אַ זיסקייט, וואָס ס'איז שווער געווען צו באַשטימען פון וואָס ס'איז געמאַכט געוואָרן. ווייטער, זענען געשטאַנען צוויי פרויען, איינע, מיט אַן אָנצוג פון מאַן, צי פון זון, וואָס איז מסתם אויף דער מלחמה. די צווייטע, מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט.

פאַרבער האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט אויפן מאַרק און מיטן בליק געזוכט אַ מענטשן, וועמען אָנצובאָטן דאָס זייגערל. מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ לאָמען יונגנמאַן מיט אַ יידיש פּנים. פאַרבער האָט אים טאַקע גלייך אַ פרעג געטון אויף יידיש:

— אַ ייד?

— דאַ, אַ ייד. וו'טשאָס דיעלאָ?

— איך וויל עפּעס פאַרקויפן.

דער יונגערמאַן האָט אַ זאָג געטון מיט ביטול:

— אַלע ווילן איצט נאָר פאַרקויפן. נישטאָ אָבער קיין קונים!

— איך וויל פאַרקויפן אַ זייגערל.

דערהערט אַ „זייגערל" איז דער יונגערמאַן געוואָרן פאַראינטערע־סירטער און געזאָגט:

— ווייזט עס אַהער!

פאַרבער האָט אַרויפגערוקט דעם אַרבל פון דער לינקער האַנט און אים געוויזן דאָס זייגערל. דער יונגערמאַן האָט דערצו צוגעבויגן דעם אויער, זיך איינגעהערט צום טיקען. דערנאָך האָט ער איבערגעלייענט אויפן ציפערבלאַט:

— דאָכאַ.

— נישט דאָכאַ, נאָר דאָקסאַ — האָט פאַרבער אים פאַרריכט — אַזאַ באַקאַנטע שווייצאַרישע פירמע.

— מיט וואָס איז דאָקסאַ בעסער פון דאָכאַ — האָט דער יונגער־

מאַן פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג און מיטן רעכטן אויף פאַרבערן געקוקט מיט שפּאָט — די דאָקסאָס גייען שנעלער ווי די אַנדערע, אַה ?

— נישט שנעלער, נאָר בעסער.

— אַהאַ... זגאַטשיט, פון אַ בעסערער סימייסטווע. וויפל־זשע ווילט איר דאָס פּאַר אייער „בעסערן זייגער" ?

— פינף הונדערט רובל.

— פינף הונדערט רובל — לאַדנאָ ! און וויפל וועט איר נעמען ?

— איר האָט דאָך געהערט.

— אַזויפיל ווילט איר, אָבער נעמען וועט איר ביי מיר אַ העלפט.

— איר זענט זיך טועה, איך וועל נישט נעמען — האָט פאַרבער גע־זאָגט און זיך פון אים אַוועקגעדרייט.

באַלד איז אונטערגעקומען אַ רויט־אַרמייער. דאָס זייגערל איז אים גלייך געפעלן געוואָרן. ער האָט אָבער געהאַט ביי זיך נישט מער ווי 200 רובל. ער איז גרייט געווען פאַרבערן צוצוגעבן זיין מיליטערישן שינעל, נאָר יענער איז נישט באַשטאַנען, ער האָט געוואָלט נאָר מזומן געלט. שפּע־טער, האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ פרוי, וויזט אוים, אַ הענדלערקע אויפן מאַרק, וואָס האָט גלייך געוואָלט געבן 300 רובל. דער יונגערמאַן, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען מן הצד, האָט זיך דערנענטערט.

— וואָס דרייט זי אייך דעם קאָפּ — האָט ער געזאָגט פאַרבערן — זי איז נישט קיין קונה, זי האָט ליב נאָר אָנצוציען. ווייזט נאָר אייער זיי־גערל. איך וויל עס נאָכאַמאָל אָנקוקן, נאָר נעמט עס אַראָפּ פון דער האַנט.

פאַרבער האָט אַראָפּגענומען דאָס זייגערל פון דער האַנט און עס אים דערלאַנגט. יענער האָט עס גלייך אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און געזאָגט :

— איך גיב אייך 50 רובל מער פון איר און — אַראָפּ פון מאַרק !

און ער האָט גלייך גענומען פאַרבערן אויסציילן דאָס געלט.

שפּעטער אַביסל, ווען פאַרבער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און גע־געסן ברויט מיט פּאָמידאָרן, איז צו אים ווידער צוגעקומען דער יונגערמאַן. אַזוי ווי דאָס געשעפט איז געווען געמאַכט, האָט ער שוין מיט פאַרבערן געקענט סתם כאַפּן אַ שמועס.

— איר זענט פון פּאָלשטשאַ ? — האָט דער יונגערמאַן געפרעגט.

— יאָ פון פּוילן.

— איך דערקען גלייך אַן אייעריקן.

— פון וואַנען דערקענט איר זיי אַזוי ? איר זענט אַמאָל געווען ביי אונדז ?

— ניין, נאָר איך האָב זיי געזען אין קיעוו. איך בין אויך אַהער גע־קומען פון דאָרט אין איין עשאַלאָן מיט אַ סך פון אייערע.

— פון וועלכע געגנטן זענען זיי געווען ?

— פון זאַכאָדני אוקראַינע.

— איך אַליין בין פון לוואָוו. צי זענען דאָרט געווען מיט אייך צוזאַ־מען לוואָווער ?

— געווען, געווען. עפּעס איינער אַ דאָקטאָר און אויך אַ מיידל, אַ הויכע, אַ שמאָלע, אַז אָט ברעכט זי זיך איבער.

— און אייך געפעלן נישט אַזעלכע ?

— אַזוי־אָ, אויף אַ פּראַזדניק.

— אפשר ווייסט איר צופעליק, וויאַזוי ס'האָט געהייסן דאָס מיידל ?

— ראָכיל, האָט זי געהייסן. מיר האָבן זי נאָך גערופן אויף אונדזער שטייגער מיטן טאַטנס נאָמען : ראָכיל יאַקאָוולעוונאַ.

פאַרבער איז געוואָרן בלייך :

— און דעם פאַמיליע־נאָמען, ווייסט איר אויך ?

— ניין, דאָס ווייס איך נישט.

— האָט זי נישט אויסגעזען אַלט צו זיין אַ יאָר פינף־זעקס און צוואַנציק ?

— מער־ווייניקער.

— אַ שאַטינקע ?

— יאָ, ריכטיק. פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ ? זי איז אייערע אַ ווייב, אַ שוועסטער ? נאָר פאַרבער האָט אים ווייטער געפרעגט :

— און ווי ווייט איז זי געפאָרן ?

— ביז אַהער.

פאַרבער איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטערטער :

— הייסט עס, אַז זי איז איצט אין אַרמאַוויר.

— יאָ. איך האָב זי אַמאָל באַגעגנט אין גאַס, האָט זי מיר דערציילט, אַז זי אַרבעט ווי אַ קראַנקן־שוועסטער אין מיליטערישן שפּיטאָל.

איצט איז שוין פאַרבער אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס איז רחל. זי האָט אַמאָל געענדיקט אַ קורס אין אַ שול פאַר קראַנקן־שוועסטער. אין אַרמאַ־וויר איז דאָך פאַראַן בלויז איין מיליטערישער שפּיטאָל און וויפל מאָל איז ער מיט וואַנקען געפאָרן אַהין פון קאָלכאָז מיט שפּייז־פּראָדוקטן און מיט הינער. וויפל מאָל האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער דעם שפּיטאָל־הויף, געקוקט אויף די גרויע מויערן. ער האָט דעמלט געדאַרפט בלויז אַ געשריי טון איר נאָמען און אַ טיר, צי אַ פענצטער וואָלט זיך געעפנט און ס'וואָלט זיך באַוויזן זי, רחל. ווי בלינד איז דער מענטש !

שנעל האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן יונגנמאַן, ער טאָר קיין רגע נישט פאַרלירן. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שפּיטאָל און געקלערט, אַז זי קען אים פּלוצים קומען אַקעגן. צי איז זי טאַקע נישט דאָס מיידל וואָס

ער זעט איצט פון דער ווייטנס ? ווי האָט ער דאָס געקענט מיינען, רחל איז דאָך אַ סך העכער פון איר. אַד, ער האָט רחלען געזוכט, פון איר געטראַכט, געחלומט, זי געזען ערגעץ ווייט, נישט צוצוקומען, נישט צו דערגרייכן, און ז' איז געווען אַזוי נאָענט צו אים. ער האָט זיך געיאָגט, געריסן קיין קיעוו, פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער, געמיינט, אַז דאָס איז זיין אומגליק. דערווייל ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז פאַרקערט : דער גורל האָט אַלץ געטון, זיי ווידער צוזאַמען צו פאַרייניקן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער וויל גיין צו איר, וויאַזוי זעט ער אָבער אויס ? דער אָנצוג — אָפּגעטראָגן, די שיך — צעריסן, דאָס פּנים — פאַרוואַקסן. ער האָט דאָך שוין איצט געלט, געווען גענדאַרפט זיך קויפן אַ פּאָר שיך אויפן מאַרק. זיך אומקערן אַהין ? ניין. ס'וועט צופיל צייט פאַרנעמען. דערצו איז נאָך אַ ספק, צי ער וועט פונקט דאָרט טרעפן איצט אַ פּאָר שיך פאַר זיך. וואָס ער דאַרף און קען איצט טון, איז — זיך גיין אָפּראַזירן.

ער איז אַריין צו אַ פריזירער. דער פריזירער האָט אים אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן איינצוזייפן. פאַרבער האָט צום ערשטן מאָל נאָך חדשים, זיך אָנגעקוקט אין אַזאַ גרויסן שפּיגל. ווי חושכדיק ער זעט אויס. עפּעס דאַכט זיך אים טאַקע, אַז דער פריזירער האָט ביי זיין אַריינקומען אויף אים געקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט אים חושד געווען, אַז ער האָט נישט צו באַצאָלן פאַר דעם ראַזירן. מען מוז אים אַרויספירן פונעם טעות.

— לעבנסמיטל זענען זייער טייער געוואָרן — האָט פאַרבער אָנגע־הויבן — נאָר זאַכן זענען בזיל הזול !

— ס'געוועגדט זיך וואָסערע זאַכן — האָט דער פריזירער געזאָגט — צו די זאַכן וואָס איך דאַרף, איז נישט צוצוקומען. זייף — אַ יקרות ! קעל־ניש וואַסער, איז נאָך שווערער צו באַקומען — מען טרינקט עס אַנשטאָט בראָנפן.

— איר ווייסט זיך אייערס — האָט פאַרבער אים צוגעגעבן און פונ־דעסטוועגן דערפירט זיין מחשבה ביזן סוף — נאָר איך, למשל, האָב ערשט פאַרקויפט אַ זייגערל, אַ באַקאַנטע שווייצאַרישע פירמע, דאַכט זיך, אַז אַ זייגערל איז אי אַ נוצלעכע זאַך, אי אַ ווערטזאַך — פאַר נישט מער ווי דריי הונדערט מיט פופציק רובל.

איצט ווייסט שוין דער פריזירער אויף זיכער, אַז ער האָט ביי זיך געלט און טאַקע הונדערטער ממש.

דער פריזירער האָט שוין באַוויזן אים איינמאָל אָפּצוראַזירן און גע־פרעגט :

— נאָכאַמאָל ? אויסראַזירן ?

פאַרבער האָט דערנעענטערט דאָס פּנים צום שפּיגל — ערשט איצט

האָט ער בולט דערזען, ווי אויסגעמאָגערט און ביינערדיק ס'איז געוואָרן — און געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן וואָס צאָלט:

— נאָכאַמאָל!

ווען ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער מוז רחלען ברענגען עפּעס אַ מתנה. אָבער וואָס קויפט מען פאַר איר? די גע־שעפטן זענען ליידיק. ער דערמאָנט זיך אויך גישט, אַז אויפן מאַרק זאָל האָבן געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז פּאַסיק איר צו ברענגען. ס'איז אים איינגעפאַלן: ער וועט איר ברענגען בלומען. ווי באַקומט מען אָבער בלו־מען? וויפל מאָל ער איז דאָ געווען, האָט ער נישט באַמערקט, אַז עמע־צער זאָל שטיין און פאַרקויפן בלומען. ס'איז פאַראַן אַן עצה: דאָס שפּי־טאָל איז דאָך ביים עק פון דער שטאָט, דאָרט געפינען זיך הייזלעך מיט גערטנדלעך. אין די גערטנדלעך וואַקסן אַפּט בלומען, וועט ער אַריינגיין צו אַ דאָרטיקן איינוווינער און אים בעטן, ער זאָל אים פאַרקויפן אַ בוקעט בלומען.

אין איינעם אַ גערטנדל, ביי אַ שטוב, האָט ער דערזען בלומען. ער איז אַהין אַריין און ס'איז אים באַפאַלן אַ הונט מיט אַ בילעריי. דאָס בילעריי האָט אַרויסגערופן די באַלעבאָסטע פון דעם הייזל, אַן עלטערע פרוי. זי האָט זיך צעשריגן:

— וואָס ווילט איר? וועמען זוכט איר?

— איך וויל ביי אייך קויפן בלומען.

די פרוי האָט אויף אים געקוקט מיט חשד, אים אָנגענומען פאַר אַ גנב, אָדער פאַר אַ נישט נאָרמאַלן.

— גייט אייך, גייט — האָט זי געזאָגט — איך פאַרקויף נישט קיין בלומען!

פאַרבער האָט אַרויסגענומען געלט און געזאָגט:

— איר באַקומט פאַר פינף בלומען — צען רובל!

די פרוי האָט באַשלאָסן, אַז דער פרעמדער איז נישט קיין גנב, נאָר סתם אַ צעדרייטער. צען רובל זענען געלט. זי האָט אָפּגעריסן פינף בלומען, זיי נאָך אַרומגעוויקלט מיט בלעטער און ס'איז געוואָרן אַ בוקעט.

גייענדיק אויף דער גאַס מיט די בלומען אין דער האַנט, האָבן מענטשן אים נאָכגעקוקט. פאַרבער האָט שוין איצט זיך געכאַפּט פאַרוואָס די פרוי האָט אים פריער אַזוי אויפגענומען. ווער קויפט היינט בלומען? ס'איז איצט מלחמה. דער קאַמף גייט אָן פאַר אַ לאַבן ברויט, פאַר אַ הערינג, פאַר אַביסל פעטס. גיין איבער דער גאַס מיט אַ בוקעט בלומען הייסט ווי רייצן זיך מיט די אַרומיקע: מיר איז גוט, מיר פעלט נישט מער ווי בלומען. אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט קיין צייטונג, ער וואָלט אין איר איינגעוויקלט די בלומען מען זאָל זיי נישט זען.

ער איז אָנגעקומען צום שפּיטאָל, געוואָלט דורך דעם הויפּט־איינגאַנג אַריינגיין אין דער קאַנצעלריי זיך פרעגן אויף רחלען, נאָר אַ סאָלדאַט האָט אים פאַרהאַלטן:

— וווהין?

— אין דער קאַנצעלריי.

— נאָכוואָס?

— איך זוך דאָ עמעצן.

— צו קראַנקע קען מען נאָר קומען ביז פינף אַ זייגער. איר האָט פאַרשפּעטיקט.

— איך זוך נישט קיין קראַנקן. איך בין געקומען צו אַ קראַנקן־שוועסטער.

דער סאָלדאַט האָט באַמערקט דעם בוקעט בלומען אין פאַרבערס האַנט און געזאָגט:

— וואָס — אוכאַזשאָר!

פאַרבער האָט געשטאַמלט:

— זי איז מיין... ווייב...

דער סאָלדאַט האָט אים אַ קלאַפּ געטון גוטמוטיק אויף דער פּלייצע:

— זאָרג זיך נישט, זי וועט קומען אַהיים.

— אָבער איך מוז זי שוין זען.

דער סאָלדאַט איז געוואָרן ווידער שטרענג:

— מען טאָר נישט!

מיט דעם סאָלדאַט וועט ער גאָרנישט מאַכן. ער האָט באַקומען אַ באַפעל נישט אַריינצולאָזן נאָך פינף, העלפן נישט קיין שום טענות. פאַרבער האָט באַשלאָסן צוצוווארטן אויף איר פאַר דעם שפּיטאָל. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַ גוועלבל פון געטראַנקען אין שכנות און געוואַרט. אייניקע מאָל זענען פון שפּיטאָל אַרויסגעגאַנגען פרויען. ביי יעדן פאַל, האָט ער זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטון פון אָרט און אַקעגנגעגאַנגען. פרעמדע, פרעמדע! פאַרבערן האָבן אָנגעהויבן מאַטערן פאַרשידענע געדאַנקען: אפשר אַרבעט זי שוין נישט מער אין שפּיטאָל? אפשר אַרבעט זי יאָ, נאָר זי וווינט אויך דאָ און זי וועט היינט נישט אַרויסגיין אין גאַס? און אפשר האָט זי גאָר היינט נאַכט־דיזשור; ביי קראַנקן־שוועסטער טרעפט זיך עס אָפט. אַלץ איז מעגלעך. ס'איז אומזיסט דאָס וואַרטן. ער וועט ערגעץ איבערנעכטיקן און קומען אַהער מאָרגן אינדערפרי. נאָר ווי נעכטיקט מען? אין שטאָט, האָט ער געהערט, הערשט טיפוס. מען וועט אים נישט אַריינלאָזן אין אַ שטוב אַריין אויס מורא, אַז ער קען אַהין פאַרטראָגן די קראַנקהייט.

ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן, געזען די שטאָט און אירע מענטשן.

נאָר ווי ס'איז געוואָרן נאַכט, זענען די גאַסן געוואָרן פּוסט. מען האָט פאַר־האָנגען די פענצטער, ס'זאָל נישט אַרויס אינדרויסן קיין שיין, פאַר דײַ־טשע עראָפּלאַנען, און די שטאָט איז ווי אָפּגעשטאָרבן. ער האָט דעמלט באַשלאָסן צו גיין אויפן וואָקזאַל, אפשר וועט ער דאָרטן געפינען אַ שטיקל פּלאַץ ווו זיך אַוועקצולייגן און כאַפּן אַ דרימל.

דער וואָקזאַל איז געווען איבערגעפּולט מיט מענטשן. דאָס זענען גע־ווען דער עיקר, פּליטים פון אוקראַיִנישע שטעט, וואָס די דײַטשן האָבן פאַרנומען. זיי זענען דאָ געזעסן מיט זייערע קינדער און מיט זייערע פּעק־לעך, וואַרטנדיק אויף צוגן, וואָס זאָלן זיי פירן ווייטער, ווײַל אַרמאַוויר אַליין איז שוין אויך באַדראָט. ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ פרייען פּלאַץ. ווו פאַרבער האָט זיך געפּרוווט באַזעצן, האָט מען אים פון דאָרט גלייך משלח געווען. מען האָט אים חושד געווען, אַז ער איז אַ גנב. ביי אַנדערע האָט ער אַרויסגערופן געלעכטער דורך די בלומען, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. איינער האָט אים געפרעגט, צי ער קומט נישט איצט פון דער אָפּערע, ווו ער איז אויפגעטרעטן. אַ צווייטער האָט גע־פרעגט, צי ער זוכט נישט דאָ אַ כלה. בכלל האָט זיין באַווייזן זיך אַביסל אויפגעלעבט די פאַרחושכטע פּנימער. ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט אין לעבן פאָרגעשטעלט, אַז בלומען קענען אַרויסרופן אַזויפיל הייטערקייט. און אפשר זענען זיי גערעכט? ס'זעט באמת אויס קאָמיש: אַ פּליט אָן וואַליזעס, אָן פּעקלעך, בלויז מיט אַ בוקעט בלומען אין דער האַנט.

ער איז אַרויס פון וואָקזאַל. זיך געלאָזט גיין טיפער אין גערטנדל. זיך אַרומגעקוקט צי קיינער זעט נישט, אַ וואָרף געטון די בלומען איבער יע־נער זייט פּלויט און זיך איינגעהערט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווי די בלומען וועלן אַ פאַל־טון אויף דער ערד וועלן זיי הילכיק אויפרייסן און אַלע מענטשן פון וואָקזאַל וועלן זיך צונויפלויפן. ס'איז געווען שטיל. ער האָט צוריקגעשלייכט צום וואָקזאַל. קודם געפינען אַן אָרט ווו צו שטיין, שפּעטער, איז אים געלונגען זיך דאָרט אַוועקצוזעצן, און ווי ער איז שוין געזעסן, האָט ער פאַמעלעך־פאַמעלעך וועמען אַביסל אַ רוק געטון אויף רעכטס, וועמען — אויף לינקס, און אָט איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד פאַרפּלאָנטערט אין עטלעכע גופים פון שלאָפנדיקע, און דעם קאָפּ (וואָס פאַר אַ גליק!) אפילו אָנגעשפּאַרט אין עפּעס אַ פּעקל. אַזוי האָט ער איינגעדרימלט. אינמיטן דער נאַכט האָט ער געפילט, אַז מען טרעט אי־בער אים, אַ צווייט מאָל, האָט אַ שכן אים אויפגעוועקט, ער זאָל זיך פונדאַנען אָפּטראָגן. נאָר פאַרבער האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ניין! אַז וואָס ס'זאָל נישט געשען, וועט ער זיך פונעם אָרט נישט רירן ביז אינדערפרי.

ער איז אויפגעשטאַנען, ווי ס'איז נאָר געוואָרן טאָג. צו גיין אין שפּי־

טאָל אַריין, איז נאָך פרי, האָט ער זיך אַרומגעדרייט עטלעכע שעה אי־בער די גאַסן. פאַרבייגייענדיק דאָס גערטנדל האָט ער ווידער באַשלאָסן צו קויפן בלומען. ווען ער זאָל יענע נישט געווען אַוועקוואַרפן, וואָלטן זיי מסתם ביז אינדערפרי במילא געווען פאַרוויאַנעט געוואָרן. ער האָט גע־קויפט ביי דער זעלבער פרוי אַ פרישן בוקעט. ווען ער האָט זיך מיט אַ פופציק טריט ווייטער צופעליק אומגעקוקט, האָט ער באַמערקט די פרוי שוין שטיין מיט אַ מאַן און אים נאָכקוקן. ווייזט אויס, אַז די פרוי האָט דעם מאַן שנעל אַרויסגערופן פון שטוב, כדי ער זאָל אויך זען מיט די אייגענע אויגן דעם דאָזיקן מאָדנעם, אָפּגעריסענעם פאַרשוין, וואָס קויפט איין טאָג נאָכן אַנדערן בלומען און צאָלט דערצו פאַר זיי אַזאַ הויכן פּרייז.

ער איז אַריין אין דער קאַנצעלריי פון שפּיטאָל. דאָרט זענען געזעסן עט־לעכע מענטשן מיליטערישע און ציווילע. אַזוי ווי ער האָט נישט געוווּסט וועמען צו פרעגן, האָט ער זיך געווענדעט צום ערשטן, אַ מיליטערישן, וואָס איז געזעסן אַמנאָענטסטן צו דער טיר.

— אַנטשולדיקט! קענט איר נישט רופן די שוועסטער ראַכיל?

יענער האָט אַ רוף געטון אַ פרוי פון אַ צווייטן טיש:

— וויערא אַרקאַדיעווגאַ, צו אייך!

די פרוי איז צוגעקומען. פאַרבער האָט פאַר איר איבערגעחזרט די פראַ־גע.

— ווי זאָגט איר, ראַכיל? — האָט די פרוי איבערגעפרעגט.

— יאָ, ראַכיל. ראַכיל ראָזען.

— פון לוואָוו, אַה?

— יאָ, פון לוואָוו.

— ליידער, קענען מיר זי נישט רופן.

פאַרבער האָט זיך אויפגערעגט:

— איך מוז זי זען. איך האָב אַ רעכט צו זען מיין פרוי!

די פרוי האָט זיך מיטאַמאָל געביטן, פון איבער די ברילן אים גייגעריק אַ ווײַלע באַטראַכט און האָט געזאָגט אַסך ווייכער:

— זייער אַנגענעם אייך צו קענען, נאָר... נאָר צו אייער פרוי קענען מיר אייך איצט נישט צולאָזן.

פאַרבער איז געוואָרן אומרואיק:

— און וואָס איז די סיבה?

די פרוי האָט געענטפערט פאַמעלעך, אָבער קורץ:

—זי ליגט קראַנק אויף טיפוס.

פאַרבער האָט דערפילט ווי עפּעס רייסט זיך אים אינעווייניק אָפּ. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אין דער לעצטער רגע קען נאָך קומען אַ

שטערונג, און זי איז פאַראַן! נאָר ניין, ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, ער וועט זיך אַקעגנשטעלן דעם גורל!

— אויב זי איז קראַנק, מוז איך זי נאָך גיכער זען! — האָט ער גע־שריגן.

די פרוי האָט זיך פאַרענטפערט:

— אָבער איך טאָר אייך נישט צולאָזן צו איר, ס'איז פאַרבאָטן. אין צימער ליגן נאָך טיפוס־קראַנקע. איר קענט זיך אָנשטעקן.

— וועל איך זיך אָנשטעקן. איך מוז זי שוין זען! תיכף, תיכף!

די פרוי האָט גענומען זיין האַנט אין אירער און זי אָנגעהויבן גלעטן:

— אָ, איר זענט אייגנעשפּאַרט ווי אַ קינד! איר זענט דאָך אָבער שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און דערצו אַ מאַנסביל. אַ מאַנסביל דאַרף האָבן כח זיך צו באַהערשן און אפילו אַמאָל אַריבערצוטראָגן אַ קלאַפּ.

ווען זי וואָלט צו אים גערעדט שטרענג און האַרב, וואָלט ער געוועזן זיך נאָך אויסגעטענהט און געשטריט מיט איר, אָבער מיט דעם ווייכן און וואַרעמען קול האָט זי אים אַנטוואָפנט. ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, ווי אַ שולד־באַוווסט יינגל פאַר זיין מאַמען און האָט שטיל גע־פרעגט:

— און ווען וועל איך זי קענען זען?

— אפשר מאָרגן... אפשר איבערמאָרגן... אפשר...

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווי ער האָט זיך געכאַפּט:

— איך וועל נאָר אָנשרייבן צו איר אַ בריוועלע. עטלעכע ווערטער.

די פרוי האָט שווייגנדיק ביי אים גענומען דאָס בריוועלע און ער איז אַוועק. גייענדיק איבער די גאַסן, האָט ער חרטה באַקומען פאַרוואָס ער האָט זיך געלאָזט אַזוי שנעל „איינגעמען" פון דער פרוי. ער האָט נישט געדאַרפט אַוועקגיין פריער איידער ער האָט זיך גזען מיט רחלען. זי האָט געזאָגט, אַז אַ מאַנסביל דאַרף האָבן כח זיך צו באַהערשן. ער דאַרף אָבער האָבן כח צו הערשן, דורכצופירן זיין ווילן. און וואָס נאָך האָט זי געזאָגט? זי האָט געזאָגט, אַז אַ מאַנסביל דאַרף אויך קענען אַמאָל אַריבערטראָגן אַ קלאַפּ. דאָס איז אַ רמז — אויף וואָס? אָ, גאָט! רחל איז מסתמא ערנסט קראַנק. וויאַזוי האָט ער דאָס גלייך נישט פאַרשטאַנען? — ער מוז זיך אומקערן צוריק אין שפּיטאָל אַריין. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט אויף צוריק און איז געבליבן שטיין. אויב ער וועט זיך אומקערן, וויאַזוי וועט ער אויסזען אין די אויגן פון דער פרוי? — אַ קינד, אַ קאַ־פּריזנע קינד. באַלד — אַזוי און באַלד — אַנדערש. פאַרפאַלן, ער וועט קומען מאָרגן.

ער האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער דער שטאָט, ביז ער האָט זיך געזען אויפן מאַרק. דאָ האָט ער באַגעגנט דעם יונגנמאַן וועמען ער

האָט פֿאַרקויפֿט דאָס זייגערל. זיי האָבן זיך צעשמועסט. פֿאַרבער האָט דערציילט דעם יונגנמאַן, אַז רחל אַרבעט טאַקע אין שפּיטאָל, ווי ער האָט אים מודיע געווען, נאָר איצט איז זי קראַנק אויף טיפֿוס און מען האָט אים נישט צוגעלאָזט צו איר. ער האָט אים אויך דערציילט פֿון דער לעצטער נאַכט אויפֿן וואָקזאַל און בשעת מעשה איז אים אײַנגעפֿאַלן: אפֿשר איז מעגלעך היינט ביי אים איבערצונעכטיקן? ער האָט אים דאָס געפֿרעגט, האָט זיך יענער געקווענקלט:

— מיר ווינען אין איין צימער אין דרייען: איך, דאָס ווייב און אַ קינד.

— איך בין גרייט אפֿילו צו שלאָפֿן אויף דער פּאָדלאָגע, — האָט אים פֿאַרבער דערקלערט — איך האָב זיך שוין פֿאַר די לעצטע חדשים צו אַלץ צוגעוווינט.

דער יונגערמאַן האָט ענדלעך מסכים געווען. געהייסן פֿאַרבערן קומען אויפֿן מאַרק אָוונט־צו, פֿונדאַנען וועלן זיי שוין ביידע גיין צוזאַמען אַהיים.

אַרום זיבן אין אָוונט, איז שוין פֿאַרבער מיטן יונגנמאַן געשטאַנען פֿאַר דער טיר פֿון דער וווינונג. דער יונגערמאַן האָט אַרויסגענומען אַ שליסל פֿון דער קעשענע, אויפֿגעשלאָסן און ביידע זענען אַריין אין אַ טונקלען קאָ־רידאָר. גלייך האָט זיך געעפֿנט אַ טיר פֿון לינקס, ווייזט אויס, אַז דאָרט איז געווען אַ קליינע קיך, און ס'האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ פֿון אַ פֿרוי:

— דאָס ביסטו, מענדל?

— איך, איך.

דער יונגערמאַן האָט געהייסן פֿאַרבערן אַריינגיין אין צימער, ער אַליין קומט באַלד נאָך. ער וויל נאָר עפּעס זאָגן דעם ווייב אין קיך. פֿאַרבער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. דאָ איז געשטאַנען אַ בעט, אַ טיש, עטלעכע בענקלעך. פֿון די טשעמאָדאַנעס, וואָס זענען דאָ געשטאַנען און פֿון די משפּחה־פֿאָטאָגראַפֿיעס אויף די ווענט, אין וועלכע מען האָט גלייך געקענט זען, אַז די איצטיקע איינוווינער פֿון צימער האָבן צו זיי נישט קיין שייכות, האָט פֿאַרבער דערקענט, אַז דאָ ווינט אַ פּליט אויף דערווייל. ביים טיש איז געזעסן אַ יינגעלע פֿון אַ יאָר זעקס־זיבן מיט עפּעס אַ שול־ביכל פֿאַר זיך. ער האָט אָבער נישט אַריינגעקוקט אין ביכל, נאָר מיט ניי־גער באַטראַכט דעם גאַסט.

מיטאַמאָל האָט פֿאַרבער אויפֿגעכאַפּט אָפּגעריסענע ווערטער פֿון אַ געשפּרעך צווישן יונגנמאַן מיט זיין ווייב פֿון יענער זייט וואַנט אין קיך. דער יונגערמאַן האָט איר עפּעס אויפֿגעקלערט און זי האָט זיך אַקעגנגע־שטעלט. דאָס גייט דאָרט מסתם אַ צאַנקעריי וועגן אים. דאָס ווייב רעדט וועגן טיפֿוס, וואָס ער קען מיט זיך מיטברענגען אַהער. סוף כל סוף האָט, ווייזט אויס, דער מאַן גובר געווען. ווען די פֿרוי האָט שפּעטער דערלאַנגט די וועטשערע, האָט זי אפֿילו פֿאַרבערן אויפֿגענומען מיט אַ גלאָז טיי.

אָבער נאָך דעם עסן, ווען פֿאַרבער האָט געפּרווט זיך דערנענטערן צום ייִנגעלע, כּדי זיך מיט אים אַ שפּיל־טון, האָט די מוטער, אַ פֿאַרצווייפֿל־טע, זיך געגעבן אַ וואָרף צווישן אים און קינד. ווי אַ לייבעכע, בעת עס דראָט איר יונגס אַ סכּנה. ס'איז אים שפּעטער איינגעפֿאַלן צו געבן דעם קינד אַ בלום פֿון זיין בוקעט (ער האָט פֿריער געבעטן די פֿרוי אים אַריינ־צושטעלן אין וואַסער, כּדי ער זאָל נישט פֿאַרוויאַנעט ווערן ביז אינדערפֿרי) נאָר די בלום איז באַלד פֿאַרשוווּנדן פֿון דעם ייִנגעלעס הענט.

געלייגט האָט מען אים אין קיך אויף דער פּאָדלאָגע. ער האָט קוים גע־קענט אויסציִען די פֿיס. ס'איז אים געווען שווער איינצושלאָפֿן. ווען ער איז ענדלעך איינגעשלאָפֿן, האָבן אים געמאַטערט קאָשמאַר־חלומות, אַזוי אַז ער איז אינדערפֿרי אויפֿגעשטאַנען נאָך מער צעבראָכן ווי פֿון דער פֿרי־ערדיקער נאַכט אויפֿן וואָקזאַל.

נאָך איידער מען האָט געעפֿנט די קאַנצעלײַ פֿון שפּיטאָל, איז ער שוין געשטאַנען פֿאַר דער טיר און געוואַרט. ווען ער איז אַרייַנגעקומען, איז די פֿרוי מיט וועלכער ער האָט נעכטן גערעדט, אים אַקעגנגעגאַנגען און געזאָגט נאָר איין וואָרט:

— לײַדער...

— וואָס איז? איך קען זי היינט ווידער נישט זען? — האָט פֿאַרבער געפֿרעגט.

— היינט קענט איר זי יאָ זען — האָט די פֿרוי אים געענטפֿערט — נאָר שטאַרקט אייך, זי — לעבט נישט מער.

און זי האָט אים גלייך אונטערגערוקט אַ בענקל זיך צו זעצן, באַלד דער־לאַנגט אים וואַסער אַ טרונק צו טון. ווי זי האָט זיך איבערגענומען מיט דעם טויט פֿון אַ שוועסטער, פֿונדעסטוועגן טרעפֿן זיך לעצטנס פֿאַלן פֿון טויט עטלעכע מאָל אין טאָג און ס'האָט זיך ביי איר שוין אויסגעאַרבעט אַ געוויסער אופֿן וויאַזוי צו באַרויִקן די איבערגעבליבענע משפּחה־מיט־גלידער פֿון דעם טויטן.

פֿאַרבער האָט אַלץ נישט געקענט באַנעמען די שוואַרצע בשׂורה. ער האָט געשטאַמלט:

— נעכטן... נעכטן... האָט זי דאָך געלעבט...

— נעכטן איז געווען דער קריזיס. דאָס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן.

— און דאָס בריוול?... מיין בריוול?...

— איך האָב עס גענומען, כּדי אייך אַביסל צו באַרויִקן. איך האָב געוווּסט, אַז זי וועט עס נישט איבערלייענען. זי האָט שוין געהאַט דעם דריטן טאָג פֿערציק טעמפּעראַטור.

— און איצט, איצט קען איך זי כאָטש זען?

— יאָ. גייט צו דער טויטן־קאַמער. דאָס איז ביים סוף פון דעם שפּיטאָל־בנין, לינקס. איר וועט זי שוין דאָרט אָפּזוכן.

...זי איז געלעגן אין אַ העמד נאָך פון דער היים. אויפן העמד זענען געווען אויסגענייט מיט גרינעם פאָדים די איניציאַלן: R. R. דאָס העמד איז געווען אַביסל אַראָפּגערוקט און ס׳האָט זיך אַרויסגעזען די לינקע ברוסט. ס׳האָט אים מיטאַמאָל אַ שלאָג געטון אין פּנים אַריין אַ הייסע כוואַליע. ער האָט זיך אויפסניי דערמאָנט דעם רייץ פון איר קערפּער, נאָר גלייך האָט ער מיט שרעק פון זיך אָפּגעטריבן דאָס געפיל. ער האָט אַמאָל געזען אַ טויטע זיין באָבען, אַ זקנה, מיט אַ צעקנייטשטש פּנים, מיט גראָע האָר. דער טויט האָט געטון זיין אַרבעט אין משך פון לאַנגע יאָרן, אָבער רחלען האָט דער טויט גענומען אין משך פון צוויי וואָכן. אויף איר פּנים און אויף איר גוף האָט ער נאָך ניט באַוויזן גאָרנישט צו צעשטערן. און ס׳איז פאַרבערן איינגעפאַלן: ער דאַרף נאָר רחלען אַ כאַפּ־טון אויף די אַקסלען, אַרוים מיט איר פון דער מתים־קאַמער און זי וועט צוריק אויפֿלעבן! אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען באַהערשט פון דעם דאָזיקן משונה־דיקן געדאַנק, נאָר באַלד האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן איבער איר פּנים און עס אַ קוש געטון. ס׳איז געווען קאַלט. דערנאָך האָט ער אַרויפגערוקט דאָס העמד איבער דער ברוסט, אַוועקגעלייגט די בלומען, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט, און איז אַרוים פון דער קאַמער.

אויף דער גאַס, איז ער דורכגעגאַנגען אַ געשעפט. אין שפּיגל פון שויפענצטער געזען זיין פּנים און איז געווען צופרידן וואָס פון נעכטן זענען אים דאָרט די האָר ווידער שנעל אָנגעוואַקסן. ס׳איז אים באַפאַלן אַ ווילן צוצוגיין צו יעדן פאַרבייגייער און אים זאָגן: דו ווייסט, רחל איז געשטאָרבן, רחל! ווייל נאָך עמעצער מוז ווימן פון זיין אומגליק. ווייל ער מוז דאָך מיט וועמען טיילן זיין צער און זיין טרויער. מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין יונגנמאַן, וואָס האָט ביי אים געקויפט דאָס זייגערל, ער איז דאָך שוין זיינער אַ שטיקל באַקאַנטער. דאָס האָט ער דאָך אים צווויסן גע־טון, אַז רחל געפינט זיך דאָ. ער וועט איצט גיין צו אים אַהיים.

ווען ער איז אַהין אַריינגעקומען, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ טומל און אַ בהלה. וואָס איז געשען? דאָס יינגעלע האָט זיך געשפּילט מיט זיין געוועזן זייגערל און עס אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. דאָס זייגערל האָט זיך צעבראָכן. דאָס יינגעלע איז איצט געשטאַנען אין אַ ווינקל, דערשראָקן, פאַרוויינט. דער יונגערמאַן האָט געשריגן:

— פינף הונדערט רובל! פינף הונדערט רובל האָט ער מיר באַגראָבן!

— געקויפט האָט ער עס ביי מיר פאַר דריי הונדערט מיט פּופּציק — האָט פאַרבער געקלערט — ער רעכנט שוין אַריין אין שאָדן דעם ריווח.

דאָס ווייב האָט געוואָלט איר מאַן איינשטילן:

— ס'טרעפט זיך אַמאָל אַן אומגליק, מילא, אפשר וועט מען עס קע־נען צורעכט מאַכן.

נאָר דער יונגערמאַן האָט זיך נישט געלאָזט איינגעמען. ער האָט זיך אַ ריס געטון צום ייִנגעלע מיט אַ געשריי:

— איך וועל אים דערהרגענען!

דאָס ווייב האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג:

— רוצח! וואָס ווילסטו האָבן פון קינד? דו זעסט דאָך, אַז ער איז שוין האַלב טויט פאַר שרעק.

דער יונגערמאַן האָט מיטאַמאָל דערזען פאַרבערן און זיך צו אים גע־ווענדט:

— איר האָט געמיינט, אַז איך וועל נתעשר ווערן ביי אייער זייגערל. נאָט, זעט: ס'ליגט שוין ווי אַ פּגר!

ווער ער וועט דאָ דערציילן פון זיין אומגליק? זיי דאָ האָבן איצט זייער אייגנס. אויב ער וועט זיי איצט דערציילן, וועט בלויז פאַרשוועכט ווערן רחלס טויט און זיין טרויער. ער מוז פון דאַנען אַוועק וואָס פריער און נישט נאָר פון דער שטוב, פון דער גאַנצער שטאָט.

אויפן וואָקזאַל האָט מען נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין בילעטן אָן קאָמאַנדיראָווקעס, נאָר ער האָט זיך אַן עצה געגעבן: ער איז אַוועק עט־לעכע הונדערט טריט ווייטער פון וואָקזאַל אין אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט. אויף די רעלסן איז געשטאַנען אַ צוג. ער האָט זיך שטיל צו אים פאַרגנבעט און ווי ער האָט אים דערגרייכט — אַ ריס־געטון די טיר פון וואַגאָן און געוואָלט אַריין. זי איז געווען פאַרשלאָסן. ער איז צו צו אַ צווייטער, צו אַ דריטער — דאָס־זעלבע. איז אַלץ געווען בחינם? — ניין. ס'איז אָפן אַ פענצטער. ער האָט אַ שפּרונג געטון אין דער הויך, זיך אָנגע־כאַפּט מיט די הענט אין פענצטער און אַריינגעקראָכן אינעווייניק.

באַלד איז ער געלעגן אונטער אַ באַנק און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז איצט נישט אַנטלאָפן און באַהאַלט זיך דאָ פאַרן קאָנדוקטאָר, נאָר פאַר דעם אייגענעם גורל.

מלבושים

דאָס הייזל איז געשטאַנען ביים עק פון דער שטאָט, אין אַ קליינעם טאָל. ביז מען איז צו אים צוגעקומען, האָט מען באַמערקט נישט מער ווי זיין דאַך. געווען איז עס אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע הייזער. און אַז איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם קליינעם טאָל אויף די אין דער ערד אויסגעגראָבענע טרעפּ, אַריינגעקומען אין שטוב נאָך דעם וואַלגערן זיך חדשים אויף די פעלדער, וואָקזאַלן, טשאיכאנאס, האָט דאָס הייזל מיר שוין אויסגעזען נישט בלויז אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע הייזער, נאָר בכלל אָפּגעזונדערט פון דעם גאַנצן מלחמה־לעבן. אויסגעזען, ווי ס'וואָלט זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט אין טאָל, באַהאַלט זיך אוים און שיצט זיך מיט די ווענט אַרום, ווי אין אַ פעסטונג.

איך האָב געקוקט אויף די שיין־פּאַרדעקטע בעטן, אויף די פענצטער מיט די ווייסע פאָרהענגלעך, אויף דעם טיש מיט דעם אויסגעשטיקטן טישטעך און אַ פלאַקאָן בלומען אויף אים און געוואָרן צעמישט. דאַכט זיך, נישט קיין אויסערגעוויינלעכע זאַכן, אָבער אויף וויפל האָבן מיך די עטלעכע מלחמה־חדשים פון דעם דערווייטערט. נישט מעגלעך, אַז דאָס אַלץ האָב איך אַליין געהאַט מיט אַזאַ קורצער צייט צוריק. אַלץ וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה, איז ווייט, ווייט געוואָרן, גלייך ס'וואָלט געווען קינדהייט.

געבראַכט אַהער האָט מיך מאַריע איוואַנאָווגאַ, אַ רוסישע פרוי פון אַ יאָר צוויי־דריי און פערציק, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ שוועסטער־באַלעבאָסטע אין אַ קינדערשער פּאָליקליניק. מיט איר האָט מיך באַקענט אַ מיידל פון מיין שטאָט, וואָס אַרבעט אין דער זעלבער קליניק. מאַריע איוואַנאָווגאַ האָט זיך דערוווסט, אַז איך וואַלגער זיך אַרום אין גאַס, איז זי איינגעגאַנגען מיך דערווייל אַריינגעמען צו זיך, ביז איך וועל באַקומען אַ שטענדיקע וווינונג.

ביים אַריינקומען אין שטוב האָב איך באַמערקט, אַז דאָרט וווינט נאָך אַ פרוי, אַן עלטערע. מיר איז געוואָרן אַביסל שווערלעך אויפן האַרצן, און ס'וועט קלינגען מאָדנע: מאַריע איוואַנאָווגאַ האָט מיר שוין נאָך די עט־

לעכע שעה באַקאַנטשאַפט אויסגעזען ווי אַ היימישע, און איך האָב צו איר געווענדט הילפזוכנדיקע בליקן. די אַלטע האָט אויף מיר אַ קוק געטון דורך די ברילן מיט חשד, ווי ס'קוקן בכלל עלטערע מענטשן אויף פרעמדע. נאָר פונדעסטוועגן, האָט זי מיך געבעטן זעצן און ביים דערלאַנגען מאַריען די וועטשערע, אויך אין מיר נישט פאַרגעסן און מיך מכבד געווען מיט אַ טעלער זופּ.

דאָס איז שוין זייער אַ סך. נאָכן עסן האָט די אַלטע געפרעגט מאַריען, וו איך וועל שלאָפן. איך האָב געזאָגט, אַז אויפן דיל. נאָר מען האָט פאַר מיר אויסגעזוכט אַ בעסער אָרט: אויף אַ קופערט. דער קופערט איז אוודאי געווען צו קורץ, האָט מען צוגעשטעלט צוויי שטולן און ס'איז געוואָרן אַ קעניגלעך געלעגער. און כאָטש די אַלטע האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם, האָב איך פונדעסטוועגן אַלץ מורא געהאַט פאַר איר, דערצו נאָך, ווען מאַריע האָט מיט מיר דערנאָך פאַרפירט אַ לענגערן שמועס און די אַלטע האָט זיך געלייגט גלייך אין בעט אַריין, גענומען אַ ביסל לייענען און דערפון קיין אויג נישט אַרויסגענומען. מסתמא האָט זי דאָרט געלייענט עפּעס אינטערעסאַנטערס ווי דאָס, וואָס איך האָב דערציילט. איך האָב צו איר גאָרנישט.

אינדערפרי איז מאַריע געגאַנגען צו דער אַרבעט. איך בין געבליבן מיט דער אַלטער אַליין. נישטאָ מער קיין דריטע פּערזאָן צווישן אונדז... מיר זענען געבליבן אויג אויף אויג. זי וועט מיר באַלד געבן אָנצוהערן, אַז איך מעג מיר זוכן אַן אַנדער אָרט ווו היינט צו נעכטיקן? — פאַרוואָס בין איך נישט אַוועק צוזאַמען מיט מאַריען, און דערנאָך אויף דער נאַכט זי אָפּגעוואַרט ביי דער קליניק און מיט איר ווידער אַהער געגאַנגען אונטער איר שוץ? — געווען געדאַרפט ווענן דעם פריער אַ קלער טון. איצט איז שוין פאַרפאַלן.

די אַלטע האָט אָפּגעקאָכט טיי. זי האָט מיר אויך אָנגעגאָסן אַ גלאָז. זי איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַפקעלע, אַרויסגענומען אַ טאָרבעלע, פון טאָרבעלע אויסגעשיט אויף אַ טעצעלע ראָזשינקעס און מיר אונטערגערוקט דאָס טעצעלע: פאַרזוכט ראָזשינקעס! — ראָזשינקעס מיט מאַנדלען... ראָזשינקעס אויף פּסח... די אַלטע איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן נאָענט. איך האָב ליב מיין מאַמע, אין יעדער אַלטער פרוי זע איך זי, אָדער לכל הפּחות דערמאָן איך זיך אין איר.

און ס'האָט זיך ביסלעכוויז געשאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן אונדז. נישט דערפאַר ווייל מיר האָבן זיך צונויפגערעדט. מיר איז געווען שפּראַכלעך שווער זיך מיט איר צונויפצורעדן. איך האָב אַפילו אַביסל פאַרשטאַנען די רוסישע שפּראַך, נאָר לחלוטין נישט געקענט אויף איר רעדן. אָבער ס'איז פאַראַן אַן אַנדערע שפּראַך. אויף דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי

האָט זי געגומען די קאַן און געוואָלט גיין נאָך וואַסער (דער ברונעם איז געווען אַ צוווייהונדערט טריט פון דער שטוב) האָב איך די קאַן פון אירע הענט אַרויסגענומען און געגאַנגען ברענגען וואַסער. שפּעטער האָב איך איר געהאָלפן צעהאַקן שטיקער סאַקסאַול. זי, פון איר זייט, איז מיר אויך אַקעגנגעקומען: זי פלעגט מיר אָפט פאַרריכטן דאָס פעלצל.

מיין פעלצל. דאָס איז געווען אַ וווּנדערלעך פעלצל. פון אויבן הינטישע פעל, פון אונטן — קעצישע. נייערהייט, האָט עס געקענט מאַכן אַן איינדרוק. פאַרשטייט זיך, אַז איך לאָז זיך נישט אַוועק אַזש ביז צום הונט, אָדער דער קאַץ, וואָס האָבן געטראָגן די פעל, נאָר איך מיין דעם מענטש, וואָס האָט באַנייט דאָס פעלצל. איך האָב עס שוין געקויפט אין אַ צושטאַנד פון צעפאַלן־זיך. אויף מיר האָט דאָס פעלצל געמאַכט אַ רושם. אַזעלכע פעלצלעך פלעגן אין אונדזערע געגנטן טראָגן פריצים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פעלצל וועט פאַרדעקן מיין גאַנצע אָרעמקייט, דאָס צעריסענע רעקל, די הויזן, די שיך, און אַפילו מיין אינערלעכן שווערן געמיטס־צושטאַנד. נאָך יעדן טאָג ביים אָנטון עס, ביים אויפהייבן די האַנט, אָדער סתם ביים מאַכן אַ וועלכע ס'איז נישט באַוועגונג, האָט עס זיך אויפגעטרענט. איך האָב מיר שוין געמאַכט אַ פּלאַן: יעדן אינדערפרי אַוועקגעבן אַ שעה־צוויי דעם פעלצל. נאָר דאָס וואָלט אויך נישט געסטאַיעט. די אַלטע האָט מיר פון צייט צו צייט געהאָלפן עס פאַרריכטן. דער הונט, אָדער די קאַץ, האָבן פאַר איר געניטער האַנט מער דרך ארץ געהאַט, זיך געהאַלטן לענגער, אָבער ביי זיי פלעגט נאָך עטלעכע טעג ענדלעך פּלאַצן די געדולד און ביי מיר — אַן אַרבל, צי די פּלייצע...

די יונגע באַלעבאָסטע פלעג איך זען ערשט נאָך דער אַרבעט. אַ שעה־צוויי אין אָוונט. די אַלטע — דעם גאַנצן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז צו דער אַלטער האָב איך זיך מער צוגעוווינט. דאָס האָט די יונגע באַמערקט און געוואָרן אַביסל אייפערזיכטיק. זיי האָבן ביידע געוואָלט אַרויסווייזן צו מיר גוטסקייט. ס'איז געגאַנגען צווישן זיי אַ געווער. נאָר געזיגט האָט די אַלטע. די אַלטע האָט זיך מיט רעכט, צי מיט אומרעכט געהאַלטן פאַר דער באַלעבאָסטע אין שטוב. דער עיקר, זי פלעגט קאָכן און אָנגרייטן עסן פאַר דער יונגער. מאַריע אַליין האָט זיך געפילט, ווי אויף יענערס אויסהאַלטונג. אָפט פלעגט זי מיך אויפנעמען אין אָוונט מיט אַ זופּ און כמעט רעגלמעסיק יעדן אינדערפרי מיט טיי און עפּעס צובייסן. ס'איז מיר געווען שווער צו נעמען, אָבער אָפּזאָגן זיך איז מיר געווען נאָך שווערער. אין האַרצן פלעג איך זיך פרווון רעכטפאַרטיקן דערמיט, אַז עס וועט נאָך אפשר קומען אַ צייט, אַ בעסערע, און איך וועל איר פאַר אַלץ אָפּגעבן מיט דאַנק.

אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך בין נישט אַזאַ מיוחס ווי כ'האָב געמיינט, איך בין נישט איינער ביי איר. איינמאָל אינדערפרי, איז געקומען

צו איר עפּעס אַן עלטערער מענטש, אַ הויכער, אַ ברייטער, מיט אַ פאַר־וואַקסן בלייך פּנים. קענטיק, אַז אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ פּעס־טער מאַן, אָבער איצט האָט ער דערמאָנט אַ חורבה. אַ הויכע, ברייטע חורבה, אָבער פאָרט אַ חורבה. איך בין געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז קסעניאַ אַנדרעיעוונאַס, דער אַלטערס אַ ברודער. ווייטער האָב איך נישט געפרעגט. איך האָב באַגנוגנט זיך דערמיט, וואָס כ'האָב געזען. און געזען האָב איך, אַז זי גיסט אים אָן טיי ווי מיר. זי נעמט אים נאָך אויף מיט בלינעס. בכלל, אַז דער ברודער קומט צו איר אַפּעסן. אין זיין אָנוועזנהייט האָב איך זיך שלעכט געפילט. מילא, געמען ביי קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ, האָב איך מיך שוין ווי ס'איז געהאַט צוגעוווינט. איצט האָט זיך מיר געגומען דאַכטן, אַז איך נעם ביי אים. ווייל ווען נישט איך, קען זי דאָך מסתמא אים מער געבן, דאָס הייסט, אויך מיין חלק.

נאָר באַרויקט האָב איך זיך, נישט באַמערקנדיק פון זיין זייט אַ רמז אויף דעם. פאַרקערט, געווען פאַלן, למשל, ווען די אַלטע האָט געדאַרפט אַוועקגיין תיכף אינדערפרי צוליב אַן ענין און מיר איבערגעלאָזן פאַר זיי־נעטוועגן דאָס עסן. דער ברודער האָט זיך געפילט אַזוי דערשלאָגן, אַז ער האָט אַפילו אויף מיר געקוקט ווי אויף זיינעם אַ וווילטעטער. אויף יעדן פאַל, איז מיין פּאָזיציע אַ שטאַרקערע: איך זיץ אינעווייניק און ער — אינדרויסן...

די שמועסן צווישן דער אַלטער און איר ברודער פלעגן זיין קורצע. אָפּגעריסענע זאַצן, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות צום באַזוך און נישט מער. נאָר איינמאָל האָט דער באַזוך געדויערט לענגער פון תמיד. דער אַלטער האָט זיך נישט ווי זיין טבע ביז איצט, גלייך צוגעכאַפּט צו דער טיי מיט די בלינעס, נאָר געקוקט אויף זיי, געקוקט און אפּנים גע־קלערט וועגן עפּעס אַנדערש.

די אַלטע האָט עס באַמערקט:

— גרישאַ, פאַרוואָס טרינקסטו נישט די טיי? זי ווערט קאַלט.

דער ברודער טוט אַ זופּ טיי, נאָר צו די בלינעס רירט ער זיך אַלץ נישט צו. ער זאָגט:

— פון יוראַן איז אַלץ נישטאָ קיין שרייבן. באַקלער זיך, שוין דריי חדשים.

די אַלטע טוט אַ שטילן זיפץ, נאָר פונדעסטוועגן וויל זי אים טרייסטן, און אפשר טאַקע אויך זיך אַליין:

— ס'איז דאָך מלחמה. דער בריוו האָט זיך מסתמא אָפּגעהאַלטן אויפן וועג. היינט־מאָרגן, וועט מסתמא אָנקומען אַ בריוו.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער טאַקע געקומען מיט אַ בריוו אין די הענט. ביים אַריינקומען האָט ער נישט געזאָגט קיין „זדראַסטיע" און

שטיל, אָן אַ וואָרט אַרויסברענגען פון מויל אים איבערגעגעבן דער שוועס־מער. זי האָט דערפילט עפּעס שרעקלעכס. ביים אָנטון די ברילן, האָב איך באַמערקט אירע הענט ציטערן. באַלד האָט זי אַרויסגעשטויסן אַ געשריי. איך האָב אויך מיטאַמאָל דערהערט דעם אַלטן כליפּען. אין בריוו האָט מען צווויסן־געטון דעם אַלטן, אַז דער זון איז געפאַלן אויפן פראָנט.

שפּעטער, האָט ער מער פון זון געבראַכט. מען האָט אָפּגעשיקט פון דער אַרמיי זיינע מלבושים. אויך אַנדערע זאַכן האָט ער געבראַכט פון זון. אַזעלכע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ביים גיין אין מיליטער. ער האָט זיי געגעבן דער שוועסטער זיי זאָלן ביי איר ליגן. ער קען אויף זיי נישט קוקן. די שוועסטער האָט קודם־כל גענומען זיינע פאָטאָגראַפיעס און אַריינגע־לייגט צו זיך אין אַלבום, און וואָס שייך די זאַכן, געזאָגט דעם ברודער:

— נאָך וואָס וועלן די זאַכן ליגן? וואָס וועלן זיי זיך דערוואַרטן? מען דאַרף זיי פאַרקויפן.

דער ברודער האָט געענטפערט:

— טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט.

האָט די אַלטע יעדעס מאָל אַרויסגענומען פון בינטל עפּעס אַן אַנ־דערע זאַך און געגאַנגען אויפן דערבייַיקן מאַרק זי פאַרקויפן. צוריקקומען פלעגט זי דעמלט מיט אַ פול קיישל גרינסן און פרוכטן. די פרישטיקן פאַרן ברודער זענען געוואָרן בעסערע. אָנשטאָט די טראַדיציאָנעלע בלינעס מיט טיי, פלעגן זיך אויפן טיש באַווייזן ברויט מיט פּוטער, קעז און פּאָמידאָרן. נאָר דער אַלטער פלעגט פון זיי קוים פאַרזוכן. די שוועס־טער האָט אים אַמאָל איבערראַשט מיט וורשט. נאָר דאָ האָט ער פּלוצים אַ זאָג געטון:

— איי, ווי יורא פלעגט ליב האָבן וורשט!

און צום וורשט זיך נישט צוגערירט. מען האָט געזען בחוש, ווי דער אַלטער זינקט איין פון טאָג צו טאָג. איינמאָל אַן אויפדערנאַכט נאָכן עסן (ער פלעגט אויך לעצטנס אין די אָוונטן קומען) ווען דער אַלטער האָט זיך, דאַכט זיך, שוין געגרייט אַהיימגיין, האָט ער געטון אַ זאָג:

— קסעניאַ, ס'איז שוין שפּעט. אינדרויסן איז פינצטער און ס'גייט אַ רעגן. אפשר דאָ איבערנעכטיקן?

די ווייבער האָבן זיך געלייגט צוזאַמען אין איין בעט און ער איז געשלאָפן אין צווייטן. נאָך אינדערפרי, מאַריע גייט צו דער אַרבעט, די אַלטע גרייט זיך שוין גיין אין מאַרק אַריין איינקויפן, און דער אַלטער ליגט נאָך אַלץ אין בעט. די אַלטע מיינט, אַז דער ברודער האָט זיך פאַרשלאָפן, נאָר זי זעט, ער ליגט דווקא מיט אָפענע אויגן.

— וואָס איז דיר? — פרעגט זי פאַרוואונדערט. — ס'איז שוין שפּעט און דו קלערסט גאָרנישט פון אויפשטיין.

דער אַלטער ענטפערט ווי פאַרזינדיקט :

— עס שטעכט מיר אין די זייטן, נאָר ס'וועט מסתמא באַלד פאַריבער־גיין. דערווייל שטער דיר נישט און גיי אויפן מאַרק. איך וועל באַלד אויפשטיין.

נאָר ער איז נישט אויפגעשטאַנען ביז זי איז צוריקגעקומען, נישט דעם טאָג און נישט אויפן אַנדערן. ער איז געבליבן ליגן קראַנק. האָט ער זיך נאָך פאַר דעם קומען אַהער געפילט נישט גוט און דאָ בכיוון געוואָלט בלייבן, ווייל אינדערהיים ביי זיך וואָלט ער געלעגן אַליין און קיינער וואָלט אויף אים נישט אַ קוק געגעבן ? מעגלעך. דערווייל איז קסעניאַ אַנדרע־יעוונאַ געגאַנגען צום ברודער אין דער וווינונג און געבראַכט אַהער זיינע זאַכן. די שכנים קענען זיי נאָך צעטראָגן.

אַ קראַנקן דאַרף מען קויפן מעדיצינען און נישט אַלע באַקומט מען אין אַפּטייק צו ביליקע פּרייזן. אָפט מוז מען זיי קויפן ביי ספּעקולאַנטן אויפן מאַרק, פינף אָדער צען מאָל טייערער ווי געוויינלעך. אַ קראַנקער קען נישט אַלץ עסן און מען מוז אים יעדעס מאָל קאָכן אַ ביסל וואַרעמס, אַ קאָמפּאָט, אָדער דערלאַנגען אַביסל וויינטרויבן. און קסעניאַ האָט יעדעס מאָל אַרויסגענומען דעם ברודערס אַ מלבוש, ווי פריער זיין זונס, און פאַרקויפט אויפן מאַרק. זי האָט פאַרקויפט זיינע אַ פופייקע, אַ פּאָר וואַ־לענקעס, קאַלאָשן א. אַ. וו. איבערגעבליבן איז אים בלויז איין אָנצוג, און געווען איז עס זייער אַ גוטער, געקויפט מיט יאָרן צוריק און געטראָגן בלויז אויף שמחות און יום־טובים.

נאָר דעם אָנצוג האָט קסעניאַ באַשלאָסן נישט צו פאַרקויפן. מען דאַרף אים דאָך אין עפּעס באַגראָבן. און אַז ער איז געשטאָרבן נאָך דריי חדשים קראַנק־ליגן, האָט טאַקע קסעניאַ אויסגעפּוצט דעם ברודער אין דעם אָנצוג. איינער פון די באַגרעבער האָט בשעת דעם אַרויפנעמען די טרומנע אויפן וואָגן אַ ברום־געטון :

— טויטע באַגראָבט מען אין נייע מלבושים און לעבעדיקע גייען אַרום אין צעריסענע.

דער דאָזיקער אָנצוג האָט אויך פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן געשפּרעך פון די באַגלייטער אויף דער לוויה. איין שכנטע האָט געהאַלטן, אַז אַ קאָרייער וואָלט פאַר אים געגעבן 30 קילאָ רייז, אַ צווייטע ווידער האָט געהאַלטן, אַז דער פּרייז איז אַביסל אַן איבערגעזאַלצענער. אַ דריטע, האָט סתם געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז מסתמא זענען קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ שוין גענוג זאַכן געבליבן פון ברודער, אַז זי לאָזט אים באַגראָבן אין אַזאַ גוטן אָנצוג.

צוריקגעקומען פון דער לוויה, האָט קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ איבערגע־נישטערט דעם ברודערס פּאַפּירן. געפונען דאָרט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס,

האָט זי זיי אַריינגעשטעלט אין אַלבום, אין שכנות מיט די פאָטאָגראַפיעס פון זיין זון יורא, וואָס איז געפאַלן אויף דער מלחמה.

.2

דער זומער האָט זיך דאָס יאָר לאַנג געצויגן און פאַרשלינגען דעם גאַנצן אָסיען. נאָר מיטאַמאָל, פלוצים, אין איינעם אַן אינדערפרי, איז מען אויפגעשטאַנען און געזען, אַז דער הימל האָט זיך אינגאַנצן געביטן, איז געוואָרן קויטיק און נידעריק, אַז די וואָלקנס פאַרטשעפען באַלד די הויכע טאָפּאָליעס. אַ בייזער ווינט האָט גענומען טרייסלען די ביימער און די אַראָפגעשיטע בלעטער געשלעפט מיט זיך, געדרייט אין טויט-קאַראַהאָדן. באַלד האָט גענומען גיין אַ רעגן. פאַמעלעך, נישט געאײַלט, ווי ער וואָלט געוווסט, אַז ער האָט געגוג צייט פאַר זיך און וועט זיך זיינס אָפּנעמען. די ערד האָט זיך באַלד נאָכגעגעבן, צעווייקט געוואָרן און צוגעקלעפט זיך אָנמעכטיק צו יעדן מענטשלעכן שיך און ראָד פון מאַשין, אָדער וואָגן.

די אויסגעגראָבענע טרעפּן אין דער ערד, וואָס האָבן געפירט צום הויז אין טאָל, זענען צעווייקט געוואָרן. דאָס הויז האָט אויסגעזען ווי אַ שיף, וואָס איז געבליבן שטעקן אין ליים. פריער האָט מען געקענט אַרויסגיין אין גאַס ביי יעדער געלעגנהייט, צוליב יעדער קליניקייט. איצט, איז די גאַס ווי אָפּגעשניטן געוואָרן. ווינטער, דאַרף זיין אַלץ אָנגעגרייט אין שטוב, מען זאָל ווייניקער דאַרפן צו דער גאַס. אַזוי האָט קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ געהאַלטן. אין דער וואַנט איז געווען אויסגעהוילט אַ חלל מיט פאָליצעס, און אויף די פאָליצעס פלעגן שטיין טאָרבעלעך מיט רייז, גרויפּן, מעל און פאַרשידענע געטרוקנטע פרוכטן.

אַזוי פלעגט זיין יעדעס יאָר. דאָס יאָר האָבן זיך די טאָרבעלעך זייער גיך אויסגעליידיקט. מען האָט געדאַרפט צוגרייטן נייע. די אַלטע האָט זיך געהאַט אָנגעגרייט אַביסל געלט כדי רויק קענען דורכלעבן אירע לעצטע עטלעכע יאָרן. זי האָט אָבער נישט פאָרויסגעזען אַז אירע לעצטע עטלעכע יאָרן וועלן זיין מלחמה-יאָרן. די פרייזן זענען אַרויף און דאָס געלט, וואָס זי האָט געהאַט צוגעגרייט אויף יאָרן, איז אַוועק אין חדשים.

מאַריע פאַרדינט אַזוי ווייניק, אַז ס'איז איר שווער אויסקומען אַפילו אויף איר אייגענעם טאָג-טעגלעכן באַדאַרף. אויף צוגרייטן פראָדוקטן אויף ווינטער פון איר אַרבעטס-לוין, איז אָפגערעדט. די אַלטע, וואָס האָט זיך לאַנגע יאָרן אויסגעהאַלטן פון נייען, האָט ווידער אַ טראַכט-געטון זיך נעמען צו דער אַרבעט. קסעניאַ האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקל פון דער ניי-מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל נאָך אַ צוויי-יאָריקן דרימל. אויף דער מאַשין האָט געשטעקט אַ ליידיק קלעצעלע אויסגעצילעט פון

פאַדים. זי האָט אויף דעם קלעצעלע לאַנג און טרויעריק געקוקט. האָט זי געזען אין אים איר לעבן ? אוי, איר גורל איז נאָך ערגער ווי פון קלעצעלע. אַ סקעלעט שוין און מוז זיך נאָך דרייען, דרייען.

נאָר ס'איז כאָטש גוט, וואָס זי דאַרף אויף דער עלטער נישט אָנקומען צו פרעמדע מענטשנס גנאָב. אָט קומט אַ שכנטע און וויל זיך עפּעס איבערגייען. אָט באַגעגנט זי אַ פרוי אויפן מאַרק, צערעדט זיך מיט איר און יענע וויל איר געבן אַרבעט. נישט צום פאַרזינדיקן, אַרבעט איז פאַראַן, נאָר כוח, כוח פעלט.

זי האָט דערפאַר אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן די שטוב, פלעגט ווען, אַז מאַריע זאָל זיך פאַרנעמען מיט איר. נאָר מאַריע פלעגט קומען נאָך זיבן אין אָוונט פון דער אַרבעט, מיד, צעבראָכן און שוין נישט געהאַט מער קיין כוח און קיין ווילן ווי אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן. דער עיקר, פלעגן אויסברעכן סכסוכים זונטיק. קסעניאַ האָט געוואָלט, אַז אין דעם טאָג זאָל מאַריע זיך פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפט : וואַשן וועש, דעם דיל, קאָכן. נאָר מאַריע פלעגט ליגן ביז שפּעט אין טאָג אַריין און שלאָפן. און איז זי אויפגעשטאַנען, פלעגט זי טענה'ן, אַז זי האָט איין טאָג אין דער וואָך אָפּרו, וויל זי אים נישט צעשטערן.

בכלל, פלעגט די אַלטע לעצטנס זיין פון איר פּלימעניצע ווייניק צופרידן. זי האָט קודם כל געהאַלטן, אַז מאַריע דאַרף אַוועקוואַרפן די אַרבעט און זוכן אַ נייע. נאָר מאַריע פלעגט ענטפערן, אַז ס'איז נישט אַזוי לייכט זיך באַפרייען פון דער אַרבעט און צווייטנס, איז שווער צו געפינען אַ בעסערע. מאַריע האָט געהאַט רעכט, נאָר ס'איז אויך געווען אַ דריטע סיבה : מאַריעס אַרבעט איז געווען אַ לייכטע און אויף אַן אַנדער אָרט קען מען נאָך דאַרפן שווער אַרבעטן און דערצו האָט זי נישט קיין כוח.

פון צייט צו צייט פלעגן זיך די פרויען אויסטענה'ן. נאָך אַזאַ געשפרעך, האָט מאַריע געזוכט זיך אויסרעדן פאַר מיר איר ביטער האַרץ. אויף דעם אופן האָב איך זיך דערוויסט אַ סך אַנדערע פּרטים פון איר לעבן.

מאַריע, ווייזט זיך אַרויס, איז אין דער יוגנט געווען אַ טענצערין. מעגלעך, אַז זי האָט דורכגעלעבט עטלעכע רוישיקע יאָרן. נאָר ס'האָט נישט לאַנג געדויערט. זי האָט זיך באַקענט מיט אַן אינזשיניער. ער האָט זיך פאַרליבט אין איר און איר פאַרגעשלאָגן מיט אים חתונה האָבן. ער איז נישט געווען קיין שיינער, אָבער זייער אַ סאָלידער. און מאַריע, וועלכע האָט אין אָנהייב געמיינט, אַז זי וועט מאַכן אַ קאַריערע ווי אַ טענצערין, האָט זיך נאָך עטלעכע יאָרן אַרומגעזען, אַז ס'האַלט ווייט דערפון. נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, זי וועט ווערן עלטער און מען דאַרף קלערן פון דער צוקונפט, איז זי איינגעגאַנגען אויפן שידוך.

געלעבט האָבן זיי זיך נישט שלעכט. ער איז געווען זייער גוט צו איר.

נאָך פונדעסטוועגן פלעגן זיין צייטן, ווען זי איז אויסגעגאַנגען פאַר בענק־שאַפט צו איר אַמאָליקן לעבן. דעמלט פלעגט זי זיך נעמען צום טרינקען. איך וויים נישט, צי האָט איר מאַן, דער אינזשיניער, געטרונקען נאָך איי־דער ער האָט זיך מיט איר באַקענט, אָדער זיך אויסגעלערנט ביי איר, נאָר זיכער איז, אַז זיי האָבן ביידע געטרונקען.

דער מאַן אירער איז געשטאָרבן אַ דריי יאָר פאַר דער מלחמה פון שווינדזוכט. מאַריע האָט מיר געוויזן זיין פאָטאָגראַפיע. אַ הויכער, אַ דאַ־רער, מיט אַ ביינערדיקן פּנים, מיט שיטערע וואָנסעס, אין אַ רובאַשקע און אין שטיוול. זי האָט מיר אויך געוויזן זיינע זאַכן, זיינע ביכער. באַזונ־דערס האָט זי מיר געוויזן דעם מאַן, ווי ער שטייט ביי דער אַרבעט, אַרומ־גערינגלט פון זיינע אַרבעטער, וואָס קוקן אויף אים מיט גרויס חשיבות. הפּנים, זי האָט דערמיט געוואָלט אויך ביי מיר אַרויסרופן אַזאַ ענלעך גע־פיל צום מאַן, און טאַקע אויך צו איר, זיין פרוי.

ס'איז איר זייער שווער געווען צו וויסן, אַז די מומע האָלט זי אויס, כאָטש קסעניאַ האָט עס איר קיינמאָל נישט פאָרגעוואָרפן. אָבער אין דעם, וואָס זי פלעגט יעדעס מאָל איר הייסן זוכן אַ נייע אַרבעט, ווייל די ביז איצטיקע ברענגט ווייניק, האָט זי געפילט זיך אָנגעגריפן. איינמאָל אין אַן אָוונט, האָט זי פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס לענגער פון תמיד. זי האָט זיך מיט מיר געראָטן, צי זאָל זי, אָדער ריכטיקער, צי מעג זי פאַרקויפן די אי־בערגעבליבענע זאַכן פון מאַן. זי האָט זיי געהאַלטן דריי יאָר, זיי זענען ביי איר געווען דאָס טייערסטע אין לעבן, דער אָנדענק נאָך אים. נאָר איצט זענען געקומען זייער שווערע צייטן : מלחמה, הונגער. צי האָט זי נישט אַ רעכט צו פאַרקויפן די זאַכן ?

זי האָט עס געפרעגט מיט בלאָע, פאַרוויאַנעטע ליפּן, מיט אַ שטילער, ציטערדיקער שטים, און ווי שווער מיר איז געווען זיך אַריינמישן אין איר אינערלעכער געפילס־וועלט, האָב איך פונדעסטוועגן איר געפּרוּווט לייכט־לייכט אָנדייטן, אַז זי האָט אַ רעכט פאַרקויפן די זאַכן און באַרעכטיקן איר פאַרלאַנג.

אוודאי, אין נאָרמאַלע, רויקע צייטן, קען זיך דער מענטש האַלטן זיינע הייליקטימער, אָפּהיטן זאָרגפעלטיק אין זכרון די פאַרגאַנגענהייט. געבן דעם טויט אַ פּלאַץ אין לעבן, ווייל דער טויט איז דעמלט אַ זעל־טענע דערשיינונג אין דער משפּחה, אָבער איצט, ווען דער טויט האָט אָנגע־נומען אַזעלכע ברייטע פאָרמען, ווען ער קען קומען דורכן מיליאָנען־פאַר־שלינגנדיקן פראָנט, דורך טיפוס, אָדער סתּם דורך הונגער, איז געוואָלדיק געפאַלן זיין אָנזען. פון דער אַנדערער זייט ווידער, איז געשטיגן די אַכטונג צום לעבן, צום לעבעדיקן, ווייל יעדע רגע קען אים באַגעגענען דער טויט

און ער באַקומט דורך דעם אַ רעכט אַ סך זאַכן צו טון, וואָס ביז איצט זענען זיי ביי אים געווען פאַרווערט, טאַקע אויפן חשבון פון טויט...

מאַריע האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן דעם מאַנס זאַכן, דאָס הייסט, זי האָט זיי דערלויבט פאַרקויפן, ווייל מיט דעם פאַרקויפן גופא האָט זיך שוין די אַלטע פאַרנומען. די אַלטע פלעגט פאַרפאַלן ווערן גאַנצע טעג אויפן מאַרק, אָבער יעדעס מאָל פלעגט זיך באַווייזן אין שטוב אַ נייער אויפקויפער. מאַריע איז אַהיימגעקומען אָוונטס פון דער אַרבעט, געטון בגנבה אַ קוק צום בעט: עס שטייען אונטער אים נישט מער דעם מאַנס שטיוול. פון דער שאַפע פאַרשווינדט יעדעס מאָל אַ נייער מלבוש. זי האָט זיך געפילט שולדיק און געוואָרן זייער געפאַלן ביי זיך.

דאָס איינגעפלאָסענע געלט פלעגט די אַלטע ערגעץ־ווו באַהאַלטן. מאַריע האָט אַפילו נישט געוווסט וויפל די מומע האָט אָפּגעלייזט פאַר די זאַכן און נישט ווו דאָס געלט ליגט. קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ האָט זיך אָפּגעשמועסט מיט דער שכנטע צו גיין שבת אויף דער נאַכט אין אַ נאָענטן קאָלכאָז איינקויפן פּראָדוקטן. מען דאַרף עס מאַכן וואָס פריער, ווייל דאָס געלט קען זיך צעקריכן. זי האָט צונויפגעקליבן אַלע אירע טאָרבעלעך און מיט דער שכנטע זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

איך בין געבליבן אַליין אין שטוב. מאַריע האָט געדאַרפט באַלד קומען פון דער אַרבעט און איך האָב ברעה געהאַט זיך לאָזן אין שטאָט אַריין. נאָר זי איז נישט געקומען. איך האָב געוואַרט אַ שעה־צוויי און דריי — זי איז אַלץ נישטאָ. נאָך צען איז זי געקומען. איר פּנים דערהיצט און אין די אויגן אַן אומהיימלעך פייער. זי האָט אין דער האַנט געהאַלטן אַ טאַש, האָט אים אַרויפגעשטעלט פאַרזיכטיק אויפן טיש און געטון אַ פרעג:

— די מומע איז שוין אַוועק אין קאָלכאָז?

און אַז איך האָב איר געענטפערט אַז יאָ, האָט זי אַרויסגענומען פון טאַש אַ פלעשל בראָנפן און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. דערנאָך אַ הערינג, קעז און אַ שטיק וורשט.

— אָט און מיר וועלן זיך מאַכן יום־טוב!

— וואָס איז געשען, מאַריע איוואַנאָוונאַ — פרעג איך אַ דערשטויגטער — איר זייט מיטאַמאָל רייך געוואָרן, געפינען אַן אוצר?

— ניין, — ענטפערט זי — איך האָב היינט באַקומען מיין חודשלעכן אַרבעטס־לוין.

מיר איז געוואָרן זייער פּיינלעך. איך פּרוו זיך ווערן:

— ניין, מאַריאַ איוואַנאָוונא, איך וועל נישט עסן, מיט וואָסער רעכט?

נאָר זי ענטפערט מיר שאַרף אָפּ:

— אוודאי. מיט וואָסער רעכט דאַרפט איר שטיין און רעדן און נאָר איך זאָל צוגרייטן אַלץ. נעמט אָפּשיילן דעם הערינג.

שוין בלויז פאַר העפלעכקייט האָב איך זי געמוזט פאָלגן. איך האָב איר געהאָלפן צוגרייטן און איך קען נישט לייקענען, אַז דער ווורשט און דער הערינג זאָלן נאָך דריי חדשים הונגערן, האָבן געשפּילט אין דעם אַ קליינע ראָלע. זיי האָבן גערייצט און אָפּגעשוואַכט אַלע מיינע ווידער־שטאַנד־כוחות.

איך האָב מיט איר אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל בראָנפן. דעם שטויב אויף מיין גומען פון מיינע וואַנדער־וועגן האָט עס אַ שווענק־אַראָפּ געטון. איך וועל טרינקען און טרינקען. איך וועל זיך פאַרטרינקען און פאַר־טרינקען אויף אַ ווײַלע מיין אומגליק און מיין פּיין. זי האָט מיר יעדעס מאָל פונדאָסניי אונטערגעגאָסן. איך האָב געפילט, אַז זי וויל מיך אָנשיכורן און אין אירע בליקן און באַוועגונגען האָב איך געאַנט איר באַהאַלטענע כוונה. נאָר וואָס מער כ'האָב געטרונקען, אַלץ טרויעריקער איז מיר געוואָרן און אויפן זכרון איז מיר געקומען די היים. איך האָב זיך דערמאָנט אין שמחות, וועלכע איך פלעג פּראַווען אין קרייז פון חברים. איך האָב זיך דערמאָנט פרויען, וואָס זענען מיר געווען נאָענט און געבליבן שטיין פאַר מיר איז איין פרוי. איין פרוי.

— פון וואָס קלערט איר, — פרעגט מאַריע. פריער איז זי געזעסן ביים טיש אַקעגן, איצט זיצט זי שוין נעבן מיר.

— כאַפּט עס דער טייוול ! — זאָג איך — די זכרונות זענען ווי ווינט. פאַרמאַכסט פאַר אים די טיר און פענצטער, גייט ער דורכן קוימען און בלאָזט דיר רויך אין די אויגן אַריין.

— איך האָב אייך נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, — זאָגט מאַריע און דריקט זי צו מיר נענטער — איר רעדט ווי אַ שרייבער. בכלל פאַרנעמט איר זיך צופיל מיט אייערע מחשבות און זעט גאָרנישט וואָס ס'טוט זיך אַרום. פרויען, למשל, אינטערעסירן אייך נישט ? שרייבער האָבן ליב פרויען. איך האָב אַזוי פיל ביכער געלייענט וועגן דעם.

— אויך איך האָב ליב געהאַט פרויען — ענטפער איך.

— אַמאָל. וואָס אַמאָל איז געווען, גייט מיך נישט אָן. איצט ?

— איצט ? — איך מאַך אַ פּויזע — דער אָנדענק פון אַ פרוי לאָזט מיך נישט קלערן וועגן אַנדערע.

— לאָזט צורו דערמיט. איך האָב אויך געהאַט אַ מאַן. ער האָט מיך זייער ליב געהאַט. נאָר פונדעסטוועגן...

— יאָ, איר האָט מיר אַמאָל געוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון אייער מאַן. ער זעט אויס צו האָבן געווען אַן אַנשטענדיקער מענטש. אַ מענטש, וועמען מען האָט געקענט אַכטן און ליבן.

זי גיט אַ נעם דעם אַלבום פון שאַנק און ווייזט מיר עטלעכע פאָטאָ־גראַפיעס פון מאַן. איך ביז זייער צופרידן, וואָס מיר איז געלונגען זי אָפּ־

לענקען פון איר פריערדיקער כוונה. איך מאַך וועגן די פאָטאָגראַפיעס לאַנגע באַמערקונגען. קודם הערט זי זיך אויפמערקזאַם צו, נאָר באַלד פיל איך, אַז ס'ווערט איר לאַנגווייליק. נאָר איך הער אַלץ נישט אויף צו רעדן און לויבן איר מאַן. זי קוקט אויף מיר מיט גלעזערנע אויגן, גיט מיר אַ נעם אַרויס פון די הענט דעם אַלבום און זאָגט טרויעריק רעזיגנירט:

— יאָ, ס'וועט מיך שוין קיינער נישט אויף דער וועלט ליב האָבן ווי ער.

פון איצט אָן טראָגט זי מיר שוין נישט מער אונטער, ווי פריער, יעדעס מאָל אַ פריש גלעזל בראָנפן, נאָר אַליין טרינקט זי, טרינקט מע־כאַניש, אָן אַ ציל, נאָר מיט דעם ציל צוצוקומען צום דנאָ פונעם פלעשל. פאַרענדיקן.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי, איז מאַריע נישט אויפגעשטאַנען פון גע־לעגער. זי האָט זיך נישט גוט געפילט. ערשט אַרום מיטאָג־צייט. ווען זי האָט געוווסט, אַז די מומע וועט באַלד צוריקקומען פון קאַלכאָז, איז זי אַראָפּגעגאַנגען פון בעט, זיך אַרומגעוואַשן, אָנגעפּודערט און זיך אויף דעם בעט צוגעשפּאַרט, גלייך זי וואָלט זיך ערשט צוגעלייגט אויף אַ שעה־צווי נאָכן מיטאָג כאַפּן אַ דרימל.

די אַלטע איז געקומען באַהאָנגען מיט טלומעקלעך, זי איז געווען מיד און פאַרשטויבט פון וועג. 15 קילאָמעטער איז זי געפאָרן מיט דער באַן און זעקס געגאַנגען צופוס, און דערצו מיט לאַסט אויף זיך. ביי אירע 68 יאָר איז עס נישט קיין קלייניקייט. און זי האָט טאַקע דערוואַרט, אַז מאַריע זאָל אויף איר קוקן ווי אויף אַ העלדין, אַז זי וועט זי איבערראַשן מיט אַ געשמאַק מאכל. מאַריע האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט ביים אַריינקומען פון דער מומע, געמאַכט עטלעכע טריט אין איר ריכטונג, געטון זיך אַ וואַקל און אָנהאַלטנדיק זיך ביים בעט, געבליבן אַ בלייכע שטיין.

די אַלטע האָט איר יעדע באַוועגונג נאָכגעפאָלגט מיטן בליק. מאַריעס אויסזען האָט איר באַלד אויסגעוויזן צו זיין פאַרדעכטיקט. דערצו נאָך איז אויפן טיש געשטאַנען די ליידיקע פלאַש פון בראָנפן און אויפן טיש־טעך האָבן זיך געוואַלגערט ביינדלעך פון הערינג און די הויט פון וווּרשט. געווען באַדאַרפט עס אָפּרוימען. קיין בעסערע באַווייזן דאַרף זי נישט.

נאָר זי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט פון מויל, ווי זי וואָלט גאָרנישט באַמערקט. האָט אָפּגעבונדן פון זיך די טאָרבעלעך און זיי אויס־געשטעלט אויף די פּאָליצעס אין וואַנט־חלל. אויפגעשטעלט דעם סאַמאָ־וואַר און שפּעטער מיך אַ צי געטון ביים אַרבל, איך זאָל מיט איר מיט־גיין. מיר זענען געגאַנגען אין קיך. איך האָב דערוואַרט אַ לאַנג אויספרעגן און אויספאָרשן. פאַקטיש, האָט זי מיר אַלץ דערציילט, וואָס ס'איז פאַר־

געקומען און מיין ראָל איז באַשטאַנען בלויז אין באַשטעטיקן. איך האָב זיך געפילט מיטשולדיק און זיך געגרייט אויף אַ האַרבער שטראָף.

נאָר די שטראָף איז נישט געקומען. געקומען זענען דערקלערונגען. זי האָט מיר דערציילט, אַז מאַריע פלעגט זייער פיל טרינקען. און טאַקע צוזאַמען מיטן מאַן. נאָר נאָך זיין טויט האָט זי זיך אַביסל איינגעהאַלטן, באַהערשט. איצט האָט מאַריע אויסגענוצט איר אָפּוועזנהייט כדי ווידער אָנצוהויבן פונדאָסניי. אָבער זי טאָר בשום אופן נישט טרינקען. נאָך צוריק מיט יאָרן האָט מען מאַריען אויסגעשניטן אַ ניר. דאָס טרינקען איז פאַר איר לעבנסגעפערלעך. וואָס זשע וויל זי פון מיר? — מאַריע האָט אַ טבע אַליין נישט צו טרינקען. זי מוז האָבן אַ שותף, וויל זי איך זאָל מאַריען, ביי יעדער געלעגנהייט, אָפּרעדן פון טרינקען.

מאַריע איז נאָך עטלעכע טעג ליגן קראַנק, אויפגעשטאַנען, און ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט. אַזוי איז אַוועק אַ וואָך און צוויי. איינמאָל באַגעגנט זי מיר אין גאַס און שלאָגט מיר פאָר מיט איר גיין אין רעסטאָראַן. נאָר איך האָב זי דווקא צוגערעדט צו גיין אין קינאָ. ס'איז מיר געלונגען זי ראַטעווען פון דער געפאַר. און איך האָב זיך טאַקע מיט מיין דערפאָלג, אויפצומאָרגנס, באַרימט פאַר דער אַלטער.

נאָר מיין דערפאָלג איז נישט קיין גענוגנדער. מאַריע האָט טאַקע נישט געקענט טרינקען אָן געזעלשאַפט, אָבער נישט איך האָב דווקא געמוזט זיין איר געזעלשאַפט. זי האָט זיך אַנטוישנדיק אין מיר, הפנים, אויסגעזוכט עמעצן אַנדערש. זייער אָפט געקומען אַ היים אַ שיכורע. די אַלטע האָט געפרווט ביי איר אויספאָרשן מיט פאַרשידענע מיטלען ווער ס'איז איר מיטטרינקער, נאָר ס'איז איר נישט געלונגען.

ביז ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז דער מיטטרינקער איז אַנטדעקט געוואָרן. נאָך מער: ער איז געקומען גלייך אין שטוב אַריין. מאַריע האָט זיך אַזוי ווייט אָנגעטרינקען, אַז זי איז נישט אימשטאַנד געווען אַליין צו גיין אַ היים, נאָר מען האָט זי געמוזט אָפּפירן, אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז אַ פרוי, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט מאַריען אין דער קינדער־קליניק, זי טיילט דאָרט מילך פאַר די קינדער, נאָר אַליין, ווייזט אויס, באַנוגנט זי זיך נישט מיט אַזאַ זיסלעך־נודנער פליסיקייט. קסעניאַ איז אויף איר אָנגעפאַלן. די פרוי האָט זיך קוים געראַטעוועט.

מאַריע איז ערנסט קראַנק געוואָרן. נאָך עטלעכע טעג ליגן אין בעט, האָט מען זי איבערגעפירט אין נאָענטן שפיטאָל. דאָרט איז זי געלעגן אַ וואָך און געשטאָרבן. די אַלטע האָט געלאָזט מאַכן אַ שיינע טרומנע, אויסגעפוצט מאַריען אין שענסטן קלייד, געדונגען אַ וואָגן און בכלל געזען, אַז די לוויה זאָל אויסקומען וואָס פייערלעכער. נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן

זענען עטלעכע שכנטעס, צוויי שוועסטער פון דער קליניק, ווי מאַריע האָט געאַרבעט און עטלעכע קרובות.

ווען זייער קרובותשאַפט האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער. אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער קבורה, זענען זיי געקומען צו קסעניאַ אַנדרעיעווּנאַ און געטענהט, אַז מאַריע האָט איבערגעלאָזט אַ סך זאַכן און פּאַרוואָס זאָלן זיי אַריינפאַלן נאָר צו איר אין די הענט אַריין.

די אַלטע איז אַריין אין כעס:

— ווו זייט איר געווען, ווען מאַריע האָט געלעבט? זייט איר אַמאָל געקומען פרעגן וואָס זי טוט, פון וואָס זי לעבט אין אַזעלכע שווערע צייטן? און דערנאָך, ווען זי איז קראַנק געלעגן אין שטוב, אין שפּיטאָל, האָט איר איר אפשר געטראָגן אַ טעפּל ווארעמס, אַ ביסל טרויבן צו דערקוויקן זיך דאָס חיות. ירושה גיט זיי. גיכער געדאַרפט צעטיילן די זאַכן פאַרן קלויסטער, איידער אייך!

זי האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון שטוב און דורך דעם פענצטער זיי געענומען אַרויסוואַרפן מאַריעס זאַכן. וואָס דאַרט האָט זיך געטון! די קרובות האָבן זיך געזידלט און געשאָלטן, געקראַכן זיך אין די האָר, געגראַבלט זיך ביז בלוט מיט די נעגל. נישט איין קלייד, אָדער העמד איז אַרויס גאַנץ פונעם געראַנגל. די גאַנצע גאַס איז געווען פול מיט מענטשן.

בכלל איז די אַלטע געוואָרן זייער נערוועז נאָך מאַריעס טויט. אַמערסטן פלעג איך עס באַמערקן אָוונט־צו, ווען מאַריע פלעגט אַמאָל קומען פון דער אַרבעט. זי האָט דעמלט אַז אומרויקע געשפּאַנט איבער דער שטוב און פאַר זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען. נאָך דער וועטשערע פלעגט זי מיר אָפט דערציילן פון איר לעבן און פון מאַריעס. ווי גוט ס'האָט זיך איר געלעבט אַמאָל און וואָס פאַרא באַלעבאָסטע זי איז געווען. לייגן פלעגט זי זיך שטענדיק מיט אַ ביכל אין די הענט. זייער אָפט איז עס געווען ניעקראַסאָווס לידער. און כמעט שטענדיק געלייענט די זעלבע זאַך: די פּאָעמע „רוסקיע זשענשטשיני“.

זי האָט נישט געקענט איינשלאָפן און פלעגט אַזוי לייענען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. מיר איז שווער אַנטדרימלט צו ווערן ביים ליכט. פלעג איך אַריבערציען איבערן פּנים די דעק און אויף אַזאַ אופן ראַטעווען דעם שלאָף. נאָר דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. זי האָט זיך געמאַכט אַ טבע יעדע נאַכט צו מאַכן אָרדענונג: וואַשן דעם דיל, אָפּשטויבן דאָס מעבל, רייבן און גלאַנצן דאָס געשיר. אָדער סתם אַרויסנעמען אירע מלבושים און וועש פון קופערט, זיי איבערשיטן מיט נאַפטאַלין, זיי בערשטן און לאַטען. איינמאָל געענדיקט און ווידער און נאָכאַמאָל אָנגעהויבן פונסניי.

איך פלעג נישט קענען צומאַכן אַן אויג. בין אַרומגעגאַנגען שטענדיק

אַ נישט אויסגעשלאָפענער. ביז ס'איז מיר ענדלעך געלונגען באַקומען אַ צווייטע וווינונג און איך האָב מיך פון דער אַלטער אַרויסגעצויגן.

3.

אַוועק זענען וואָכן, חדשים. איך בין געוואָרן געשטויסן און געשליי־דערט פון לעבן יעדעס מאָל אין אַ נייער מצודה. מיליאָנען דריבנע זאָרגן פאַרן טאָג־טעגלעכן באַדאַרף האָבן מיך אויפגעפרעסן, ווי מערעזשקעס אַ בוים. איך האָב פאַרגעסן אין אַ סך זאַכן און אויך אין דער אַלטער קסעניע אַנדרעיעוונאַ. איך האָב זי קיינמאָל נישט באַגעגנט נישט אויף דער גאַס, נישט אין טראַמוויי. איך האָב זי און די גאַנצע שטוב אירע שוין געהאַט איינגעשלאָסן צווישן די אַלע, וועלכע כ'האָב געקענט און איבערגעלאָזט אין דער ווייטער היים.

נאָר אין איינעם אַ טאָג האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך דער אַלטער. כדי קומען אַהיים דאַרף איך האָבן באַנען, דאַרף איך אַדורך פיינטלעכע גרענעצן, אָבער צו איר איז דאָך גענוג אַ טראַמוויי. איך האָב מיט זיך מיטגענומען אַ ביסל פּרוכטן, טיי און זיסוואַרג (די אַלטע האָט זייער ליב אַ נאַש) און זיך געלאָזט צו איר אויף באַזוך.

אָט איז דאָס הויז אין טאָל. אָט גיי איך אַראָפּ די טרעפּן. גיי דורך דאָס גערטנדל פון אוזבעק. שטיי פאַר דער טיר און קלאַפּ אָן. קיינער ענט־פערט מיר נישט. איך נעם שטאַרקער קלאַפּן. ס'קומט אַרויס די שכנטע. זי דערקענט מיך.

— קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ זוכט איר ?

— יאָ, — ענטפער איך — און קלער בשעת־מעשה, צי די אַלטע איז נישט אין דער צווישנצייט געשטאָרבן — ווו איז זי דען ?

— זי איז געגאַנגען אויפן מאַרק. זי וועט מסתמא באַלד קומען. קומט דערווייל אַריין צו אונדז. שוין לאַנג אייך נישט געזען. אַ גאַסט !

איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט די דאָזיקע שכנטע. זייער אַ מיאוסע בריאה. נישט איינמאָל האָט זי פאַרגעוואָרפן דער אַלטער, הלמאי זי האַלט ביי זיך אין שטוב אַ ייד, נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַפט פון איר זיך דערוויסן עפּעס פון דער אַלטער, האָב איך זיך געלאָזט אַריינבעטן. איך האָב זי טאַקע גלייך גענומען אויספרעגן פרטים פון דער אַלטערס לעבן.

— ווען איר דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן, — מאַכט די שכנטע — זי גיט זיך אַן עצה. קודם האָט איר דער ברודער איבערגעלאָזט זיינע זאַכן און דערנאָך מאַריע. יעדן טאָג פאַרקויפט זי עפּעס אַנדערש. קלערט נאָך

גאַט ווייסט וויפל צו לעבן. אַט האָט זי פּלוצים אָנגעהויבן רויכערן. אפשר גרייט זי זיך נאָך חתונה האָבן — גיט זי צו מיט געלעכטער — נדן האָט זי!

מיר ווערט עקלדיק די שכנטע. איין גליק, וואָס איך הער אויפשליסן די טיר דאָרט ביי דער אַלטער. מסתמא איז זי שוין געקומען. איך לויף גלייך אַרויס. עמעצער איז טאַקע שוין דאָ אינעווייניק. איך קלאַפּ אָן אין דער טיר און הער דער אַלטערס שטים: „אַריין"!

ווי פאַרעלטערט זי איז געוואָרן פאַר דעם האַלבן יאָר.

די אַלטע ווישט זיך די אויגן:

— נישטאָ מאַריע, צרות מיינע, איך בין געבליבן איינע אַליין. לאַנג געוואַרט אויף אייך, אָבער איך האָב געוווסט, אַז איר וועט קומען.

איך נעם באַטראַכטן די שטוב, ווי זי האָט זיך געביטן, ווי אָפּגעלאָזן זי זעט אויס! אַ סך זאַכן פעלן, און אַפילו די, וואָס זענען יאָ פאַרבליבן, געפינט מען קיינע נישט אויף איר פריערדיקן אָרט. איך באַמערק אַ פרעמד לאַנג בעט שטיין אינמיטן שטוב, וואָס צעטיילט זי אויף צווייען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בעט? — פרעג איך — וווינט עמעצער ביי אייך?

— ניין, קיינער וווינט נישט. ס'איז דער שכנטעס בעט. זי האָט מיך נאָך מאַריעס טויט געוואָרנט, אַז איצט וועלן קומען פרעמדע מענטשן און וועלן פאַרנעמען די שטוב, ווייל פאַר איין מענטש איז זי צו אַ גרויסע. און זי האָט אַרויסגענומען אַן אָרדער אויף אַ האַלבן צימער און אַריינגע־שטעלט דאָס דאָזיקע בעט אַלס באַווייז, אַז נאָך עמעצער וווינט דאָ.

— און ווי אַזוי באַציט זיך צו אייך די שכנטע? — פרעג איך, מכלומרשט ווייס איך פון גאָרנישט.

— איר געדענקט זי דאָך מסתמא אַביסל פון פריער. זי וווינט טאַקע נישט אין צימער, אָבער יעדן טאָג קומט זי אַהער מאַכן אַ באַזוך, אָנקוקן איר האַלבן צימער. זי נעמט אַרויס די דעק און די קישנס, הענגט זיי אַרויס אויפן פאַרקן און לופטערט זיי אויס, כאָטש נאָך וואָס דאַרף זי עס? ס'שלאָפט דען ווער אויף זיי? נאָר זי טוט עס אַלץ, כדי ווייזן, אַז זי האָט דאָ אַ חלק.

איך קוק אויף דעם בעט און ס'זעט מיר אויס, ווי מען וואָלט אַ קראַנקן איינגעגעבן אַ לעפל מעדיצין אין מויל אַריין אויף אַ רפואה, נאָר דעם לעפל נישט אַרויסגענומען און ער שטעקט אין האַלדז און וואָרגט.

די אַלטע דערציילט ווייטער:

— זי קלערט נישט בלויז פון דעם האַלבן צימער. דאָס גאַנצע צימער האַלט זי שוין פאַר אירס און אַפילו די זאַכן. ביי יעדן באַזוך אירן באַ־מערק איך, ווי זי קוקט צי ס'פעלן נישט קיין זאַכן. גלייבט מיר, אַז איך גיי אַרויס אַ זאַך פאַרקויפן, האַלט איך זי באַהאַלטן אונטערן מאַנטל כדי

די שכנטע זאָל גאָרנישט וויסן און שלייך אַרויס פון שטוב, ווי איך וואָלט א גנבה באַגאַנגען.

— און אויסער דער שכנטע האָט איר נישט קיינעם, קיין פריינט, קיין באַקאַנטע ?

— אַלע באַרעדן מיך. אַלע זענען מיך מקנא. זיי זאָגן, אַז איך האָב פאַרכאַפּט אַלע זאַכן פון מיין משפחה. וועגן דעם, אַז איך האָב דעם ברו־דער און מאַריען געקאָרמעט יאָרן פון מיין אָפּגעשפּאָרטן געלט פאַר נייען — וויל קיינער נישט וויסן. ווייטיק מיינער, איך האָב זיי אַלע באַגלייט צום בית־עולם, געבליבן די לעצטע פון מיין משפחה, איינע אַליין, און מען איז מיך מקנא.

און אָט קערט זי זיך ווידער אום צו דער שכנטע :

— די שכנטע שפּירט מיר נאָך. זי הערט זיך צו צו מיין יעדן הוסט און קרעכץ. שטיי איך אויף אַמאָל שפּעטער ווי געוויינלעך, קומט זי אַריין מכלומרשט מחמת געטריישאַפט, צי ס'איז מיר נישט עפּעס געשען. אַך, ווי זי וואַרט איך זאָל קראַנק ווערן, איך זאָל שטאַרבן ! איר זעט — גיט זי צו שטיל — זי קען איצט שטיין הינטער דער טיר און זיך צוהערן צו אונדזער שמועס. זי האָט מורא, אַז אפשר האָב איך אייך גערופן אַהער וועגן די זאַכן.

מיר איז געוואָרן שווער אויפן געמיט. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט, געגרייט זיך געזעגענען. זי האָט עס באַמערקט, צוגעגאַנגען צום שאַפ־קעלע, אַרויסגענומען דעם אַלבום און מיר אים דערלאַנגט :

— נעמט אים, דעם אַלבום, איר פלעגט ליב האָבן אין אים אַריינ־קוקן. דאָ געפינען זיך די בילדער פון מיר און מיין גאַנצע משפחה. נאָך מיין טויט וועט די שכנטע נעמען דעם אַלבום און געבן די קינדער. זיי וועלן די בילדער פאַרשמירן, צערייסן און אַרויסוואַרפן אויפן מיסט. ביי אייך איז ער זיכערער. איר וועט אים אָפּהיטן.

איך האָב גענומען דעם אַלבום מיט זיך. אין דער גאַס איז שוין גע־ווען אָוונט. און כאָטש דער וועג צו מיר אַהיים איז געווען א ווייטער, האָב איך זיך נישט געזעצט אויפן טראַמוויי. כ'האָב נישט געוואָלט זיך לאָזן איבעררייסן די שטימונג. איך בין געגאַנגען צופוס. האָב זיך פאַרפּלאָנ־טערט אינעם געוועב פון גאַסן, געבלאָנדזשעט, און ערשט שפּעט אין אָוונט אָנגעטראָפן אַהיים.

אין דער היים האָב איך אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך אַוועקגעזעצט איבערקוקן דעם אַלבום. איך זע נישט גערן פאָטאָגראַפיעס, וואָס שטעלן פאָר מענטשן אין שטייפע פּאָזעס מיט פאַרגליווערטע פּנימער, וואָס זייער איינציקע טואונג בשעת־מעשה איז געווען קוקן גלייך אין אַפּאַראַט אַריין, נאָר מענטשן אַראָפּגעכאַפּטע ביי דער אַרבעט, אין גאַנג, אויפן פאָן פון

פעלד, באַרג און טייך. נישט נאָר דער מענטש בלייבט דעמלט אויפן טאָוול, נאָר אַ מאָמענט לעבן, אַ חלק פון דער נאַטור. ערשט די טעטי־קייט און די נאַטור זענען מיר באַגלויבטע עדות, אַז דער מענטש האָט טאַקע אויף אַן אמת געלעבט.

כמעט אַלע מענטשן פון דעם אַלבום זענען שוין טויט, אָבער די ביל־דער לעבן. זיי ווייזן פאַרגאַנגענע יאָרן, אַלטן לעבנסשטייגער, געוועזענע קליידער־מאָדעס און האָר־פריזורן. און אויף דער צווייטער זייט דערציילן זיי דורך צושריפטן פון בענקשאַפט און דערוואַרטונג, פון ליבע און פריינטשאַפט און אַלץ צום „אייביקן אָנדענק״, אייביקן, אייביקן. אויף ווייניקער האָט זיך קיינער פון זיי נישט פאַרמאָסטן. נישט אַלע מענטשן האָב איך געקענט, אָבער איך באַגעגן דאָרט אַ סך, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין דער שטוב און אַ סך, וועלכע די שטוב־מענטשן האָבן מיר אויפגעלעבט מיט די זכרונות וועגן זיי.

אָט איז יורא, דער וואָס איז געפאַלן אויפן פראָנט. ער איז נאָך אַ דריי־פיר יעריק קינד, אין קורצע הייזעלעך און אין אַ שטרויען היטעלע. ער רייט אויף אַ הילצערן פערדל. טאַטע און מאַמע פון רעכטס און פון לינקס האַלטן אים צו ער זאָל חלילה נישט אַראָפּפאַלן. אָבער שפּעטער מיט יאָרן, ווען מען האָט אים אין דער שלאַכט גענומען, ווען ער האָט געריטן שוין אויף אַן אמתדיק פערד און אַ דייטשע קויל האָט אים גע־טראָפן, ווו זייט איר געווען, זיין טאַטע־מאַמע ? ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פערד, אַראָפּגעפאַלן און שוין מער נישט אויפגעשטאַנען.

אָט איז זיין טאַטע. איז עס אויף אַן אמת טאַקע ער, דער אַלטער צעבראָכענער מאַן, וועלכן איך האָב געקענט ? די אַלטע האָט עס מיר פאַרזיכערט, אַנדערש וואָלט איך בשום אופן אין דעם נישט געגלויבט. ער איז שוין אויף די עטלעכע בילדער, וואָס געפינען זיך דאָ, נישט קיין יונגער, אַ עטלעכע און פערציקער. אָבער ווי קרעפטיק, פריש און פריי־לעך ער זעט אויס ! ער שטייט אויפן אייז אין סוועטער און אין די גליטש־שיך. לעבן אים אין ענלעכער קליידונג — זיין צווייט ווייב, אַ יונגע, שיינע פרוי פון עטלעכע און צוואַנציק. דער דרויסן איז אַ פראָסטיקער, נאָר יעדער הייסער אָטעם זייערער גיט אַ טשמעל דעם פראָסט, אַז ער פאַלט אָנמעכ־טיק צוריק הינטערווייַלעכטס.

ערגעץ־דאָ אויף דעם בילד דאַרף זיין מאַריע איוואַנאָוונאַ. ערגעץ־דאָ שטייט זי צווישן עטלעכע צענדליק אַנדערע טענצערינס פון באַלעט. איך מוז זי אַ ווייל זוכן. אָט האָב איך זי געפונען. זי איז אַ שמעטערלינג, וויברירט פול ליבע און ליידנשאַפט. די קאָלירטע פליגל צעשפּרייט, גרייטע צו פלאַטערן און פליען פון בלום צו בלום, שיכור פון זון און זאַפט. אָ, איך האָב זי שוין אַן אַנדערע געקענט. אין אָוונט פון איר לעבן. מיט איין קאָליר : בלייך און אָנמעכטיק, צוזאַמענגעבראָכן פון שיכרות.

און אָט איז קסעניע אַנדרעיעוונאַס מאַן. ער איז אַ סאָלדאַט אין דער צאַרישער אַרמיי. אַ שלאַנקער מיט פולע וואָנסעס, אין אַ רובאַכע און אין שטיוול, מיט אַ שווערד אין דער זייט. אויף אַ צווייטע פאָטאָגראַפיע איז ער שוין נישט שלאַנק, נאָר פולבלעך. די וואָנסעס שפּילן שוין נישט מער אַזאַ געהויבענע ראָל, ווייל מיט זיי קאָנקורירט אַ שיין־געשוירן בערדל. ער שטייט אין זיין פריזער־וואַרשטאַט אין אַ ווייסן כאַלאַט און ראַזירט אַ גאַסט. מסתמא האָט ער מער העלדישקייטן באַוויזן מיט דער בריטווע ווי מיט דער שווערד. נאָר פונדעסטוועגן האָבן זייביידע זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם מלאך־המות׳עם חלף.

קסעניאַ אַנדרעיעוונאַ, איז די איינציקע לעבעדיקן אין אַלבום. די לעצטע פון איר משפּחה. פאַראַן דאָרט פאָטאָגראַפיעס פון איר גאַנצן לעבן. איך זע זי וואַקסן פון אַ קינד ביז אַ מיידל, רייפן פון אַ מיידל ביז אַ פרוי, און דער וועג באַרג־אַראָפּ — ווערן עלטער, עלטער, עלטער. איז אפשר נישט בעסער שטאַרבן מיטאַמאָל, ביי די כוחות, ביי דער שיינ־קייט, איידער פאַמעלעך, שטופנווייז, טאָג־איין, טאָג־אויס. לאָזן זיך צע־קנייטשן דאָס פּנים, אויסקריכן די האָר, אויספאַלן די ציין, אויסקרומען דעם רוקן. לאָזן פון זיך חוזק מאַכן.

האָט קיינער פון זיי אַלע אין אַלבום נישט געהאַט אַזאַ זאַלב איינצו־שמירן דעם קערפּער, ער זאָל בלייבן יונג און פריש? האָט קיינער פון זיי נישט געקאָנט אַזאַ שפּרוך מיט אים צו פאַרטרייבן דעם טויט? אַך, קיי־נעם פון זיי איז נישט געלונגען צו בלייבן יונג. קיינעם פון זיי איז נישט געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר דעם טויט.

און פּלוצים דערזע איך זיך אַליין אין אַלבום. פון וואַנען נעם איך זיך אַהער צווישן די טויטע? אַ ציטער גייט מיר דורך דורך דעם לייב. כ׳האָב זיך דערמאָנט: צוריק מיט אַ יאָר האָב איך די פאָטאָגראַפיע דער אַלטער געשענקט. זי איז נישט בלייך געוואָרן, אַ סימן, אַז איך לעב. הערט איר טויטע, איך האָב געהונגערט, געגליווערט אין קעלט און אין נעץ, געוואַלגערט זיך איבער גאַסן, וואָקזאַלן, טשייכאַנאַס, אָבער איך לעב, איך לעב!

אוי, ווילט זיך איצט נישט שטאַרבן! נישט ווערן פאַרגעסן. די שכנטע זאָל וואַרטן און לויערן אויף מיין טויט, כדי ירשענען מיינע מלבו־שים. ווייל די ווערט פון דעם מענטש איז זייער געפאַלן. געפאַלן, ווי דער פּרייז פון אַן אַלטן פערד, וואָס אַליין האָט עס שוין קיין ווערט נישט, נאָר מען קויפט עס בלויז צוליב דעם, כדי פון אים אָפּצושינדן די פעל — זיינע מלבושים.

טונקל

נאָך עטלעכע שעה שטיין אין דער ריי פאַר דעם רעסטאָראַן, איז ענדלעך געלונגען פאַרבערן אַהין אַריינצוגיין. די שמחה איז אים אָבער באַלד פאַרשטערט געוואָרן: ס'האָט זיך שוין אויסגעלאָזט דאָס ברויט, פאַראַן בלויז אַ זופּ. ער ווייסט שוין פון דערפאַרונג, אַז אויב ער עסט אַ זופּ אָן ברויט שטילט ער זיך נישט דעם הונגער. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. ס'איז צוגעקומען אַ קעלנערין און אים געפרעגט:

— אַ זופּ?

ער האָט אַ שמייכל געטון:

— איר האָט דען עפּעס אַנדערש?

— יאָ, — זאָגט זי, ווי אין אַ פאַרלעגנהייט — טאַקע נישטאָ עפּעס אַנדערש.

זי איז אינגאַנצן נישט ענלעך אויף אַ קעלנערין, טראַכט ער בעתן עסן די זופּ. די אַנדערע קעלנערינס לויפן בהלהדיק אַרום, שרייען כסדר און בייזערן זיך אויף די געסט. זי באַוועגט זיך פּאַמעלעך און רעדט שטיל. זעט אויס אַביסל מבולבל, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אויף אַ פרעמדן יריד. זי איז מסתמא נישט לאַנג אין פאַך. מיטאַמאָל פאַלט אים איין: ביי איר קען מען פּרוּוון דאָס מזל.

ער טוט זי אַ פרעג:

— אפשר קענט איר מיר צוגעבן אַ שטיקל ברויט צו דער זופּ?

— נישטאָ מער. זיך געענדיקט — פאַרענטפערט זי זיך.

— יאָ, איך ווייס, אָבער — און ער הייבט צו איר אויף בעטנדיקע בליקן — איך בין הונגעריק...

זי שטייט אַ ווײַלע און קלערט, ווי זי וואָלט זיך מיט זיך אַליין באַראַטן. ענדלעך זאָגט זי אַזוי, ווי זי וואָלט נישט גערעדט, נאָר הויך פאַרגעזעצט צו קלערן:

— ברויט איז טאַקע נישטאָ — באמת, שוין נישטאָ... נאָר צוריק

מיט עטלעכע שעה האָט מען געגעבן בולקעס. איך האָב איינע איבערגע־
לאָזט פאַר מיר — איך וועל זי אייך ברענגען...

זי האָט אים געבראַכט די בולקע. ער האָט באַצאָלט זיבן רובל און שוין געוואָלט אין איר אַריינבייסן, נאָר מיטאַמאָל האָט עס אים אַ שלאָג־געטון אין קאָפּ אַריין: וואָס האָט ער דאָ געטון? ווי קען ער זיך פּלוצעם דערלויבן צו עסן אַ בולקע, ווען ער האָט נישט אויף קיין שוואַרץ ברויט?

— ער וועט זי נישט עסן. ווי לאַנג איז שוין אָבער, אַז ער האָט נישט פאַרזוכט קיין שטיקל חלה! די בולקע איז אַזאַ ווייסע, אַזאַ פרישע און שמעקט אַזוי מחיהדיק — אפשר פאַרט? ניין, ער טאָר נישט! די קעלנערין האָט אים טאָקע געטון אַ גרויסע טובה, אָבער ער קען פון איר נישט געניסן. ער וועט איר צוריקגעבן די בולקע.

פּלוצעם האָט ער לעבן זיך דערהערט אַ קול:

— ווו האָט איר גענומען די בולקע?

פאַר אים איז געשטאַנען עפּעס איינער אין אַ מיליטערישן מונדיר. מסתמא אַן אינוואַליד, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון דער מלחמה.

נאָך איידער פאַרבער האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט שוין פאַר אים געענטפערט איינער פון אַ שכנותדיק טישל:

— די קעלנערין האָט אים געגעבן.

דער אינוואַליד האָט טריומפירט:

— אַהאַ! אין אָרדענונג!

באַלד איז ער שוין געשטאַנען פאַר דער קעלנערין:

— נישטאָ קיין ברויט, אַה? פאַר מיר איז קיין ברויט נישטאָ, אָבער פאַר ד ע ם פאַראַזיט, זענען אַפילו בולקעס פאַראַנען!

די קעלנערין האָט אַ בלייכע געשטאַמלט:

— די בולקע איז געווען מיינע... איך האָב אַ רעכט מיר צו נעמען איינע... ער האָט געזאָגט, אַז ער איז הונגעריק — האָב איך זי אים געגעבן...

דער אינוואַליד האָט זיך איר נאָכגעקרימט מיט איראָניע:

— ער האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען הונגעריק... בלויז דערפאַר... און אפשר האָט ער דיר, טייבעלע, געגעבן מער אַ פינפערל, אַה?

פאַרבער, וועלכער איז געזעסן תחילת אַ צעמישטער, האָט זיך מיט־אַמאָל אַ ריס־געטון פון אָרט און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן דער קעלנע־רין און דעם אינוואַליד. ער האָט אים געזאָגט האַרב גלייך אין פּנים אַריין:

— זי האָט גענומען בלויז זיבן רובל, אַזויפיל וויפל ס'איז דער פּרייז. פאַרשטאַנען? טראָג זיך אָפּ!

דער אינוואַליד האָט אָפּגעמאָסטן מיטן בליק שווייגנדיק קודם פאַר־

בערן, דערנאָך די קעלנערין. ער האָט בדעה געהאַט צו טון אַ פּאַרפּאָר דעם פרעמדן אין פּנים אַריין, ער האָט זיך אָבער נאָך געפילט שוואַך, ערשט פון שפּיטאָל אַרויס, און באַשלאָסן נישט אײַנצומישן. כּדי נישט אײַנגאַנצן זיך צוריקצוציען, האָט ער געענדערט דעם טאָן:

— אַ־זוי. איצט פאַרשטיי איך... דו שלאָפסט מיט איר און זי קאַר־מעט דיך דערפאַר מיט בולקעלעך...

ער איז אָפּגעטרעטן, זיך צוריקגעזעצט צו זײַן טיש און אָנגעהויבן הויך אויפן קול צו רעדן ניבול־פּה וועגן די צוויי טייבעלעך. די אַרומיקע האָבן געקוקט פאַר געלעכטער.

פאַרבער האָט נישט געוואַגט אַ קוק צו טון אויף דער קעלנערין. ער האָט זיך געפילט פאַר איר שולדיק און שטיל אַרויסגעשליכט פון רעסטאָ־ראַן. ער האָט זיך געשלעפּט איבער גאַסן און אין דער האַנט געטראָגן די בולקע, ווי אַ פרוי טראָגט אויף די הענט אירס אַן אומגעזעצלעך קינד, וואָס זי האָט ליב און גלײַכצײַטיק שעמט זי זיך דערמיט.

פּלוצעם האָט ער דערזען גיין די קעלנערין. זי גייט שוין מסתּמא איצט פון דער אַרבעט אַהיים. ער האָט זי געוואָלט אויסמײַדן, נאָר איז איר געגאַנגען אַקעגן. ער האָט זי באַגריסט. זי האָט, ווײַזט אויס, פון עפּעס געטראַכט און פון זײַן באַגריסונג אַ דערשראָקענע זיך אויפגעוועקט. זי האָט אים דערזען און איר פּנים האָט זיך פאַרגאָסן מיט רויטקייט.

— זײַט מיר מוחל, — האָט ער געזאָגט — איך האָב אײַך פאַר־שאַפט עגמת נפש...

זי האָט געענטפערט:

— דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז ס'קומט מיר אויס צו ווערן באַליידיקט בשעת דער אַרבעט. נאָר איצט האָב איך נאָך געהאַט מזל — איר האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען...

ער איז מיטאַמאָל בײַ זיך געוואָרן ווידער חשוב און ער האָט דער־פילט אַ שטאַרקן באַגער פאַר איר עפּעס צו טון. ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אויסגערופן:

— הערט אויס, ס'איז שוין טונקל. די לעצטע צײַט באַפאַלט מען אָפט די פאַרבײַגייער און מען באַרויבט זיי, אָדער מען נעמט פון זיי אַראָפּ די מלבושים — דערלויבט מיר דערפאַר אײַך אונטערצופירן אַהיים. אין צווייען איז זיכערער...

2.

פון דעמלט, האָט ער כּסדר געזוכט אַ געלעגנהייט זיך מיט איר צו טרעפן. ער האָט זיך טיילמאָל אַליין געמוסרט און זיך געפרעגט, צי טוט

ער דאָס נישט דערפּאַר, ווייל זי אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן ? ווייל ס'איז פאַראַן אַן האָפענונג דורך איר צו קריגן אָפּצועסן ? — ניין. ער האָט נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק. זי איז אים געפעלן. גע־פעלן ווי אַ מענטש און ער איז זיך מודה : אויך געפעלן ווי אַ פרוי. זי איז נישט שענער פון אַ סך פרויען אַרום. זי איז אָבער פון זיי שטילער, צאַרטער, אַנדערש.

ער האָט זיך דערוווּסט : זי הייסט נאַטאַשע. איר מאַן איז געהרגעט געוואָרן אויפן פראָנט באַלד ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן. זי האָט פון אים אַ קינד. אַ ייִנגעלע. זי וווינט צוזאַמען מיט דער מוטער. אַן אָרעמע שטוב, נישטאָ מיט וואָס צו איבעררײַשן, זאָל ער דאָס וויסן פריער. איצט, אויב ער וויל, קען ער אַמאָל אַרייַנקומען.

ער האָט זי איינמאָל באַגלייט פון דער אַרבעט אַהיים און באַשלאָסן זיך מיט איר נישט צו געזעגענען, ווי געוויינלעך, פאַרן הויז, נאָר אַרייַנ־צוגיין. גלייך אין ערשטן צימער איז געזעסן אַ פרוי און געניייט אויף אַ מאַשין. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, דערזען דעם פרעמדן מענטשן מיט נאַטאַשען און זיך אויפגעשטעלט. גענומען אָפּרייניקן די פאָדעם און די שטיקלעך אָפּפאַל פון שטאָף אויף איר קלייד.

דאָס איז געווען איר מוטער. אַ הויכע און אַ דאַרע. דאָס פּנים צע־קאָרטשעט ווי אַ געטרוקנטע פלוים. האָר — שוואַרצע, אָבער דאָ און דאָרט דורכגעוועבט מיט גראָ. קיין איין פאַררונדיקט אבר אין איר גוף. פון אויבן ביז אַראָפּ — ברעטערדיק־פלאַך. ביי יעדער באַוועגונג אירער, ווי ער וואָלט געהערט קנאַקן ביינער. ער האָט פאַר איר מורא באַקומען.

ס'איז באַלד געקומען צולויפן דאָס ייִנגעלע. אַ לעבעדיקס, מיט אַ בלאָנד טשופּרינעלע און מיט בלאָע, כיטרע אייגעלעך. ער איז אַריין מיט אַ געפּילדער, נאָר דערזעענדיק דעם פרעמדן, איז ער שטילער געוואָרן. זיי האָבן געגעסן וועטשערע און אים אויך מכבד געווען. דערנאָך האָט די אַלטע גענומען אויסטון דאָס ייִנגעלע, געלייגט עס שלאָפן אין צווייטן צימער. שווייגנדיק געוואַשן דאָס געשיר, אויסגעקערט דעם דיל און צום סוף מיט „אַ גוטע נאַכט" זיך געזעגנט און אויך אַוועק שלאָפן אין אַנ־דערן צימער.

— איר זענט גאָרנישט ענלעך צו אייער מאַמען — האָט פאַרבער געזאָגט נאַטאַשען.

— איך בין ענלעך צום טאַטן — האָט זי געענטפערט.

— דער טאַטע אייערער איז אויף דער מלחמה ? — האָט פאַרבער פלוצעם זיך געכאַפּט, אַז דעם טאַטן האָט זי קיינמאָל נישט דערמאַנט.

— ניין. ער איז פאַרזיצער פון אַ קאָלכאָז נישט ווייט פון דאַנען. פאַרבער האָט נישט פאַרשטאַנען :

— פאַרוואָסזשע לעבט ער דאָרט און איר — דאָ ?

— ווייל ער איז זיך צעגאַנגען מיט דער מאַמען. ער האָט דאָרט אַ צווייטע פרוי און קינדער.

— און איר האָט דאָ געוווינט די גאַנצע צייט מיט דער מאַמען. אַפילו נאָך דער חתונה אויך ?

— ניין. נאָך דער חתונה, האָב איך אין ערגעץ נישט געוווינט.

— אין ערגעץ נישט ? ווי איז דאָס מעגלעך ? — האָט זיך פאַרבער געחידושט.

— פשוט, מיין מאַן איז געווען אַ געאָלאָג. ער האָט זיך כסדר געפּו־נען אין אויספאָרש־עקספּעדיציעס און איך האָב אים באַגלייט אויף זיינע וואַנדערונגען. אַפילו דאָס קינד האָב איך געבוירן אין וועג. דאָס איז גע־ווען די אינטערעסאַנטסטע צייט פון מיין לעבן. איך בין געווען אַזוי נאָענט צו דער נאַטור. געשלאָפן אין אַ געצעלט. מיין מאַן האָט געזוכט אוצרות טיף אין דער ערד און איך האָב זיי געפונען אויף דער ערד, אַרום זיך, אויף יעדן טריט. די מענטשן מיט זייער רעש זענען מיר געוואָרן פרעמד. איך האָב וויניקער מורא געהאַט פאַר דעם אַראָפּקוקן אין אַ תהום פון טויזנט מעטער, איידער אַ טראַכט־טון וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זיינע דאגות און צרות.

— איר האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר דעם לעבן ?

— ס'איז מיר נמאס געוואָרן נאָך אין די קינדער־יאָרן. די מחלוקתן צווישן טאַטן מיט דער מאַמען האָבן אויף מיר זייער שטאַרק געווירקט. איך האָב אַ סך געליטן. איך האָב זיך דעמלט פאַרשווירן קיינמאָל נישט חתונה צו האָבן. אַ פרוי איז אָבער אַ שוואַך באַשעפעניש. זי מוז האָבן אַן אָנשפּאַר. איך ספק צי איך האָב מיין מאַן אויף אַן אמת ליב געהאַט ער האָט כסדר געקלערט פון דער ערד און איך — פון דעם הימל. זענען מיר זיך אָפּט טאַקע געווען איינער פון צווייטן אַזוי ווייט ווי דער הימל פון דער ערד... ווי ער איז אַוועק אויף דער מלחמה, האָב איך גלייך דער־פילט, אַז ער פעלט מיר. אַדאַנק אים האָב איך דאָך יאָרן געקענט זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל און זיך שיצן פאַר די טאָג־טעגלעכע דאגות. מיין מאַן איז אַוועק אויפן פראָנט און פאַר מיר האָט זיך דאָ געעפנט אַ צוויי־טער : — צו קעמפן פאַר מיר און פאַר מיין קינד. איך בין לחלוטין נישט געווען דערצו צוגעגרייט. פון דעם לעבן אין די בערג און אין די מדבריות בין איך געוואָרן אַ האַלב־ווילדע. צופעליק האָב איך געפונען אַרבעט אין דעם רעסטאָראַן.

— מען דערקענט טאַקע גלייך, אַז איר זענט נישט פון פאַך. די אַנדערע קעלנערינס קוקן אויף יעדן גאַסט מיט רוגזה, ווי ער וואָלט געקו־מען בלויז זיי פערזענלעך אַוועקנעמען דאָס עסן, נאָר איר —

זי האָט אים איבערגעריסן:

— רעדט נישט קיין שלעכטס אויף זיי. אַ גאַנצן טאָג לויפן זיי אַרום, הערן אויס טענות און תרעומות פון די געסט. דידאָזיקע אַרבעט האָט מיך שוין אויך גענוג אָפּגעטעמפּט. בעת איך קום אַהיים ביינאַכט, בין איך נישט אימשטאַנד מער צו לייענען אַ בוך. שרייבן, איז מיר שוין אַוודאי נישט מעגלעך.

— וואָס שרייבט איר? אַ טאגבוך?

זי איז רויט געוואָרן, ווי ער וואָלט זי געכאַפּט ביי אַ גנבה און האָט געשמאַלט:

— נישט קיין טאגבוך... איך שרייב לידער...

אויף דעם האָט ער זיך שוין אינגאַנצן נישט געריכט. ער איז געוואָרן נייגעריק:

— אפשר וועט איר מיר עפּעס פאָרלייענען?

— ניין, ניין. איר וועט זיך אַנטוישן...

— פאַרוואָס?

— ווייל איך שרייב נישט וועגן קאָלכאָזן, נישט וועגן פאַבריקן און אַפילו נישט וועגן העלדן פון דער רויטער אַרמיי...

— זעט איר, דערמיט האָט איר מיך געמאַכט נאָך נייגעריקער.

זי האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט און אים געפּרווט וואָרענען:

— טרויעריקע לידער... מרה־שחורהדיקע...

ער האָט זיך איינגעעקשנט:

— לייענט, לייענט, איר וועט מיך נישט אָפּשרעקן...

זי האָט אָנגעהויבן צו לייענען. די פּאַמירער בערג. זיי שטייען איינגעהילטע אין בלאָע וואָלקנס. די זון גייט אויף העכער און די וואָלקנס ווערן שיטערער, צעשווימען. פעלדזן־שיפּועים, אָפּגרונטן. אַ שדל, וואָס היט די אוצרות פון די בערג שפּילט אויף אַ פליים אַ ליד. פון אַ שפּאַלט קריכט אַרויס אַ שלאַנג, הייבט אויף דעם קאָפּ, הערט זיך צו... די מדבר קאַראַ־קום. נאַכט. דער טייפון האָט ערשט איינגעשטילט. אַ קאַראַוואַנע ליגט פאַרשיט פון זאַמד. איין קעמל בלויז איז געבליבן לעבן. ער ציט אויס אַ דאָרשטיקער דעם האַלדז נאָך אַ טרונק. דער האַלדז ווערט לענגער און לענגער. דערגרייכט דעם הימל. דער קעמל נעמט שלינגען די שטערן, נאָר זיי זענען אַזוי הייס און טרוקן ווי דער זאַמד. דער הימל איז אויך אַ מדבר. ער ציט צוריק דעם האַלדז. שטאַרבט. דער סאַקסאַאול־בוים. ער שטרעקט אויס זיינע משונהדיק־פאַרקריפּלטע אברים. וויל זיי אויסגלייכן. וויל זיך אויפוויקלען, נאָר קען זיך נישט באַפרייען פון אייגענעם פלאָנטער.

זי לייענט און ער קוקט אויף איר, קוקט. דאָס איז דאָך נישט די

קעלנעריין פון רעסטאָראַן. גאָר אַן אַנדערע. ער דערמאָנט זיך: אין איי־
נעם אַ זומער־טאָג איז אַ פייגעלע אַריינגעפלויגן דורכן אָפענעם פענצטער
צו אים אין צימער. ער האָט עס געוואָלט כאַפּן. ס׳האָט געפלאַטערט —
געפלאַטערט ביז ס׳איז אַרונטער אונטערן בעט. ער האָט אַוועקגערוקט
דאָס בעט און עס דערזען. ס׳איז געשטאַנען שטיל, ציטערדיק, גרוי, ווי
אַ מייזל. ער האָט פאַרלוירן דעם גאַנצן אינטערעס דערצו. גענומען עס
און אַ וואָרף געטון אין אָפענעם פענצטער. דאָס האָט צעגעמען די פליגל,
אַ שוועב געטון, אַ זינג — און ס׳איז געוואָרן ווידער אַ פויגל.

איז דען נישט איצט געשען מיט אים און נאַטאַשען דאָסזעלבע ווי
דעמלט מיט יענעם פויגל?

.3

ער האָט געפילט, אַז די ביידע פרויען האָבן גערן, אַז ער קומט צו
זיי. פון דער מאַמע, איז דער מאַן אַוועק. ביי דער טאָכטער, איז דער
מאַן געהרגעט געוואָרן. אַ מאַנסביל ברענגט צוריק אַריין חשיבות אין
שטוב. ביז איצט האָט זיך דער אַלטער געדאַכט, ווי זי וואָלט געהאַט צוויי
קינדער. ווי דאָס אייניקל וואָלט געווען איר מוזיניק. נאַטאַשע האָט זיך
גוטוויליק אונטערגעגעבן, נאָר מיט דעם אייניקל דימאַ, איז עס געגאַנגען
שווערער.

מיט דער מאַמען האָט זיך דימאַ בכלל נישט גערעכנט. ער האָט
געקענט איר שוואַכקייט. פלעג אַמאָל אַריינפאַלן אַ שכנטע מיט אַ געשריי,
אַז דימאַ האָט פאַרטשעפּעט איר קינד, צי אויסגעשלאָגן אַ שויב אין
אירס אַ פענצטער, איז נאַטאַשע געשטאַנען אַ בלייכע, אַ שולדיקע, ווי זי
אַליין וואָלט דאָס אָפּגעטון. אנשטאָט זי זאָל אויף אים דערנאָך שרייען,
אָדער אים שלאָגן, איז זי געזעסן און שטיל געוויינט.

פאַר דער באָבען האָט ער שוין יאָ אַביסל מורא געהאַט. פון רעסט־
וועגן פלעג ער ביי איר גנבענען קנעפּ, וואָס זי פלעגט באַנוצן צו די קליי־
דער. די אַלטע פלעגט זוכן, נישטערן אין יעדן ווינקל אפשר האָבן זיי זיך
אַהין פאַרוואַלגערט. איינמאָל האָט זי אים געכאַפּט ביי דער גנבה. פון
דעמלט, ווען ס׳פעלט איר אַ קנאָפּ, נעמט זי דעם בעזעם און שלאָגט אים
אָן. האָט ער טאַקע פאַר איר מורא, אָבער אַלץ נישט קיין דרך ארץ.

עפּעס אַ פחד פאַר איר האָט אויך פאַרבער, הגם זי האָט אים חלילה
נאָך נישט געזאָגט קיין שלעכט וואָרט. ס׳פלעג זיך מאַכן, אַז ער איז
אַמאָל געקומען אין שטוב אַריין און נישט געטראָפן נאַטאַשען. געדאַרפט
אויף איר צוואַרטן. די אַלטע פלעג זיצן און שווייגן. געגנוג געווען עטלעכע
מינוט, אַז דאָס שווייגעניש זאָל אים ווערן אומהיימלעך. עפּעס אַזאַ גע־

דיכטע, שווערע שווייגעניש, וואָס דראָט יעדע רגע אויפצורייסן. פון וואַ־
נען נעמט זיך אַזאַ מרה־שחורה צו דער דאָזיקער פרוי? נעמט זיך עס
פון דעם, וואָס באַלד נאָך דער חתונה האָט זי דער מאַן פאַרלאָזט, אַוועק
צו אַ צווייטער פרוי, און זי איז געגאַנגען דורכן לעבן איינע אַליין, אַ
פאַרשעמטע, אַ באַליידיקטע? און אפשר איז זי תמיד געווען אַזאַ און
דערפאַר האָט זי דער מאַן איבערגעלאָזט? זי זעט אויס איצט, ווי איינע,
וואָס שטעלט שוין דעם לעבן נישט קיין שום פראַגן און פאָדערונגען. זעט
אויס, ווי אַ ברונעם, וואָס זיין קוואַל האָט שוין פון לאַנג אויסגעטריקנט
און איצט איז אַ פּחד אַראָפּצוקוקן אין זיין טונקלער טיף.

מאָרגנע: נאַטאַשע איז דאָך לחלוטין נישט ענלעך צו דער מוטער.
נישט מיטן פּנים, נישט מיט דער וווקס, נישט מיט די האָר, און כאָטש
אַזוי, דאַכט זיך אים פון טאָג צו טאָג אַלץ מער, אַז עפּעס איז יאָ דאָ
ענלעכס צווישן ביידע. איז נישט נאַטאַשעס פאַמעלעך רעדן, באַוועגן זיך
און טון אַן ערב צו דער מוטערס פאַרגליווערטקייט?

דער אַלטערס שווערע, געדיכטע שווייגעניש האָט טאַקע איינמאָל
אויפגעריסן. אין איינעם אַן אָוונט, איז נאַטאַשע געקומען צו אים צולויפן
אַ בלייכע, אַ פאַרוויינטע. וואָס איז געשען? — די מוטער האָט באַקומען
אַ נערוון־אָנפאַל.

ער איז מיט איר געגאַנגען אַהיים. אין שטוב זענען געווען עטלעכע
שכנטעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אַלטער. זי איז געלעגן אויף
דער ערד, געשריגן און זיך געוואָרפן. די האָר זענען איר געווען צעשוי־
בערט, פון מויל האָט געזעצט אַ שוים. ווען ער איז אַריינגעקומען אין
שטוב אַריין, האָבן אים די ווייבער געמאַכט אַ וועג מיט דרך ארץ ווי פאַר
אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָס וועט באַלד ברענגען די הילף. ער איז אָבער גע־
שטאַנען אַ פאַרלוירענער און בכלל נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס נאַ־
טאַשע האָט אים גערופן און אין וואָס באַשטייט איצט זיין ראָל.

ווייזט זיך אַרויס, אַז עמעצער האָט שוין געהאַט טעלעפאָנירט צו
דער גיכער הילף. ס'איז אָנגעקומען אַן אויטאָ און די אַלטע אַוועקגענומען.
די שכנטעס זענען זיך צעגאַנגען. ער איז געבליבן בלויז מיט נאַטאַשען.
זי האָט זיך צו אים געטוליעט און אים געבעטן:

— גיי נישט אַוועק! בלייב אַביסל! דאָס איז דאָך מיין מאַמע. איך
האָב זי דאָך אַזוי ליב און פּלוצעם האָב איך פאַר איר מורא באַקומען!

שפּעטער האָט זי אים דערציילט, אַז דאָס איז נישט דער ערשטער
נערוון־אַנפאַל ביי דער מוטער. דאָס האָט שוין געטראָפן מיט איר עטלעכע
מאָל. ס'דויערט אָבער נישט לאַנג. עטלעכע וואָכן ליגט זי אין שפּיטאָל
און קומט ווידער צו זיך. זי האָט מסתמא דאָס געזאָגט, כדי אים אַביסל
צו באַרויקן, נאָר ער האָט זיך בכלל נישט דערפון באַרויקט. הייסט

עס, אַז דאָס איז נישט געקומען צופעליק. די מרה־שחורה ביי איר איז בלויז אַ מילדע הפסקה צווישן איין אנפאַל און דעם צווייטן. און וואָס איז מיט נאַטאַשען ?

ער איז מיט איר אַמאָל געגאַנגען אויף אַ באַזוך צו דער מוטער אין שפּיטאָל. זי האָט איר געבראַכט אַביסל פּירות. נאָך דעם ענדיקן דעם באַזוך זענען זיי געזעסן אויף אַ באַנק אין גאָרטן. דאָס שפּיטאָל האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח און איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערן. דאָ און דאָרטן האָבן לייכט־קראַנקע שפּאַצירט איבער די ביימער־אַלייען, אָדער געלעגן אין גראָז. דאָס שפּיטאָל האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרוואָרפן אינדזל צווישן ימים. ס'האָט זיך גאָרנישט געוואָלט גלייבן, אַז פון יענער זייט איז דאָ אַן אַנדערע וועלט. פאַרבער האָט געקוקט אויף די פייגל, וואָס זענען געפלויגן איבער די מויערן און געזינגען און האָט זיך געפרעגט: געהערן זיי צו דער זייט, צי צו יענער ?

פלוצעם האָט אים נאַטאַשע איבערגעריסן די מחשבה:

— צי מיינסטו נישט, אַז די פייגל דאָ זינגען אַזוי ווי איך — וועגן די בערג, וועגן דער מדבר, וועגן טויט ?... הער זיך נאָר גוט צו...

ער איז געזעסן נאָך לאַנג אין גאָרטן, מיט איר גערעדט און געפּרוווט געפינען די וועגן, וואָס פירן פון דער מוטער צו דער טאָכטער, נאָר דאָ האָט ער אַנטדעקט אַ וועג, וואָס פירט נאָך ווייטער: אַזש ביז צו דער מוטערס פאָטער — צו איר זיידן. זי האָט דערציילט:

— מיין זיידע האָט געשטאַמט פון לעבן ראָסטאָוו. ער האָט נאָך אין די יונגע יאָרן אָנגעהויבן שטאַרק צו טרינקען. צוליב דעם איז ער זייער פאַראָרעמט געוואָרן. זיינער אַ גוטער פריינט, וואָס האָט זיך גע־פונען אין טאַשקענט, האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל קומען אַהין, ווייל דאָרט קען מען לייכט מאַכן אַ פאַרמעגן. ער האָט זיך אַהער אַריבערגע־קליבן, אָבער רייך געוואָרן איז ער נישט, פאַרקערט: די נויט אין שטוב איז נאָך גרעסער געוואָרן. ער האָט דאָ נאָך מער געטרונקען ווי פריער. כמעט יעדן אָוונט איז ער אַהיימגעקומען אַ שכורער, פלעג מיך נעמען אויף די קני און זינגען לידער פול מיט טרויער און בענקשאַפט צו דער רוסישער ערד. ער האָט אין מיר אַריינגעזינגען די דאָזיקע בענקשאַפט און דעם דאָזיקן טרויער, אַז איך קען מיך ביז היינט פון אים נישט באַפרייען. איצט זינג איך איבער זיינע לידער, נאָר מיט אייגענע ווערטער, און מיין לאַנדשאַפט איז אויך אַן אַנדערע: נישט קיין סטעפּ, נאָר מדבר. נישט קיין וועלף, נאָר שאַקאַלן, און נישט קיין שניי־זאַווערוכעס, נאָר טייפונען...

שנעל איז צוגעפאַלן די נאַכט. ס'האָבן זיך באַוויזן עטלעכע סאַני־טאַרן און אָנגעהויבן צו טרייבן די קראַנקע צוריק צו זייערע צימערן. ס'האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ פּחד: וואָס וועט ער טון, אויב זיי

וועלן אים אויך הייסן אַהין גיין? זיי קענען נאָך פאַרמאַכן דעם טויער און אים נישט מער אַרויסלאָזן פון דאַנען. ער וועט דאָ בלייבן איבער נאַכט, דעם מאָרגנדיקן טאָג, אויף תמיד... ער האָט אַ כאַפּ־געטון נאַטאַשען פאַרן אָרעם.

— קום, — האָט ער געזאָגט און זיין קול האָט געציטערט — לאָמיר גיין! ס'איז שפּעט!

ער איז מיט איר נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן, און די גאַנצע צייט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמעצער יאָגט זיי נאָך.

.4

נאַטאַשע האָט זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן, אַז זי איז נישט געזונט. לויט די סימנים, וואָס זי האָט אָנגעגעבן, האָט עם געדאַרפט זיין אַ האַרץ־קראַנקהייט. אָט האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס האַרץ האָט איר אַ שטאַרקן צאַפּל געטון, אַז ס'האָט דאַרט אַ שטאָך געטון, אַז בעתן גיין, באַזונדערס אויף טרעפּ, פילט זי אַ מידקייט, קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דאָס לעבן אירס הענגט אויף אַ האָר, זי קען יעדע רגע אַוועקפאַלן און שטאַרבן.

נאָר אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו באַקלאָגן אויפן מאָגן. ער פאַרדייעט שלעכט. זי האָט קראַמפּן. זי מוז זיין זייער אָפּגעהיט מיטן עסן. זי האָט מסתמא דאַרט אַ געשוויר, אפשר גאָר אַ ראַק. אין איינעם אַ טאָג, וועט זי זיך מוזן אַוועקלייגן אין בעט אַריין און וועט שוין מער פון אים נישט אויפשטיין.

שפּעטער, האָט זיך איר יעדעס מאָל אויסגעדאַכט, אַז זי האָט געהעכערטע טעמפּעראַטור. דאָס מוז זיך נעמען פון עפּעס אַ קראַנקהייט, וואָס איז נאָך דערווייל געהיים, וואָס שטעקט ערגעץ באַהאַלטן אין גוף און אַז זי וועט זיך אַרויסווייזן, וועט שוין זיין שפּעט זי צו היילן. ביי יעדער געלעגנהייט, פלעגט זי אַרונטערלייגן דעם טערמאָמעטער אונטערן אָרעם און מעסטן די היץ.

פאַרבער האָט זיך באַמיט איר צו איבערצייגן, אַז ס'איז נישט מעגלעך יעדע עטלעכע וואָכן קראַנק צו ווערן אויף עפּעס אַנדערש. דאָס זענען בלויז איינרעדענישן. זי דאַרף זיך נעמען אין די הענט אַריין. אויף יעדן פאַל, קען זי אַמאָל אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר און אים פרעגן ווי ס'האַלט מיט איר געזונט. נאָר זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין צו אַ דאָקטאָר. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָקטאָר איז סיי ווי נישט אימשטאַנד זי צו היילן. זיין איינציקער אויפטו וועט זיין: די קראַנקהייט פעסטצושטעלן.

זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן די אַרבעט. אָפּט פאַרשפּעטיקט. אין די וואָכנטעג האָט זי זיך נאָך ווי ס'איז געהאַלטן, ערגער איז געווען זונטיק, צי אין אַן אָפּרו־טאָג. אָנשטאָט צו מאַכן אַביסל אָרדענונג אין שטוב, וואַשן צי פּרעסן, זיך פאַרנעמען מיט דימאַ'ן, איז זי געלעגן אין בעט. אונטערן קישן האָט זי געהאַלטן אַ שפּיגעלע. יעדעס מאָל אין אים אַ קוק־געטון און געפּרעגט פאַרבערן:

— איך בין נישט ענלעך צו דער מאַמען, אַה? — איך בין אין גאַנצן געראָטן אין טאַטן.

ס'האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס וואָס זי איז נישט ענלעך אויסערלעך צו דער מוטער, איז אויך ערוב פאַר דעם, אַז זי איז צו איר נישט ענלעך אינערלעך, אַז זי וועט נישט ירשענען איר קראַנקהייט.

פאַרבער האָט געמיינט, אַז דאָס, וואָס זי זוכט זיך אוים יעדעס מאָל אַן אַנדערע קראַנקהייט, נעמט זיך מחמת שרעק פאַרן טויט. האָט ער זיך דערוויסט עפּעס לגמרי אַנדערש: זי האָט שוין עטלעכע מאָל גע־פּרוווט באַגיין זעלבסטמאָרד.

וועגן איינעם אַזאַ פּרווו האָט זי אים דערציילט:

— צוריק מיט אַ יאָר, בין איך אין אַ ווינטער־נאַכט געזעסן איינע אַליין אין ערשטן צימער. די מאַמע און דימאַ זענען געלעגן אין צווייטן צימער און געשלאָפן. איך האָב געלייענט אַ בוך, אָדער געצירעוועט אַ פּאָר זאָקן — דאָס געדענק איך שוין נישט גענוי. פּלוצעם פאַלט מיר איין, אַז איך דאַרף באַגיין זעלבסטמאָרד. פאַרוואָס? — איך ווייס נישט. און זעלבסטמאָרד דאַרף איך באַגיין אין קעמערל אויפן הויף, דאָרט ווו מיר האַלטן דאָס האָלץ און הענגען אויך אויף די וועש צום טרוקענען. אויף אַ שטריק אויף וועלכן מען הענגט אויף וועש, דאַרף איך גיין און זיך אויפהענגען. דאָס איז פאַר מיר געווען נאַטירלעך, ממש אומפאַרמיידלעך.

איך עפן אויף די טיר, כדי זיך צו לאָזן אין הויף אַריין און פון דאָרט אין קעמערל און פּלוצעם זע איך דעם דרויסן. ס'איז אַ ווינטער־נאַכט, אַ לבנהדיקע. אַ פרישער, קלאָרער שניי ליגט אויסגעשפּרייט אויף דער ערד און איבער די דעכער. איך באַקום מיטאַמאָל חרטה. די וועלט איז דאָך אַזוי שיין, פאַרוואָס זאָל איך פון איר אַוועק?

איך וויל שוין צוריקגיין אין שטוב אַריין, ווי איך פיל, אַז עפּעס אַ געהיימער כוח האַלט מיך אָפּ און טענה'ט צו מיר:

— איינמאָל באַשלאָסן, איז פאַרפאַלן! נישטאָ קיין וועג אויף צוריק!

איך בלייב שטיין אויפן אָרט. נישט אַהער — נישט אַהין. איך בעט זיך:

— אָבער איך בין דאָך יונג! די וועלט איז אַזוי שיין און איך וויל לעבן!

נאָר „ער“ ענטפערט מיט כעס:

— דאָס גייט מיך נישט אָן! צוואָס האָסטו מיך גערופן, אַה? — כדי פון מיר חוזק צו מאַכן? דו מוזסט! דו מוזסט גיין.

און איך בין געגאַנגען...

זי האָט פאַרענדיקט דערציילן. פאַרבערן איז דאָס אָבער געווען נאָך ווייניק.

— און וואָס איז געשען ווייטער? — האָט ער געפרעגט.

— ווייטער, איז שוין די מעשה נאַריש. אַ שכן איז צופעליק דורכגעגאַנגען דורכן הויף און האָט באַמערקט די אָפענע קאַמער (איך האָב פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר). ס'איז אים געוואָרן פאַרדעכטיקט, ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַ גנב. ער איז אַריינגעגאַנגען אין קאַמער, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און מיך דערזען פאָרען זיך ביי דער תליה. ער האָט מיך פון דאָרט אַוועקגעשלעפּט. אויף צומאָרגנס זענען די שכנטעס געלאָפן אין קעמערל, כדי זיך צו טיילן מיט דעם שטריק. ס'איז מזלדיק. איך האָב זיך דאָך אָבער נישט אויפגעהאנגען. נו, זעסטו — נישט געווען מער אינטערעסאַנט...

איינמאָל איז ער געקומען צום רעסטאָראַן, כדי נאָכן ענדיקן פון דער אַרבעט מיט איר צוזאַמען אַהיימצוגיין, נאָר דאָרט האָט ער זיך דערוויסט, אַז זי איז היינט אין גאַנצן נישט געקומען. ער איז גלייך צו איר געגאַנגען און זי געטראָפן ליגן אין בעט. זי פילט זיך נישט גוט. דאָס איז שוין מסתמא נישט קיין פאַריבערגייענדיקע זאַך, האָט זי געזאָגט. צוליב דעם, האָט זי טאַקע אַוועקגעשיקט דימאַ'ן צו אירער אַ מומע. זי קען זיך מיט אים נישט מער פאַרנעמען. ביי איר בעט איז געזעסן אַ שכנטע און געהאַלטן אין איין רעדן און געבן עצות. פאַרבער האָט נאָר צוליב העפלעכקייט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

ווען ס'איז געוואָרן שפּעטלעך, האָט פאַרבער פאָרגעשלאָגן דער שכנטע, אַז זי זאָל מיט אים צוזאַמען אַריבערגיין אין צווייטן צימער. ער וויל פאַרלעשן דאָס ליכט, אפשר וועט נאַטאַשע אַנטשלאָפן ווערן.

נאַטאַשע, וועלכע איז די גאַנצע צייט געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיי פּלוצעם געעפנט און געפרעגט מיט שרעק:

— וווהין ווילט איר גיין?

— מיר גייען אַריבער אין אַנדערן צימער. מיר שטערן דיר אַנטשלאָפן צו ווערן. — האָט פאַרבער געענטפערט — אויב דו וועסט עפּעס דאַרפן — טו אַ רוף.

אין צווייטן צימער האָט די שכנטע געזאָגט פאַרבערן:

— איך מיין, אַז איר פעסטעט זי צופיל. ווען זי וואָלט געהאַט אַ מאַן, וואָס זאָל זי אַביסל אויסקלאַפּן, וואָלט זי געוואָרן גאָר אַן אַנדערע.

איך זענט צו ווייך צו איר. און אפשר זענט איר אויך אַביסל נישט גאַר־מאָל, אַה ?

יאָ, פאַרבער פילט די גאַנצע צייט, אַז די ווייבער פון הויז קוקן אויף אים מיט חידוש, וואָס ער קומט צו נאַטאַשען. ס׳איז דאָך איצט אַ יקרות אויף אַ מאַנסביל. ער קען דאָך געפונען אַ שענערע, אַ יינגערע, און פאַר אַלעמען — אַ געזונטע.

די שכנטע איז אַוועקגעגאַנגען און ער איז געבליבן אַליין. וואָס האָט ער געזאָלט איר ענטפערן ? — אַוודאי האָט ער פון נאַטאַשען, ווי פון אַ פרוי, גאָרנישט געהאַט. ס׳זענען שוין געווען רגע׳ס, ווען אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט דערנענטערן זיי זיך, גיבן זיך איבער איינער דעם צווייטן, אָבער יעדעס מאָל האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן. זי איז פאַר אים מער ווי גוף. ער האָט אין איר געפילט עפּעס נישט ערדישס.

ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט אַ שטיל גערויש אין אַנדערן צימער. ער האָט לייכט אַ ריר געטון די טיר. דורך דער שפּאַרע קומט אַ שיין. זי האָט, הייסט עס, אָנגעצינדן דאָס ליכט. צוליב וואָס ? — ער האָט געעפנט די גאַנצע טיר. נאַטאַשע איז געשטאַנען אינמיטן צימער, בלויז אין העמד און צונויפגעבונדן צוויי גירטלען. ער איז צו איר צוגע־שפּרונגען :

— וואָס טוסטו ?!

נאַטאַשע האָט אַרויסגעשטויסן אַ געשריי. צוגעדריקט קראַמפּהאַפט צו זיך די גירטלען.

— גיב אַהער די גירטלען ! — האָט ער איר באַפוילן.

— איך וועל נישט געבן ! — האָט זי געזאָגט איינגעשפּאַרט און אויף אים געקוקט מיט ברענענדיקע, וואַנזיניקע אויגן — ס׳גייט דיך נישט אָן !

ער הייבט זיך אָן מיט איר צו ראַנגלען. פון וואַנען האָט זי אַזויפיל כוח ? געהיימע כחות זענען איר מיטאַמאָל צוגעקומען. תחילת ראַנגלט זי זיך מיט כעס, מיטן ציל זיך אַרויסצורייסן פון זיינע אָרעמס, נאָר באַלד פילט ער, ביים קאָנטאַקט פון די גופים, דאָס פאַרקערטע : איר כעס איז אַריבער אין ליידנשאַפט און זי טוליעט זיך און קלאַמערט זיך צו אים וואָס שטאַרקער. ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס האָט אין איר געטליעט, וויפל שטילע טענה צו אים האָט מיטאַמאָל אויפגעריסן ? אויך ער האָט אָפּט געחלומט דערפון, אָבער ער וויל עס בשום אופן פון איר נישט באַקומען בעת זי געפינט זיך אין אַזאַ וואַנזיניקן צושטאַנד. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט פון איר צו באַפרייען.

ס׳איז אים סוף כל סוף געלונגען. ער האָט זי צוריק אַריינגעלייגט אין

בעט אַריין. מיטאַמאָל זענען אירע כוחות אויסגערינען. זי איז געוואָרן שוואַך, זייער שוואַך. ווי אַ קליין קינד האָט זי געכליפּעט:

— אַפילו צום שטאַרבן האָב איך נישט קיין מזל... יעדעס מאָל שטערט מען מיר...

ער איז געזעסן ביי איר בעט די גאַנצע נאַכט און פון איר נישט אַראָפּגענומען קיין בליק. ער האָט מורא געהאַט, אַז זי קען ווידער פּרוון זיך נעמען דאָס לעבן. אינדערפרי, איז נאַטאַשע אויפגעשטאַנען פון בעט און געזאָגט פאַרבערן, אַז זי וויל נישט מער מאַטערן זיך און אים, זי וויל גיין אין שפּיטאָל אַריין. אויב מען וועט איר זאָגן, אַז זי איז געזונט, וועט זי אַהיימקומען. אויב נישט, וועט זי דאָרט בלייבן זיך צו היילן.

זי איז נישט צוריקגעקומען. פּונקט ווי זי האָט אויס מורא פאַרן טויט זיך געפּרוווט נעמען דאָס לעבן, פּונקט אַזוי, האָט זי אויס מורא פאַר משוגעת געזוכט אַ רעטונג אין דעם הויז פאַר משוגעים.

.5

פאַרבער האָט נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט די שטוב. ס'האָט זיך אַהין אַריינגעצויגן נאַטאַשעס אַ מומע. ביי איר איז אויך געווען דימאַ. אין אַ חודש־צוויי נאָך דעם ווי נאַטאַשע איז אַוועקגעגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין, איז דאָרט איר מוטער געשטאָרבן. ער איז אַמאָל געגאַנגען באַזוכן נאַ־טאַשען. זי האָט אָבער נישט געוואָלט צו אים אַרויסקומען. די שוועסטער האָט אים אויפגעקלערט, אַז זי איז זייער מאָגער געוואָרן, האָט אַן אָפּגע־שוירענעם קאָפּ און זי וויל זיך דערפאַר אין אַזאַ מצב פאַר אים נישט ווייזן.

ס'זענען אַוועק חדשים. אַ יאָר און צוויי.

ער איז אַמאָל געפאָרן אין טראַמוויי. ס'איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. דער טראַמוויי איז געווען איבערגעפּולט מיט מענטשן. די פענצטער זענען געווען אָפן און פון ביידע זייטן האָבן זיך מענטשן נאָכגעהאַנגען אָן טראַמוויי, זיך צוהאַלטנדיק ביי די פענצטער־ראַמען. דער טראַמוויי האָט אָנגעהויבן צו רירן פון דער סטאַציע און פּלוצעם גיט עמעצער פון יענער זייט פענצטער אַ ריס דעם פאָרטפעל פון זיין האַנט. ער האָט דאָרט געלט, און וואָס דער עיקר — זיינע דאָקומענטן. אָן זיי קען ער קיין שפּאַן נישט טון!

פאַרבער האָט גלייך געטון אַ שפּרונג דורכן פענצטער און אָנגע־הויבן נאָכלויפן דעם גנב. דאָס איז געווען אַ קליין יינגל. ער לויפט גיך און וויל פאַרשווינדן אין אַ זייטיק געסל. פאַרבער לויפט אים נאָך. ער איז שוין פון אים קוים עטלעכע טריט. ער האָט אים דערגרייכט. מיט איין

האַנט כאַפּט ער אים אָן פאַרן קאָלנער און מיט דער צווייטער — ביים פאָרטפּעל.

— לאָזט מיך אָפּ! — הייבט צו אים אויף דאָס ייִנגעלע בעטנדיקע אויגן. נאָר פּלוצעם בייט זיך אים דאָס פּנים און זיין קול איז געמישט מיט שרעק און מיט פרייד — דיאַדיאַ! דיאַדיאַ!

פאַרבער בלייבט שטיין אַ פאַרציטערטער: דאָס איז דאָך דימא, נאַ־טאַשעס ייִנגל!

שוין שטייט אַרום אַן עולם. עמעצער נעמט שרייען:

— די קליינע גנבים לאָזן נישט לעבן! מען איז פאַר זיי אין ערגעץ נישט באַוואָרנט. מען דאַרף זיי שלאָגן, ממיתן!

און ער גיט זיך אַ ריס צום ייִנגל מיט אַ געבײַלטער פויסט.

פאַרבער פאַרשטעלט דאָס ייִנגל מיט זיך.

— נישט שלאָגן! — שרייט ער צו יענעם — לאָזט אים איבער פאַר מיר. ער האָט ביי מיר געגנבעט. איך וועל אים פירן אויף דער פּאָליציי.

ער הייבט אים אָן אַרויסצופירן פון צווישן עולם. דער עולם צעגייט זיך פּאַמעלעך. פאַרבער האַלט אים שוין מער נישט פאַרן קאָלנער. גייט מיט אים אין איין ריי.

— פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אַ גנב? — פרעגט אים פאַרבער.

— ס'איז מיר נמאס געוואָרן ביי דער מומען. זי איז אַ שלעכטע, אַ בייזע! בין איך פון איר אַנטלאָפן. לעב מיר אַליין!

— און וואָס טוט די מאַמע?

דעם ייִנגלס שטים ווערט מיטאַמאָל טרויעריקער:

— זי איז נאָך אַלץ אין שפּיטאָל. זונטיק בין איך ביי איר געוועזן. געבראַכט איר פרוכטן.

— אפשר דאַרפסטו עטלעכע רובל? — פרעגט אים פאַרבער.

— ניין. איך דאַרף נישט! — ענטפערט דאָס ייִנגל האַרב.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ זייטיק געסל.

— טראָג זיך אָפּ! פאַרשווינד! — ווינקט צו אים פאַרבער.

דאָס ייִנגל גיט זיך אַ ריס מיט פרייד. ער לויפט אָפּ אַ שטיקל וועג, נאָר באַלד קערט ער זיך אום און גיט פאַרבערן אַ פרעג:

— ס'איז געווען אַסך געלט אין פּאָרטפּעל?

—דריי הונדערט רובל.

— אַזוי! — זאָגט דאָס ייִנגל מיט באַדויער — ס'איז נישט ווייניק.

נאָך איידער פאַרבער האָט באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, איז ער שוין נעלם געוואָרן. פאַרבער איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס מיט אַ געפיל פון שולד. דאָס געלט האָט אים געברענט, נישט ווי מען האָט עס געוואָלט ביי אים צוגנבענען, נאָר ווי ער אַליין וואָלט עס איצט ביי עמעצן געגנבעט.

אַ ייד שטאַרבט

אַ צייט האָט שמואל גרין געפּרוווט אויסבאַהאַלטן פאַר דער באַלעבאָסטע זיין שווערע קראַנקהייט. לגמרי באַהאַלטן האָט ער זי נישט געקענט, האָט ער זי כאָטש געפּרוווט אין אירע אויגן פאַרמינערן. איר געזאָגט, אַז זי איז געקומען אַנומלט פון אַ פאַרקילונג און וועט מסתם אינגיכן אַוועק. אין דער אמתן, האָט ער געוווּסט, אַז דאָס, וואָס ער קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און דער קאָפּ־שווינדל זענען ביי אים נישט קיין נייע זאַכן און נישט קיין צייטווייליקע, נאָר נעמען זיך פון זיין האַרץ, אויף וועלכן ער האָט אָנגעהויבן צו ליידן נאָך בעת ער האָט זיך געפונען אין געטאָ.

ער איז אַרומגעגאַנגען מיט די לעצטע כוחות, נאָר סוף כל סוף האָט ער זיך געמוזט אַוועקלייגן. אַז די באַלעבאָסטע גייט אַמאָל אַרויס פון שטוב, הויבט ער אויף די דעק, באַקוקט זיינע פיס. דאָס געשווילעכץ גייט פון טאָג צו טאָג אַרויף אַלץ העכער און העכער. אָט וועט עס צוקומען צום האַרץ — און שוין. דער סוף.

אַפילו אַז די באַלעבאָסטע גייט אַוועק, האָט ער נישט דאָס געפיל, אַז ער איז אַליין מיט זיך. זי לאָזט איבער אין צימער שומרים, וואָס זאָלן אים היטן. דאָס זענען די הייליקע בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט. אויף אים קוקן כסדר אַראָפּ יעזוס, מאַריע און די אַפּאָסטאָלן. זיי זענען אַמאָל אויך געווען יידן און זענען טאַקע איצט אין אומחן ביי ד׳ דייטשן, אָבער ווי יידן, וואָס האָבן געדינט די דייטשן און דערנאָך, ווען זיי האָבן שוין פאַר זיי אָפּגעטון די אַרבעט — דאַרף מען זיי פאַרניכטן.

ער דרימלט, וועקט זיך אויף, דרימלט ווידער איין, פאַרלירט די גרענעץ צווישן מחשבה און חלום. מערקווירדיק, ביידע פירן אים יעדעס מאָל צוריק צו די קינדער־יאָרן, צום שטעטל. דעם מענטשנס לעבן איז נישט קיין גלייכער שטריך, נאָר אַ קרייז. ווי אַ קינד הויבט דער מענטש אים אָן. פאַר דעם טויט קומט ער צוריק צום אָנהויב, שליסט אים צונויף, און ער אַליין בלייבט מחוץ אים.

ער געדענקט : אין שטעטל איז געשטאָרבן אַ גוי, האָט זיין משפחה

זיך נישט געאײַלט אים צו באַגראָבן. מען האָט אים אָנגעטון די יום־טובדיקע מלבושים. מען האָט אים די האָר אויפן קאָפּ צוגעקעמט. די וואָנסעס פּאַרדרייט אַרויף. מיט בלומען באַהאָנגען און אים געטראָגן אין אַן אָפענער טרומנע צום צווינטער. נאָכגעגאַנגען איז די משפּחה זײַנע שאַ־שטיל. די אַנדערע גויים — ווער אויפן פעלד בײַ זײַן אַרבעט, ווער — אין שטאַל בײַ די בהמות, און ווער — אין שענק בײַ אַ כוסה. און יעזוס? — ער איז זיך געהאָנגען אויפן צלם און נאָך אַלץ געקלערט וועגן זײַן אייגענעם טויט.

איז געשטאָרבן אַ ייִד, האָט דערפון גלייך געוווּסט דאָס גאַנצע שטעטל. שכנים האָבן אויסגעגאָסן דאָס וואַסער פון פּעסער און קאַנען. כהנים האָבן זיך געהיט נישט פאַרבײַצוגיין די שטוב פון מת. דער טויטער איז נאָך אַ סך נעכט שפּעטער געקומען די קינדער צו חלום. ווי דער ייִד איז געשטאָרבן, האָט מען פאַרהאָנגען דעם שפּיגל און פאַרדעקט זײַן פּנים, כדי מען זאָל נישט זען דעם מענטש אין זײַן פאַרשעמטקייט. דעם בר מינן האָט מען באַלד מקבר געווען, ווײַל דער מענטש ווערט באַלד פוילעניש. די ייִדן זענען נאָכגעגאַנגען דער לוויה און געשריגן און געוויינט און געיאָמערט עד לב השמים. זע, רבונו של עולם, דו האָסט געבראַכט אַן אומגליק! און מען איז געזעסן שבעה, און מען האָט געזאָגט אַ יאָר „קדיש“, און שפּעטער, יעדעס יאָר נאָך אַלץ דערמאָנט דעם רבונו של עולם אין דער עוולה, וואָס ער האָט געטון. אַזאַ גאָט, וועט דאָך סוף כל סוף מוזן אַמאָל שיקן משיח׳ן, כדי אויפצולעבן די פאַרשטאָרבענע. ער וועט מוזן.

און ער דערמאָנט זיך:

אַ ווינטער־טאָג אין שטעטל. אַ פראָסט און אַ זאַווערוכע. פּלוצים עפנט זיך אויף די טיר פון זייער שטוב און ס׳קומט אַרײַן דער פעטער לייביש פונעם דאָרף. ער איז אײַנגאַנצן פאַרשנייט. אין דער באָרד — שטיקער אײַז. ער באַווײַזט בלויז צו זאָגן „אַ גאָט העלף“ און פאַלט אַוועק. אין שטוב ווערט אַ רעש, אַ געוויין. מען ציט אים אַראָפּ דעם פעלץ, די שטיוול — ער ליגט ווי אַ מת. זעט מען דאָך, אַז ער איז פאַרפרוירן פון פראָסט — הויבט מען אים אָן צו רײַבן דאָס פּנים, די אברים, מיט שניי. ענדלעך קומט ער צו זיך. צוליב וואָס לאָזט זיך אַ ייִד אין וועג אַרײַן אין אַזאַ אומקומעניש? — דערציילט ער: דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט ער געמוזט אים פירן אַהער מקבר זײַן. ער ליגט איצט אויף דעם וואָגן, וואָס שטייט בײַ דער שטוב. דעם זיידן האָט מען געבראַכט נאָך אין זעלבן טאָג צו קבורה, אָבער דער פעטער, איז אויף דער לוויה נישט געגאַנגען. ער האָט נישט געקענט אויפשטיין פון געלעגער. ער האָט

זיך אָפּגעפּרווירן אַז אויער און די פינגער פון רעכטן פוס. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער שוין געהונקען.

אַמאָל האָט איין ייד געקענט איינשטעלן דאָס לעבן, כדי אַ צווייטן ברענגען צו קבר ישראל. אויף דער אַרישער זייט איז שווער פאַר אַ ייד צו לעבן, אָבער נאָך שווערער איז פאַר אים ווי אַ ייד צו שטאַרבן. דאָ און דאָרט באַהאַלטן זיך נאָך אוים אַביסל יידן. יעדער איינער איז אָבער מיט זיך אַליין פאַרטון. לעבן אים געפינט זיך בלויז די אַלטע פּוילישע פרוי. ער קען נישט לייקענען, ביי איר האָט ער געפונען אין משך פון אַ יאָר אַ מקום מקלט. ער איז כמעט ווי זיכער אין דעם, אַז זי ווייסט, אַז ער איז אַ ייד. וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט זי נישט באַהאַנגען אַזוי זיין צימער מיט הייליקע בילדער און נישט אַרויפגעלייגט אַן עוואַנגעליע אויף זיין טיש. זי וויל אים אַרומנעמען מיט קריסטלעכקייט. פאַרוואָס ווענדט זי זיך נישט צו אים, אַז ער זאָל זיך שמדן? — קען זיין, אַז איצט האָט זי מורא פאַר די דייטשן דערמיט אָנצוהויבן. זי וויל אָבער, אַז ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן זאָל ער שוין זיין צוגעגרייט. ער האָט געמיינט אַ צייט, אַז זי טוט עס בלויז לשם מצוה, אָבער איינמאָל האָט ער זיך אונטערגעהערט צו אירן אַ געשפּרעך מיט אַ שכנטע און ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט אויך דערביי אַן אַנדערע כוונה. אין די אויגן האָט זי אים תמיד גערופן „פּאַניע מאַציעיו" אָבער פאַר דער שכנטע — „מאָי סטאַרי". דערצו האָט זי דאָס געזאָגט מיט זייער אַן אינטימען טאָן, אין וועלכן ס'האָט אויך נישט געפעלט חשיבות. ווי זי וואָלט דער-מיט געגעבן אָנצוהערן, אַז כאָטש זי איז אַן אַלטע בתולה, האָט זי געפונען אויף זיך אַ בעלן. ס'איז שפּעט געקומען, אָבער דאָס מזל האָט נישט אויס-געמיטן איר שוועל.

ב

ווען די אַלטע איז געקומען, האָט זי געזען, אַז דאָס פּנים פונעם קראַנקן האָט זיך שטאַרק געביטן צום ערגערן. ס'איז אינגאַנצן געל גע-וואָרן. זי האָט אים דערלאַנגט וואַלעריאַן-טראָפּנס. ער האָט נישט אויס-געשטרעקט די האַנט נאָכן לעפל, כדי אַליין איינצונעמען די טראָפּנס, ווי געוויינלעך, נאָר זי האָט געמוזט דעם לעפל אים אַריינרוקן אין מויל אַריין און איבערקערן. ביים אַרויסציען דעם לעפל, האָבן זיינע ציין אים צוגע-קלעמט, און זי האָט אים מיט מי אַרומגענומען. ס'איז אים אַביסל בעסער געוואָרן.

— וואָס איז אייך? איר פילט זיך שלעכט? — האָט די אַלטע גע-פרעגט מיט זאָרג.

— שוואַך... זייער שוואַך — האָט דער קראַנקער געשעפּטשעט.
— אפשר זאָל איך רופן אַ דאָקטאָר? — האָט די אַלטע געפרעגט.
דער קראַנקער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:
— וואָס וועט העלפן דער דאָקטאָר? ער איז נישט מער ווי אַ מענטש.
די אַלטע איז אומרואיק געוואָרן. זי האָט מיטאַמאָל זיך געכאַפּט, אַז דער מענטש האָט זי אָפּגענאַרט, בכיוון פאַר איר פאַרהוילן זיין שווערע קראַנקהייט, כדי אָן איר זיך אַוועקצוגנבענען. דער מענטש גייט דאָך אויס. ער קען יעדע רגע שטאַרבן! אויף וועמען האָט זי געהאָפּט און געוואַרט? אויב זי האָט פון אים נישט די וועלט, זאָל זי כאָטש דורך אים האָבן יענע וועלט. זי האָט דעריבער געזאָגט:
— אויב איר פילט זיך אַזוי שלעכט, וועל איך גיין רופן דעם גלח.
ער האָט אַ ציטער געטון און מיט דער האַנט ווי פון זיך אָפּגעשטויסן די סכנה:
— ניין, ניין! מען דאַרף נישט!
די אַלטע האָט אים געמוסרט:
— רעדט נישט אַזוי. ביים לעבן האָט איר געקענט זיין אַ פרייער מענטש. מיין ברודער איז אויך אַזאַ געווען, אָבער פאַרן טויט, האָט ער געהייסן רופן צו זיך דעם גלח.
— יאָ, פאַרן טויט איז עפּעס אַנדערש — האָט דער קראַנקער געשעפּטשעט — פאַרן טויט טאָר מען זיך נישט פאַרשטעלן... מוז מען זאָגן דעם אמת... איך בין דאָך נישט קיין קאַטאָליק... איך בין אַ ייד...
הגם די אַלטע האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ חשד, אַז ער איז אַ ייד, האָט עס זי געטראָפן ווי אַ דונער. זי האָט זיך אַזש געמוזט פאַר שוואַכקייט אַוועקזעצן אויף אַ בענקל. זי האָט דערפילט אַ גרויסע שנאה צו דעם יידן. אַזוי צאָלט ער עס איר אָפּ פאַרן גאַנצן יאָר, וואָס זי האָט אים געהאַלטן? זי וואָלט אויף אים איצט אַרויפגעפאַלן און מיט די קולאַקעס אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין, ביז ער וואָלט... ביז ער וואָלט צוריק געזונט געוואָרן...
שפּעטער אַ ווייַלע האָט זי ווידער געפּרוווט:
— איז וואָס, אַז איר זענט געבוירן אַ ייד? איר זענט אין דעם נישט שולדיק... איר האָט אָבער געזען, ווי גאָט האָט אייך געשטראָפט, ווייל איר האָט נישט געוואָלט גלייבן אין זיין זון... ער האָט געשיקט דעם טייוול, כדי אייך אומצוברענגען... יענע האָבן נישט געהאַט קיין ברירה, אָבער איר קענט זיך ראַטעווען... ביי גאָט איז אַ מינוט פאַרן טויט נישט צו שפּעט...
נאָר דער קראַנקער האָט ווידער עקשנותדיק איבערגעחזרט:
— מען דאַרף נישט!

די אַלטע איז אַריין אין כעס:

— איר זענט נישט ביי די קלאָרע זינען! איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט! איך וועל אייך נישט פרעגן — איך לויף רופן דעם גלח.

און זי איז שנעל אַרויס פון שטוב.

דאָס געשפּרעך האָט אים אַ סך כח געקאָסט. ער האָט זיך צופיל אָנגעשטרענגט. דער קאָפּ איז אים שווער צוריקגעפאַלן אויפן קישן. מען מוז איצט אָננעמען אַ באַשלוס, אָבער וואָס מער ער האָט זיך באַמיט צו טראַכטן, אַלץ מער האָט זיך אים אין מוח פאַרפּלאָנטערט.

...פון וואַנען נעמט זיך איצט אַהער דער דאָזיקער מענטש? דאָס איז דאָך נישט דער גלח. ער טראָגט נישט קיין סוטאַנע, נאָר פּשוטע מלבושים. פון וואַנען קומט ער און וואָס וויל ער?

אָט דערגענטערט ער זיך צו זיין בעט און פרעגט:

— דאָס זענט איר פּאַן מאַציעי וואָנסעק?

— איך — ענטפערט דער קראַנקער.

דער פרעמדער צעלאַכט זיך הויך אויפן קול:

— אויב אַזוי, בין איך אפשר שמואל גרין?

דעם קראַנקן ווערט נאָך שווערער דער אָטעם. ער פרעגט:

— און ווער זענט איר?

— איך בין דער אמתער מאַציעי וואָנסעק אונטער וועמעס נאָמען איר לעבט שוין אַ יאָר.

דער קראַנקער קוקט אויף אים מיט שרעק און שטאַמלט:

— וואָס־זשע — וואָס־זשע ווילט איר?

דער פרעמדער הייבט אָן דערציילן:

— ווייסן דאַרפט איר, אַז איך בין טויט. אַ באָמבע איז אַראָפּ אויפן הויז ווו איך האָב געוווינט און איך ליג נאָך היינט אונטער די חורבות. מען האָט געוווסט, אַז איך בין מער נישטאָ און אייך אַרויסגעגעבן אַ דאָקומענט אויף מיין נאָמען. איצט גייט איר שטאַרבן, בין איך אייך געקומען זאָגן, אַז איך וויל נישט סתם שטאַרבן אַ צווייט מאָל, איר הערט?! וואָס קלערט איר, אַ ייד וועט ליגן אין קבר און אויף דער מצבה, וועט שטיין מיין נאָמען? אמת, מיין נאָמען איז שוין אַמאָל געשטאַנען אויף אַ שילד פון אַ יידיש געשעפט. דעם יידן האָט מען נישט געוואָלט געבן אַ דערלויבעניש צו מאַכן זיך אַ געשעפט, האָב איך אים אויסגעבאָרגט מיין קאַטוילישן נאָמען. די סחורה איז געווען דעם יידס, און די שילד — מיינע. דער ייד האָט מיר אָבער באַצאָלט דערפאַר. איר גיט מיר גאָר־נישט, גאָרנישט!

דער קראַנקער האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך האָב באַצאָלט פאַר דעם דאָקומענט... איך וואָלט אייך אויך באַצאָלט, האָט מען ביי מיר צוגענומען דאָס גאַנצע פאַרמעגן.

— אויב אַ מענטש האָט נישט מיט וואָס צו צאָלן — האָט אויס־גערופן דער פרעמדער — צאָלט ער מיט זיך אַליין! די באַלעבאָסטע אייערע איז געגאַנגען צום גלח, ער זאָל אייך איבערצלמען און אייך געבן די לעצטע ברכה פאַרן טויט. איר טאָרט זיך דערפון נישט אָפּזאָגן. איך האָב די ברכה נישט באַקומען פונעם גלח, ווייל איך בין פּלוצים געהרגעט געוואָרן, וויל איך כאָטש איצט שטאַרבן ווי אַן אמתער קאַטאָליק.

דער קראַנקער האָט זיך געווערט:

— איר קענט דאָך פון מיר נישט פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל שטאַרבן מיט נאָך אַ גרויזאַמערן טויט, ווי די יידן אין די לאַגערס. זיי האָט מען דאָך נישט געצוווּנגען פאַרן טויט צו בייטן זייער רעליגיע.

— וואָס גלייכט איר זיך צו זיי! — האָט יענער אויסגעשריגן — זיי האָבן די גאַנצע צייט געלעבט ווי יידן. איר האָט אָבער געלעבט אונ־טער אַ קאַטוילישן דאָקומענט, דאַרפט איר אויך ליגן אונטער אַ מצבה פון אַ קאַטאָליק!

— ניין, ניין! — האָט געשריגן דער קראַנקער — איך וויל שטאַרבן ווי אַ ייד, ווי אַ ייד!

ג

דער קראַנקער האָט געעפנט די אויגן. אין שטוב האָט זיך קיינער נישט געפונען. ער האָט אָבער דערפילט אויף זיך שטעכנדיקע בליקן. דאָס האָט פון אַ בילד אויף דער וואַנט אויף אים אַראָפּגעקוקט אַ ברוגזער דער אַפּאָסטאָל פּאַולוס.

ער האָט אויפגעהויבן די דעק פון בעט. אַראָפּגעשטעלט די פיס אויפן דיל. דערנאָך האָט ער מיט וואַקלנדיקע טריט זיך דערנענטערט צו דער שאַפע. געזוכט אַ ווײַלע און אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירל. דאָס איז גע־ווען זיין „קען־קאַרטע". ער האָט צעריסן די קאַרטע אויף צווייען, אויף פיר שטיקלעך, אויף פיץ־פּיצלעך, און בשעת מעשה, ווי ער פלעגט אַלס קינד, ווען ער איז געגאַנגען ביינאַכט פון חדר פאַרביי אַ חורבה, זאָגן אַ שפּרוך צו פאַרטרייבן די שדים, האָט ער געמורמלט:

— מאַציעי וואַנסעק, גיי דיר צוריק אין דיין רו אַריין. פאַרענדיקט מיט דיר. אויס!

אין שפּיגל, וואָס אויף דער טיר פון דער שאַפע, האָט ער זיך דערזען. ער פלעגט אַמאָל נישט באַזונדערס אויסזען ווי אַ ייד. נאָר איצט, מיט דעם בלייכן, באַוואַקסענעם פּנים, איז ער געוואָרן ענלעך צו זיין פעטער

לייביש. ס'איז אָבער פֿאַראַן אַן אונטערשיד. ביי יענעם, פֿלעגט די באָרד ווי פֿאַרשטעלן דאָס פּנים. ביי אים — מאַכט זי נאָך בולטער דעם טרויער אין זיינע יידישע אויגן, וואָס ווײַנען אַראָפּ מיט דעם הויקער פֿון דער נאָז צום מויל.

דערנאָך האָט ער גענומען פֿאַמעלעך אויף זיך אַרויפֿציען די הויזן. אָנגעטון דאָס רעקל, די שיך. אַ קעם געטון מיט די פֿינגער דאָס ביסל האָר אויפֿן קאָפּ. אויף אַ צעטעלע אָנגעוואָרפֿן עטלעכע ווערטער, פֿאַרקוועטשט עס צווישן די פֿינגער און זיך געלאָזט אַרויסגיין. נאָר נישט פֿאַרשפּעטיקן. די אַלטע מיטן גלח זאָלן אים חלילה נישט טרעפֿן אין צימער, אויך נישט אויף די טרעפּ. אינדרויסן זענען זיי נישט מער קיין באַלעבאַטים איבער אים.

ווען ער האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין די טרעפּ, האָט ער געזען ווי עס קומען אים אַקעגן די הייליקע פֿון די איקאָנעס אויף דער וואַנט פֿון צימער. זיי גייען איין ריי נאָך דער אַנדערער. האַלטן זיך ביי די הענט. פֿאַרנעמען די גאַנצע ברייט פֿון די טרעפּ. וואָס ווילן זיי דאָ ? — זיי ווילן אים דעם וועג פֿאַרשטעלן, פֿאַרצוימען, אַז ער זאָל נישט קענען אַרויס אין גאַס. ער דרינגט אַריין אין זייער מיט. זיי דריקן אים, זיי שטיקן אים. ס'פֿעלט אים אָטעם. די קניען בייגן זיך אים איין. אָט פֿאַלט ער, אָבער ער גייט, גייט אַלץ ווייטער — און רייסט זיך דורך.

ער איז שוין אויפֿן הויף. ער גייט ווייטער, האָט מורא צו בלייבן שטיין. אָפּשטעלן זיך, הייסט אַוועקפֿאַלן. ער איז שוין אינדרויסן. גייט פֿאַרביי איין הויז, דאָס צווייטע — דאָ בלייבט ער שטיין, שפּאַרט זיך אָן אין דער מויער. אַ דאַנק דיר האַריץ, דו האָסט אויסגעהאַלטן ביז אַהער. איצט, רו זיך אָפּ, רו זיך אָפּ. און ער האָט אַ פֿאַל געטון. צוריק צו דער ערד.

באַלד האָבן אים אַרומגערינגלט אַ הייפֿל מענטשן. עמיצער פֿון זיי האָט פֿון זיין האַנט אַרויסגעצויגן דאָס צעטעלע און עס איבערגעלייענט פֿאַר אַלע : „איך בין יודע".

— אַ ייד !

— אַ ייד !

— אַ ייד !

איז עס געגאַנגען פֿון מויל צו מויל. דער אינטערעס איז מיטאַמאָל גוואַלדיק געפֿאַלן. מען האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין. ס'איז צוגע־קומען אַ גראַנאַטענער פּאָליציאַנט, זיך גלייך אָריענטירט און אַוועק טעלע־פֿאָנירן.

ס'האָט זיך געהערט קלינגען אַ גלעקל. דאָס איז אָנגעקומען דער גלח. פֿאַר אים איז געגאַנגען אַ ייִנגל מיט אַ גלעקל און געקלונגען. נאָכן גלח האָט געשפּאַנט די אַלטע. ווי דער מינהג איז, האָבן די מענטשן געקניט

און זיך געצלמט. הגם דער גלח האָט באַמערקט דעם טויטן ליגן אויף דער ערד, איז ער זיך ווייטער געגאַנגען פּאַמעלעך און פייערלעך. נאָר פּלוצים האָט די אַלטע דערזען דעם טויטן אויפן טראָטואַר און האָט אַ געשריי געטון צום גלח:

— פּאַניע קסיענדזו; אָט דער! דאָס איז דער!

דער גלח איז געבליבן שטיין פאַרווונדערט. דער פּאָליציאַנט, וואָס איז שוין געהאַט צוריקגעקומען, האָט סאַלוטירט פאַרן גלח און געמאָלדן:

— דאָס איז אַ ייד. איך האָב שוין טעלעפאָנירט צו דער געשטאַפּאָ.

דער גלח האָט אַ קרומען קוק געטון אויף דער אַלטער, זיך אויסגעדרייט און אַוועק. דאָס גלעקל איז מיטאַמאָל הייזעריק געוואָרן.

די אַלטע האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום טויטן. אירע ליפּן האָבן געשיקעט מיט פאַרביטערונג און כעס:

— ייד! יודאַש!

נאָר דער טויטער איז געלעגן רויק. אויפן פּנים — אַ צופרידענער שמייכל.

די אויסטערלישע געשיכטע פון חיים־חייקל די קאַץ

קוים־קוים האָט זיך פון אויבער־פענצטער אַריינגעגנבעט אַ ביסל ליכט אויפן בוידעם. די שיין האָט אָבער בלויז געקלעקט אויף אַ קליינעם שטח. אויב דעם ליכט איז נישט געלונגען אַהער אַריינצודרינגען, האָט עס אָבער באַוויזן דער גערויש, וואָס איז געקומען פון אונטן, פון דער גאַס. פון דאָרטן האָבן זיך נאָך אַלץ געהערט שיסערייען פון די דייטשן. פּיילמאָל זענען ביז אַרויף אויך דערגאַנגען זייערע געשרייען און קללות.

חיים־חייקל האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען גאָרנישט צו הערן. דער דמיון האָט ביי אים די גאַנצע צייט אָן אַן אָפּרו געאַרבעט און אַרויסגערופן אַמאָליקע מענטשן, געשעענישן, בילדער. דאָס האָט אים געדאַרפט העלפן אָפּצווענדן זיין מחשבה פון דעם, וואָס ס'טוט זיך איצט אויף דער גאַס.

נאָר נעמען, דאַטעס און ציפערן האָט ער קיינמאָל נישט געדענקט. דאָס זענען פּוסטע זאַכן. נאָך בעתן לערנען אַמאָל אין דער ישיבה, האָט ער נישט ליב געהאַט די הלכה, נאָר די אגדה. שפּעטער, איז ער אפילו פון דער אגדה אַוועק צום זוהר, צום ספר רזיאל המלאך און צו אַנדערע קבלה־ספרים. דעמלט האָט ער געוואָלט דערנענטערן דעם קץ. אויב ס'איז פּאַראַן קפיצת הדרך, דאַרף אויך זיין קפיצת הזמן. ס'איז צו לאַנג צו וואַרטן אויף כלו חייב און נאָך לענגער — אויף כלו זכה. ס'איז גאָרנישט אָפּהענגיק פון אַלע מענטשן. איין מענטש קען עס באַווייזן. ס'איז אויך נישט אָפּהענגיק פון דער גאַנצער תורה, נאָר פון איין פּסוק. מען דאַרף נאָר וויסן וועלכן און ווען אים צו באַנוצן...

שפּעטער, ווען ער איז אַרויס פון דער ישיבה, האָט אָנגעהויבן צו לייענען ספרים חיצונים, האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די דערציילונגען פון די אַלכעמיקער, וואָס האָבן געפּרוווט מאַכן גאָלד. ער האָט זיך באַשטעלט פּאָפּולערע ביכער וועגן כעמיע און פיזיק. געמישט פּראָשקעס און געקאָכט זיי אין געפעסן, ביז איינמאָל האָט עפּעס אויפגעריסן און ער האָט זיך אָפּגעברענט דאָס פּנים און די הענט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יענע פּלענער און איז געוואָרן איינער פון די פּילע זאַמ־

לער פון פאָלקלאָר פאַר דער ייוו"אָ אין ווילנע. ער האָט, דער עיקר, געזאַמלט כישוף־שפּרוכן, אָפּשפּרעכעכצער קעגן אַן עין הרע, קמיעות און מעשיות וועגן דבוקים, גילגולים און שדים.

ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה, איז ער געווען אַ ביבליאָטעקאַר אין אַ פאַריין. בעת די באָמבאַרדירונגען זענען אַלע מענטשן אַראָפּ אין קעלער זיך צו שיצן, נאָר ער האָט נישט פאַרלאָזט די ביבליאָטעק. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט דאָרט בלייבן, איז זי געשיצט פאַר אַ באָמבע. אויב אָבער אַ באָמבע וועט יאָ אַראָפּ אויף איר — מילא, וועט ער מיט איר אינאיינעם אומקומען.

דערנאָך, ווען ס׳זענען אַריין די דייטשן און אַרויסגעגעבן די גזירה, אַז אַלע יידן מוזן זיך אַריבערקלייבן אין געטאָ אַריין און אַלע האָבן זיך באַמיט, וואָס מער זאַכן אַהין אַריבערצופירן, האָט ער ערגעץ געכאַפּט אַ האַנט־וועגעלע, אָנגעלאָדן אויף אים די וויכטיקסטע ביכער פון דער ביבליאָטעק און זיי אַזוי אַרום געראַטעוועט פון פאַרניכטונג. ליידער, האָט ער פון די ביכער נישט געהאַט קיין גרויסן נחת: ס׳האָבן זיך געפונען ווייניק מענטשן זיי צו לייענען. מען האָט בלויז געקלערט ווי אַזוי איבערצולעבן דעם טאָג און ווי אַזוי זיך אויסצובאַהאַלטן פאַר די דייטשן בעת די אַקציעס.

ער האָט דאָ געהאַט זיינע אַן אַמאָליקע טרייע לייענערין. זי פלעגט אַמאָל ביי אים נעמען יעדע וואָך אַ בוך און טיילמאָל אפילו צוויי. ער האָט פאַר איר תמיד אויסגעקליבן די ביכער צום לייענען און זי האָט אין אים זייער געגלויבט. זי האָט געאַרבעט אין אַ פאָלקס־קיך און אַדאַנק איר האָט ער נאָך ווי ס׳איז זיך געהאַלטן אויף די פיס. ער האָט זי פאַר דער מלחמה געשפּייזט מיט מאכלים פאַר דער נשמה, שפּייזט זי אים איצט דערפאַר מיט מאכלים פאַר דעם גוף. ווען ער איז צו איר געקומען, ס׳האָט געמעגט זיין די גרעסטע ריי, האָט זי ביי אים גלייך גענומען דאָס שיסעלע און עס אָנגעפילט מיט זופּ. בשעת מעשה האָט זי זיך פאַר אים פאַרענטפערט:

— זייט מוחל חיים־חייקל, וואָס איך קום נישט מער צו אייך נעמען ביכער. איך האָרעווע דאָ ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, איז ער צו איר געקומען אַהיים. ער איז גרייט, האָט ער איר געזאָגט, אויב זי איז מיד אַליין צו לייענען אַ בוך — איר פאָרצולייענען. ער האָט זיך לעבן איר אַנידערגעזעצט און גענומען לייענען. קודם, האָט זי אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער באַלד האָבן זיך אירע אויגן גענומען קלעפּן.

— חיים־חייקל — האָט זי אים געזאָגט — זייט מיר מוחל... לייענט

נישט מער. איך באַנעם נישט וואָס איר לייענט — איך דרימל... ס'איז אַ פאַרשוועכונג פאַר דעם שרייבער און פאַר אייך...

חיים־חייקל האָט אָפּט געקלערט וועגן איר. ער האָט געחלומט אויסצוגע־פינען אַזאַ שפּרוך, וואָס בעת ער וועט אים אַרויסזאָגן, וועט ער ווערן איני־נעם מיט איר רואה ואינו נראה און אַרוים פון דאַנען אין די מרחקים. ס'האָט זיך אים איינמאָל שוין געדאַכט, אַז אָט־אָט געלינגט עס אים, נאָר פּלוצים האָט מען פאַרמאַכט די קיך און זי, זיין באַקאַנטע, האָבן די דייטשן ערגעץ־ווו אַוועקגעפירט. אַליין. אַן איר, האָט ער שוין נישט געהאַט קיין חשק, און כדי אַזאַ זאַך צו דערגרייכן, האָט ער געוווסט, דאַרף מען שטאַרק וועלן, זייער שטאַרק, מיט אַלע רמ״ח אברים.

זייט דעמלט האָט ער שטאַרק געהונגערט (צופיל זאַט, איז ער אפילו ביי איר נישט געווען). ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן זוכן אין די מיסטקאַסטנס און אַמאָל האָט ער געפונען דאָרט אַ פאַרפוילטע קאַרטאָפל, צי אַ קרויט־קאַטשאַן. ער האָט געפילט, ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס פון טאָג צו טאָג, אָבער ער האָט געלעבט ווי ס'איז. איצט ליגט ער שוין דעם דריטן טאָג אינגאַנצן אָן אַ קרישקע ברויט און אָן אַ טראָפּן וואַסער.

פּלוצים האָט ער געהערט אַ שאָרכן אויפן דאַך, ווי עמעצער וואָלט איבער אים געגאַנגען מיט זייער לייכטע טריט. באַלד איז דורכן דאַך־פענ־צטערל אַריינגעשפרונגען אַ קאַץ. חיים־חייקל, וואָס האָט אין דער ערשטער רגע זיך געהאַט דערשראָקן, האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו זיך צו קומען. פאַר אַ הונט דאַרף מען טאַקע מורא האָבן, זיי העלפן צו די דייטשן אויס־צושפּירן די יידן וואָס באַהאַלטן זיך אויס, אָבער אַ קאַץ, איז אַן אומשול־דיק באַשעפעניש. בכלל, איז איצט בעסער צו זיין די מיאוסטע חיה איי־דער אַ ייד. פאַר די חיות זענען נישטאָ קיין באַזונדערע געזעצן, קיין אַק־ציעס און נישט קיין אַרבעטס־ און טויט־לאַגערן. דאָס הויז ווו ער געפינט זיך, איז דאָך אַן עק־הויז ביי דער גרענעץ פון געטאָ, דאָס הייסט, אַז די קאַץ קומט פון יענער זייט פון דער יידישער געטאָ. יאָ, פראַנק און פריי שפּרינגט זי זיך אַרום פון איין זייט איבער דער אַנדערער. ס'איז זי באמת מקנא צו זיין!

ס'פאַלט חיים־חייקלען איין: ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער וואָלט מגולגל געוואָרן אין אַ קאַץ. צי איז דאָס טאַקע אַן אוממעגלעכקייט? וויפל לעגענדעס האָט ער שוין געלייענט, ווי מענטשן ווערן דורך אַ שפּרוך פאַרכישופט אין אַ קאַץ, אַ הונט, צי אַ פויגל. אפילו ביי יידן, הייסט עס, אַז אַ זינדיקער ווערט אַמאָל נאָכן טויט מגולגל אין פאַרשידענע חיות און עופות ביז ער באַקומט אַ תיקון.

מיטאַמאָל נעמען זיך ביי אים אין מוח פּלאָנטערן אותיות, פון די אותיות ווערן ווערטער. נישט קיין העברעאישע, נישט קיין אַראַבישע און

נישט קיין לאַטייניש, נאָר עפּעס מאָדנע, משונהדיקע, נישט געהערטע און נישט געלייענטע. ס׳איז געוואָרן אַ גאַנצער שפּרוך. ער שעפּטשעט אים אַרויס איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל — און אָ וווּנדער: ער ווערט פון רגע צו רגע אַלץ קלענער, שרומפּט איין — ער איז געוואָרן אַ קאַץ!

ער גיט גלייך אַ שפּרינג־אַרויס פון באַהעלטעניש, אַהין, צום איבער־שטן פענצטערל פון דאַך, פון דאָרטן הייבט זיך אָן אַ פרייע, ליכטיקע וועלט. נאָר באַלד הערט ער אַ שטים:

— וווּהין אײַלסטו זיך? וואַרט אַ רגע.

אָ, ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז דאָ אויפן בוידעם געפינט זיך נאָך אַ קאַץ. ס׳איז אינטערעסאַנט מיט איר צו כאַפּן אַ שמועס. ער וועט אויס־פּרוּוון דאָס קעצישע לשון און אַחוץ דעם, מוז ער זיך אַביסל באַקענען מיט דער קעצישער געדאַנקען־וועלט.

— שלום־עליכם! — האָט חיים־חייקל געזאָגט, און צו איר אויסגע־שטרעקט די רעכטע לאַפּע — וואָס מאַכסטו? וואָס טוסטו דאָ? מיר דאַכט זיך, דו קומסט פון דער אַרישער זייט.

— איך — האָט די קאַץ אויסגערופן מיט שטאָלץ — איך בין גע־בוירן געוואָרן אין אַן אמת־פּוילישער שטוב. מיין טאַטע, מיין זיידע, מיין עלטער־זיידע — אַלע שטאַמען פון דער אַרישער ראַסע.

— און צוליב וואָס ביסטו אַהער געקומען? כדי צו כאַפּן מייז און זיי אויפעסן?

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך די קאַץ צעלאַכט — וואָסערע שטותים דו רעדסט. איך האָב לרוב מילך און פלייש. איך מיאוס זיך צו עסן מייז!

— פאַרוואָס־זשע ביסטו פאָרט אַהער געקומען?

— טאַקע צוליב די מייז. איך מיאוס זיך זיי צו עסן, אָבער איך האָב ליב צו גיין אויף יאַגד נאָך זיי. איך עס זיי נישט, איך כאַפּ זיי נאָר אַריין צווישן די לאַפּעס, צווישן די ציין, לאָז זיי אַרויס און כאַפּ זיי ווידער. ווען דאָס שפּיל ווערט מיר נמאס — דערוואַרג איך זיי און לאָז זיי איבער. באַזונדערס, איז אָנגענעם דאָס שפּיל מיט יידישע מייז. זיי זענען אַזעל־כע שוואַכע, פּחדנותדיקע, פּישטשען אַזוי מאָדנע — איך פאַרוויילֿ זיך מיט זיי אויפן בעסטן אופן.

חיים־חייקל האָט געפרעגט אַ דערשטוינטער:

— זענען, הייסט עס, פאַראַן אַרישע קעץ און אַרישע מייז?

— און דו האָסט געמיינט אַנדערש? — האָט די קאַץ פון אים זיך אָפּגערוקט אַביסל און אים באַטראַכט מיט חשד.

— יאָ, איך האַלט, אַז אַנדערש.

— געוויס דאַרפסטו אַזוי טראַכטן — האָט די קאַץ געזאָגט מיט

פאַראַכטונג — דו האָסט מסתמא געווינט דיין גאַנץ לעבן צווישן יידן, ביז דו ביסט אַליין געוואָרן אַ יידישקע. ווי וואַגסטו זיך אַפילו גלייכן צו מיר? זע מיך, איך בין לאַנג און שלאַנק, די פעל — אַ ווייסע מיט ברוינע פלעקן. די וואָנצעס — אַרויף, — פון די אויגן — בליצט אַ גרין פייער. און דו — קליין, מאָגער, מיט אַ גרויער און אויסגעקראַכענער פעל. און די אויגן — יידישע אויגן: רחמנותדיקע, דערשראָקענע, טרויעריקע. טפו — איך מיאוס זיך פון דיר!

און זי האָט אַ שפרונג געטאָן צום דאַך=פענצטערל און איז אַרויס.

ס'איז חיים=חייקלען געוואָרן טרויעריקער אויפן הארצן. ער האָט זיך בשום אופן נישט פאַרגעשטעלט צו הערן פון אַ קאַץ אַזעלכע דבורים. ער איז מקנא געווען דעם מלך שלמה דערפאַר וואָס ער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די חיות און פייגל. ס'איז אפשר בעסער זי נישט צו פאַרשטיין. ווידער, האָט ער געמיינט, אַז די קאַץ וועט מיט אים אינאיינעם זיך לאָזן צו דער אַרישער זייט, וועט אים אפשר אויך אָנווייזן אַ לייטישע שטוב ווי זיך צו באַזעצן, איז זי דאָך דאָרט אַ סטאַבילע איינוווינערין און ווייסט וו איין און וו אויס. ס'איז אַזוי נישט געשען. מילא, וועט ער זיך לאָזן אַליין אין וועג אַריין.

ער האָט אַ שפרונג געגעבן צום דאַך=פענצטערל און אַרויס אויפן דאַך. וואָס פאַר אַ רחבות. ער זעט פאַר זיך כמעט די גאַנצע שטאָט. איבערן קאָפּ, אַזוי נאָענט, הענגט דער הימל. ס'האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט צו פליען אַרויף, שוועבן אינאיינעם מיט די בלויע וואָלקנס. אויב ס'איז אים שוין יאָ געלונגען צו געפינען דעם כישוף=שפרוך, פאַרוואָס האָט ער דעמלט פאַרלאַנגט צו זיין אַ קאַץ און נישט קיין פויגל. ס'איז באמת אַ גרויסער שאָד.

פאַרפאַלן. ער האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן פון דאַך. ער איז אַריבער די וואַנט, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט כדי אָפּצוטיילן די געטאָ פון דער אַרישער זייט און פאַר זיינע אויגן האָט זיך געעפנט אַ פּלאַץ. איבער דעם פּלאַץ האָבן זיך געצויגן אַלייען מיט ביימער. ס'זענען דאָ אויך געווען פאַרזעצט בלומענבייטן אַרומגענומען מיט נידעריקע אייזערנע שטאַכעטן. אינמיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ פאָנטאַן און געשפריצט מיט וואַסער. אויף די בענק ביי די אַלייען זענען געזעסן מענטשן און געלייענט צייטונגען, צי געפירט געמיטלעכע שמועס.

— ווי שטיל און ווי רויק ס'איז דאָ, — האָט חיים=חייקל געקלערט מיט פאַרביטערונג — און אַזוי נאָענט. אַזוי נאָענט פון דאַנען גייען אַרום מענטשן געשוואָלענע פון הונגער, ווערן דערנידעריקט אָן באַליידיקט און אַרויסגעפירט אין טויט=לאַגערן.

עפּעס אַן עלטערער מענטש האָט געוואָרפן ברויט=קרישקעס פאַר די

פייגל. זיי זענען זיך צונויפגעפלויגן, געכאַפּט די ברעקלעך, צוגעקומען צו אים גאַנץ נאָענט, ממש ביז צו זיינע הענט. געקרייזט איבער זיין קאָפּ און ווי געסווישטשעט:

— דו ביסט אַ גוטער מענטש... אַ פיינער מענטש... אַ ווילער...

חיים־חייקל האָט שוין חרטה געהאַט וואָס ער האָט פריער געוואָלט זיין אַ פויגל.

ער האָט דערזען עטלעכע יינגלעך שפּילן אין פוסבאָל. שוין אַ צייט, אַז ער האָט נישט געזען קיין קינדער, מען האָט זיי כמעט אַלע, נאָך בעת די ערשטע אַקציעס, אַרויסגעפירט פון געטאָ. ער האָט זיך דערפאַר צו־געשאַרט, כדי זיי צו באַטראַכטן. די יינגלעך האָבן אים באַמערקט און איין יינגל, מיט אַ בלאָנדע טשופּרינע, האָט אַ זאָג געטון צו די חברים:

— זעט־נאָר, חברה, וואָס פאַר אַ קאַץ.

אַ צווייטער האָט זיך אָנגערופן:

— קוקט נאָר אָן אירע אויגן. זי איז מסתם אַ יידישע קאַץ, אַריבער אַהער פון געטאָ. מען דאַרף זיך מיט איר אַ שפּיל־טון!

און ער האָט זיך טאַקע גלייך אַ לאָז געטון אויף חיים־חייקלען. חיים־חייקל האָט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. ס'האָבן אים אָנגעהויבן נאָכיאָגן אויך די אַנדערע יינגלעך מיט אַ געשריי און אַ געפילדער. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אַ ווייטיק אין רוקן, ווייזט אויס, אַז אַ יינגל האָט אין אים גע־וואָרפן אַ שטיין. חיים־חייקל איז אַריינגעשפּרונגען אין ערשטן אָפענעם טויער פון אַ הויז, און פון דאָרט — איבער די טרעפּ אַלץ העכער און הע־כער ביז אַרויף צום בוידעם. דאָרט איז ער געבליבן שטיין, זיך לאַנג צוגע־הערט. מען הערט נישט קיין טריט. די יינגלעך האָבן פאַרלוירן זיינע שפּורן. ער איז געראַטעוועט פון זייערע הענט

— אַזוי, אַזוי — האָט חיים־חייקל געקלערט טרויעריק — איך האָב געמיינט, אַז אויב איך וועל ווערן אַ קאַץ, וועל איך שוין פּטור ווערן פון אַלע יידישע צרות. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אַפילו אין אַ קעצישער הויט, קען מען נישט אַנטלויפן פאַרן יידישן גורל.

2

מען האָט חיים־חייקלען נישט אַריינגעלאָזט אין אַ שטוב אַריין. פון אומעטום האָט מען אים געטריבן. מאָדנע, אַלע האָבן באַלד דערקענט זיינע יידישע אויגן. וועד האָט אויסגעטראַכט, אַז מען דערקענט אַ יידן דורך זיין נאָז? ער האָט געזען אַ סך פּאָליאַקן מיט לאַנגע נעז, זיי זענען אַפילו געווען אַדלליט, אָבער קיין איין גוי האָט ער נאָך נישט געזען מיט יידישע אויגן, וואָס קוקן אַזוי טרויעריק־קלוג.

ער האָט נאָך אין גטאָ געהערט, אַז די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אויף דער אַרישער זייט, באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען אויסצוזען אַריש. זיי פאַרבן זיך די האָר אויף בלאָנד, זיי פאַרלאָזן זיך וואָנצעס, טוען זיך אָן שטיוול, איבן זיך אויסצורעדן האַרט די „ר", לערנען זיך פאַר דעם שפּיגל מאַכן אַ פרייליכער פּנים. די אַלע זאַכן דאַרף ער נישט, ער איז דאָך אַ קאַץ, ער דאַרף אָבער האָבן אַ מיטל צו די אויגן. דאַכט זיך, אַז אַזאַ מיטל האָט נאָך קיין ייד נישט געפונען. אויב ער האָט געפונען, איז ער שוין געוואָרן אויס ייד.

דאָס, וואָס ער האָט אויסגעקליבן צו ווערן אַ קאַץ, איז נישט געווען קיין געלונגענער איינפאַל. אַ קאַץ איז אַ באַשעפעניש, וואָס ווינט צווישן מענטשן און דאַרף צו זיי טאָג־טעגלעך אָנקומען. און וואָסערע מענטשן זענען איצט געבליבן — בלויז רשעים, וואָס מאָרדן און רויבן, צי אַזעלכע, וואָס קוקן זיך צו דעם צו און שווייגן פחדנותדיק. אמת, ס'איז אויך פאַראַן אַ קליינע צאָל מענטשן, וואָס איז אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין, באַהאַלט זיך דאָרטן אויס, באַפאַלט פון דאָרט אַ דייטשע אָפּטיילונג, צי רייסט־אויף אַ צוג, אָבער אַ קאַץ איז נישט קיין וואַלד־חיה, אפשר ווען ער וואָלט געווען פון דור־דורות א קאַץ, וואָלט ער געפּרוווט זוכן אַ וועג צו זיין עלטער־עלטער זיידן — דעם טיגער. זיין טאַטע איז אָבער געווען אַ שניידער, זיין זיידע — אַ קרעמער און זיין עלטער־זיידע — אַ מלמד.

אַזוי ווי מען האָט אים אין קיין שטוב נישט אַריינגעלאָזט, האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די בוידעמס און די קעלערס. ער האָט נישט געגעסן קיין באַזונדערס גוטע מאכלים, אָבער ער האָט אויך נישט געהונגערט. אים דאַכט זיך, אַז ער איז לעצטנס אַפילו פולער געוואָרן און זיין פעל האָט באַקומען אַ גלאַנץ. אויסער דעם, זענען זיינע באַוועגונגען געוואָרן שנעלער און בייגעוודיק. ער קלערט פון דעם נישט אָן קיין געפיל פון בושה און שולד. צי הייבט ער טאַקע אָן צוביסלעך פאַרגעסן אין עבר און הייבט זיך אָן צוצופּאַסן צום נייעם מצב ?

נאָך איינמאָל איז פאָרגעקומען אין חיים־חייקלס לעבן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים ווידער צעטרייסלט. געשען איז עס אַזוי :

בעת ער איז איינמאָל אַריינגעקראָכן דורך אַ קליין פענצטערל אין אַ קעלער־קאַמער, האָט ער דאָרט באַמערקט זיצן אַ מיידל. וואָס טוט דאָ דאָס מיידל ? זי איז נישט אַהער אַראָפּגעגאַנגען אויף אַ רגע צי אויף צוויי, זי האָט זיך דאָ געמאַכט אַ געלעגער. אויף אַ קעסטל, וואָס דאַרף דינען ווי אַ טיש, האָט ער באַמערקט אַ פלאַש מיט וואַסער און אַ ברויט — הייסט עס, אַז זי עסט דאָ אויך. נישט אַנדערש, נאָר דאָס מיידל ווינט דאָ. צוליב וואָס־זשע ווינט דאָ אַ מיידל אַליין אין אַ פינצטערן קעלער ? די טיר איז דאָך נישט אַזאַ שטאַרקע, מען קען זי אויפברעכן און ווידער

קען זי שרייען. מענטשן װעלן דערהערן און זי קומען באַפרייען. דאָ מוז עפּעס זיין אַ סוד. מען דאַרף אים אויספאָרשן.

ער האָט זיך צוגעשאַרט נענטער צום מיידל, כדי זי בעסער צו זען. ער האָט װײַזט אויס, געמאַכט אַ רעש, װײַל דאָס מיידל האָט דער־שראָקן זיך אַ װאָרף געטון. ער איז געבליבן שטיין פאַר איר, אַ קוק געטון אין פּנים, און מיטאַמאָל איז אים דאָס רעטעניש קלאָר געװאָרן: זי איז אַ יידיש מיידל, זי באַהאַלט זיך דאָ אויס.

דאָס מיידל האָט דערזען חיים־חייקלען און זיך באַרויקט. ס'איז נישטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן. חיים־חייקל האָט דערקענט אין מיידל, אַז זי נעמט אים אויף מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג. איז ער געװאָרן דרייסטער, זיך צוגעשאַרט צו אירע פיס. מיטאַמאָל האָט אים דאָס מיידל אַ נעם־געטון אויף אירע הענט און אים אָנגעהויבן צו גלעטן און צערטלען.

אַ װאַרעמער שטראָם האָט אַ פלייץ געטון איבער חיים־חייקלס גוף. ער האָט די אויגן פאַרמאַכט מיט מתיקות און תענוג. ער האָט אין זיין לעבן נישט געקענט דאָס צערטלען פון אַ פרוי. די אײנציקע פרוי מיט װעלכער ער האָט זיך געחברט, איז געװען די לײענערין פון זיין ביבליאָ־טעק, די שפּעטערדיקע קעכין פון געטאָ. נאָר יענע איז געװען אַ פאַרזעסענע מויד, אַ גראָבלעכע, נישט קיין שיינע (אגב, האָט ער אַפילו פון אירע שװערע, צעטראַסקעטע הענט קיינמאָל נישט געפילט קיין גלעט). און זי דאָ — אַ שיינע, אַ יונגע, אַ שלאַנקע, ממש אַ בת מלכה.

פון דעמלט אָן, איז חיים־חייקל געװאָרן אַן אָפטער גאַסט אין דער דאָזיקער קעלער־קאַמער. דאָס מיידל האָט אים שטענדיק גוט אויפגענומען אין איר אײנזאַמקייט, אים געצערטלט און געגלעט. ער איז טײלמאָל אַפילו מיט איר איניינעם געשלאָפן אויפן זעלבן געלעגער. חיים־חייקל האָט געטראַכט, אַז ס'איז אים באַשערט נישט אַװעקצוגיין פון דער װעלט אָן אַ ביסל ליבע, זאָל זי אַפילו צו אים קומען בצורת קאַץ.

צוביסלעך האָט זיך אויך חיים־חייקל דערװוּסט מער פּרטים װעגן איר באַהאַלטן זיך דאָ אין קעלער. אָפט ביינאַכט, האָט אַהער שטיל אַריינגע־שלייכט אַן עלטערע קריסטלעכע פרוי און געבראַכט דעם מיידל עפּעס צו עסן. דאָס עסן איז באַשטאַנען כמעט שטענדיק פון קאַרטאָפל, ברויט, קעז, און אין זעלטענע פאַלן — אויך פון אַ פלאַש מילך און פּירות. דאָס מיידל גיט איר דערפאַר פון צייט צו צייט אַ ביסל געלט. שפּעטער, האָט חיים־חייקל באַמערקט, װי דאָס מיידל האָט אויסגעטון איר זייגער פון דער האַנט און עס געגעבן דער פרוי, הפּנים, אַז ביים מיידל האָט זיך געענ־דיקט דאָס געלט.

אין איינער אַ נאַכט, האָט די פרוי געבראַכט דעם מיידל עפּעס צו עסן און איר געזאָגט:

— שוין. איך האָב שוין נישט מער קיין געלט.

דאָס מיידל האָט געפרעגט מיט חידוש:

— איר האָט אַזוי ווייניק באַקומען פאַרן זייגערל?

די פרוי האָט זיך אויפגערעגט:

— און דו האָסט געמיינט, אַז אַזאַ זייגערל ווי דיינס, איז גאָרנישט מעגלעך צו באַקומען, דער מאַרק איז איצט פול מיט יידישע זאַכן. מען קען זיי קויפן האַלב־אומזיסט.

דאָס מיידל האָט איר שוין מער נישט געענטפערט. זי האָט געזען, אַז די פרוי איז אַריין אין כעס און זי נישט געוואָלט נאָך מער דערצערענען. זי האָט אויסגעטון פון פינגער אַ רינגל, איר עס דערלאַנגט און געזאָגט:

— אָט גיב איך אייך דאָס רינגל צו פאַרקויפן. נאָך מער ווי דאָס גאָלד האָט אַ ווערט דאָס שטיינדל, וואָס איז אין אים איינגעפאַסט.

די פרוי האָט עס גלייך אַ נעם געטון און געזאָגט:

— ביי דיר האָט אַלץ אַ גרויסן ווערט. דו מיינסט מסתם, אַז ביי דעם זייגערל בין איך רייך געוואָרן.

דאָס מיידל האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— איך בין אייך, חלילה, נישט חושד אין גאָרנישט. מעגלעך, אַז איצט זענען אַזעלכע פרייזן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום, איז די פרוי ווידער געקומען און געמאָלדן:

— ס'האָט זיך געענדיקט דאָס געלט.

דאָס מיידל האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. זי האָט געטראַכט: ס'איז דאָך אוממעגלעך, אַז פאַר דעם רינגל מיטן בריליאַנט זאָל זי האָבן גענומען אַזוי ווייניק. זי האָט אָבער געשוויגן, מורא געהאַט מיט איר אָנצו־הייבן.

די פרוי האָט געזאָגט מיט גרויס רחמנות צו זיך:

— איך בין נישט קיין פאַרמעגלעכע... איך האָב קוים אַליין אויף צו לעבן...

דעם מיידל איז איינגעפאַלן:

— איך האָב דאָ אַ קלייד. כמעט אַ ניי'ס. נעמט עס און פרוווט עס פאַרקויפן.

די פרוי האָט באַטראַכט דאָס קלייד און געזאָגט מיט ביטול:

— ווו וועל איך זיך אַרומשלעפן מיט דעם אויפן מאַרק? איך וועל עס פרווון פאַרקויפן אַ שכנטע.

ס'זענען אַוועק אַ צוויי וואָכן. די פרוי האָט דעם מיידל געבראַכט יעדן מאָל עפּעס צו עסן, ביז זי איז אין איינער אַ נאַכט געקומען, אַוועקגע־שטעלט פאַר איר אַ פלאַש מילך מיט אַ ברויט און איר דערקלערט:

— אונדזער חשבון האָט זיך געענדיקט. איך קען דיך שוין מער נישט האַלטן. דו דאַרפסט דיר גיין זוכן אַן אַנדער אָרט.

דאָס מיידל האָט פאַרגעפילט דאָס אומגליק. זי האָט געפרוווט פונ־דעסטוועגן:

— אמת, איך האָב שוין גאָרנישט מער וואָס אייך צו געבן, אָבער איך בעט אייך נישט אָפּצושטעלן דאָס ברענגען עסן. נאָך דער מלחמה וועל איך אייך פאַר אַלץ באַצאָלן טאָפּלט. איך האָב רייכע קרובים אין אַמעריקע.

די פרוי האָט געענטפערט מיט חוזק:

— נאָך דער מלחמה, אַ? און ווען וועט זיך די מלחמה ענדיקן? — אין אַ יאָר אַרום, אין צען? ביז דעמלט וועלן די דייטשן אויך געפינען דעם וועג צו דיינע קרובים.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן האַרב:

— דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך קום צו דיר. מער וועל איך זיך דאָ נישט ווייזן.

און זי איז אַרויס פון דער קאַמער.

דאָס מיידל האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן געלעגער און שטיל געהע־שעט. חיים־חייקל האָט זיך געפונען אין קעלער בעת דעם באַזוך פון דער פרוי. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום מיידלס געלעגער. זי איז געלעגן פאַר־גראָבן דעם קאָפּ אין קישן און אים נישט באַמערקט. ער האָט שטיל אַ מיאַוקע געטון און זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— אוי, ווען איך וואָלט געווען אַ קאַץ — האָט זי געזאָגט דערזעענ־דיק חיים־חייקלען — ווי גוט מיר וואָלט געווען. איך וואָלט נישט געוווסט פון קיין צרות.

דערנאָך האָט זי גענומען חיים־חייקלען אויף די הענט, אים געגלעט און געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָ די גאַנצע צייט? דו מוזסט דאָך דאָ זיך נישט באַהאַלטן ווי איך...

ס'זענען אַוועק עטלעכע טעג. ווי שפּאָרזאַם דאָס מיידל האָט געגעסן, האָט זיך דאָס שפּייז פונדעסטוועגן אויסגעלאָזט. ס'איז שוין אַוועק אַ גאַנ־צער טאָג און זי האָט גאָרנישט געהאַט אין מויל. זי איז געלעגן אויפן גע־לעגער אַ בלייכע און שווער געאָטעמט. וואָס זאָל זי טון? זאָל זי אַרויס־גיין אויף דער גאַס און זיך איבערגעבן די דייטשן, אָדער זאָל זי דאָ אַזוי לאַנג ליגן ביז זי וועט אויסגיין פאַר הונגער?

אַרום האַלבער נאַכט האָט זי געהערט טריט. צו איר גרויסער פאַר־וווּנדערונג און פרייד האָט זי דערזען אַריינקומען די פרוי מיט אַ ברויט און עטלעכע עפּל.

— איך האָב דיר דאָ געבראַכט עפּעס צו עסן — האָט די פרוי גע־

זאָגט — און איך וויל דיר טאַקע אויך עפּעס מודיע זיין. זיי וויסן, אַז איך פאַר אינדערפרי אַוועק צו מיין זון אויף יום־טוב. איך וועל דאָרט ביי אים בלייבן אַ וואָך אָדער צוויי. דו מוזסט פון דאַנען אַוועק, ווייל ווו וועסטו נעמען צו עסן ?

יאָ, ס'איז אַ גוט־צוגעקלערטער פּלאַן, האָט חיים־חייקל ביי זיך גע־קלערט, די פרוי האָט מורא, אַז אויב זי וועט דאָ בלייבן, וועט זי מוזן איר ברענגען עסן. פאַרט זי אַוועק און וועט דעריבער נישט דאַרפן שטיין פאַר אַ נסיון. ער האָט דערוואַרט, אַז דאָס מיידל וועט אָנהייבן וויינען, פאַלן איר צו די פיס און זי בעטן, זי זאָל נישט אַוועקפאָרן, אָדער זי זאָל איר ברענגען שפּייז אויף דער צייט, וואָס זי וועט נישט זיין הי. נאָר דאָס מיידל איז גע־שטאַנען פאַרגליווערט און נישט געענטפערט אַ וואָרט.

ווייזט אויס, אַז דעם מיידלס שווייגן איז פאַר דער פרוי אויך געווען אַן איבעראַשונג. זי איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע און געוואַרט, אַז דאָס מיידל זאָל איר עפּעס זאָגן, אָבער גאָרנישט דערוואַרטנדיק זיך, איז איר געוואָרן אומהיימלעך און זי האָט זיך גענומען הינטערווײַלעכטס צו ריקציען. ווען זי האָט שוין דערפילט די טיר הינטער זיך, האָט זי זיך שנעל אויסגעדרייט און איז אַרויסגעלאָפן.

דאָס מיידל איז געבליבן זיצן אויפן געלעגער אָן באַוועגונג. חיים־חייקל האָט געזען, אַז זי קוקט מיט וואַנזיניקע אויגן אין איין פּונקט. ער האָט זי מער נישט דערקענט און זיך פאַר איר דערשראָקן. וואָס קומט איצט פאַר ביי איר אין מוח ? מיטאַמאָל איז זי האַסטיק אויפגעשטאַנען, אַראָפּגע־צויגן דאָס ליילעך פון געלעגער און עס אָנגעהויבן צו רייסן אין דער לענג אויף שמאָלע פּאַסן. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צונויפדרייען איין פּאַס מיטן צווייטן, ביז זי האָט געמאַכט איין דיקן און שטאַרקן פּאַס. צו וואָס טוט זי עס ? וואָס וויל זי מיט דעם מאַכן ? האָט חיים־חייקל זיך געפרעגט. זי האָט גענומען דעם פּאַס אַריבערציען איבערן באַלקן, אים פאַרבינדן, דערנאָך געמאַכט אַ שלייף. חיים־חייקל איז געבליבן שטיין אַ פאַרציטער־טער :

— זי וויל זיך אויפהענגען !

זי האָט שוין געהאַט די שלייף אויפן האַלדז, נאָר זי פּלוצים אַראָפּ־גענומען, זי איז צוגעגאַנגען צום קעסטל און גענומען פון דאָרט אַן עפּל. אין אים גיריק אַריינגעביסן, ווי ווען זי וועלנדיק צום לעצטן מאָל נאָך פילן די זיסע זאַפט פון לעבן.

חיים־חייקל איז געלעגן אין אַ ווינקל און נישט אַראָפּגענומען אַ בליק פון מיידל. ער האָט געזען, ווי זי האָט ווידער אַרויפגעלייגט די שלייף אויפן האַלדז, ווי זי האָט פאַרצויגן. ער האָט אַ שפּרונג געטון צו איר און אַרויס־געשטויסן אַ יאָמערלעך געשריי. (אַ צייט נאָך דעם, האָט זיך אים געדאַכט,

אַז דעמלט האָט ער נישט אַ מיאוקע געטון, נאָר פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ מענטשלעך קול. דאָס ווייסט ער נישט אויף געוויס, אָבער ער איז זיכער, אַז זי האָט זיך מיט אים געזעגנט, אַז אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט צו אים: „זיי געזונט"...).

עטלעכע טעג איז דאָס מיידל געהאָנגען. ס'האָט זיך קיין מענטש נישט געוויזן אין דער קעלער־קאַמער. ווייזט אויס, אַז די פרוי האָט געהאַלטן וואָרט און איז טאַקע אַוועקגעפאָרן. די שטשורעס האָבן דערשפּירט דעם טויטן גוף און אָנגעהויבן אָפּט זיך צו ווייזן. חיים־חייקל האָט יעדעס מאָל זיי פאַרטריבן. די שטשורעס האָבן אָבער אָנגעהויבן צו קומען אין מחנות. איינער האָט אַפילו געוואַגט אים אַליין איבערפאַלן, אַזוי אַז ס'איז פאַר אים געוואָרן דאָ געפערלעך צו בלייבן ווייטער.

ער קען זי אָבער נישט אַזוי איבערלאָזן אין קעלער, די שטשורעס וועלן איר גוף צעפרעסן. וואָס טוט מען כדי צו וויסן טון די מענטשן, אַז זי ליגט דאָ. העלפן איר, אַז זי זאָל בלייבן לעבן, האָט טאַקע קיינער נישט געוואָלט, אָבער אויב מען וועט געוויר ווערן, אַז זי ליגט דאָ טויט, וועט מען זיך שוין מוזן די מי געבן, כדי זי אַוועקצונעמען פון דאַנען און זי איבערגעבן דער ערד.

חיים־חייקל האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם קעלער און אָנגעהויבן צו קלאָגן. ער האָט אַזוי געקלאָגט אַ שטיקל צייט, ביז ס'האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ פאַרשוין מיט וואָנצעס (ווייזט אויס, אַז דער סטרוזש פון הויז) און אים אָנגעהויבן צו שלאָגן מיטן בעזים. חיים־חייקל איז אַנטלאָפן פאַר די קלעפּ אַראָפּ אין קעלער אַריין. דער סטרוזש איז אַ באַרויקטער זיך אַוועקגעגאַנגען. אָבער חיים־חייקל האָט זיך נישט באַרויקט. דאָ און דאָרט האָט זיך געעפנט אַ טיר און ס'זענען אַרויס די איינוווינער.

— ווער קלאָגט דאָ אַזוי אָן אַן אויפהער? — האָט איינער געפרעגט.

— עפּעס ווי אַ קאַץ וואָלט געמיאַוקעט און עפּעס ענלעך אויף אַ מענטשלעך געוויין — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

ס'האָט זיך באַוויזן דער סטרוזש און ער האָט דערקלערט:

— זייט אַ חודש־צוויי האָט זיך דאָ געיאַוועט אַ קאַץ. זי איז מיר קיינמאָל נישט געפעלן, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן שטיל. פּלוצים האָט זי געגומען מיאַוקען אָן אַן אָפּרו. איך האָב איר נאָכגעיאָגט, זי געשלאָגן, נאָר ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, זי איז שוין ווידער דאָ. דאָס איז נישט קיין קאַץ, נאָר אַ שוואַרצער טייוול. זי שטייט פאַר דער טיר פון קעלער, קומט, וועט איר זי זען.

דער סטרוזש און נאָך צוויי איינוווינער האָבן זיך געלאָזט צום קעלער. ווי נאָר חיים־חייקל האָט זיי דערזען זיך דערנענטערן, האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען אַראָפּ אין קעלער אַריין. זיי זענען אים נאָכגעלאָפן, ער איז

געלאָפן אין דער ריכטונג פון דעם מיידלס קאַמער. ער איז אַריין אין דער קאַמער און זיי — נאָך אים. פלוצים האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט: זיי האָבן דערזען פאַר זיך דאָס געהאָנגענע מיידל.

מער האָט חיים־חייקל נישט געדאַרפט, ער האָט דערגרייכט דאָס זייניקע. ער האָט אַ שפּרונג געטון צום פענצטערל און איז אַרויס אין הויף אַריין. פון דאַנען — אויף דער גאַס.

3

חיים־חייקל האָט זיך נאָך לאַנגן וואָגלען איינגעקוואַרטירט אין אַ שענק. דער שענקער האָט אים אַרויסגעיאָגט איינמאָל און אַ צווייט מאָל, אָבער ער האָט זיך נישט געפוילט און איז אַריין צום דריטן מאָל. דער שענקער האָט ענדלעך נאָכגעגעבן. סוף־כל־סוף, איז דאָך אַ שענק נישט קיין פּריוואַטע וווינונג, נאָר אין אַ געוויסער מאָס אַ רשות הרבים. ווער ס'וויל קען אַריין און אַרויסגיין, גענוג ער זאָל באַשטעלן אַ האַלבע ביר, איז ער שוין אַ גוט־געזעענער גאַסט. דער שענקער טראָגט נישט די אַחריות פאַר אַלע באַזוכער, איז ער אויך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ קאַץ, וואָס גנבעט זיך אַהער אַריין, מעג זי אויסזען נישט נאָר ווי אַ יידישע, נאָר אַפילו ווי אַ שד.

די שענק האָט זיך געפונען ביי אַ מאַרק. דערפאַר זענען אַהער אַריינגעקומען אַ סך הענדלער. אַזוי ווי דער הויפּט־מסחר איז איצט געגאַנגען מיט יידישע זאַכן, האָט חיים־חייקל געהאַט די געלעגנהייט צו זען אַ סך פאַרשוינען, וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן פון אָנגערויבטן יידישן האָב־און־גוטס. מען האָט די בריליאַנטן, די גאָלדענע זייגערלעך און רינגלעך, די מלבושים, קודם געבראַכט אַהער. דאָ האָט מען זיי אָפּגעשאַצט וויפל זיי האָבן די ווערט, און דערנאָך האָט מען זיי אַרויסגעטראָגן אויפן מאַרק צום פאַרקויפן. נאָך אַ גוט געשעפט — און גוטע געשעפטן זענען איצט געווען לרוב — האָבן די הענדלער געמאַכט אַ כוסה.

די דאָזיקע געסט האָבן כמעט נישט באַמערקט חיים־חייקלען. זיי זענען געווען צופיל פאַרטון אין זייערע עסקים. דערפאַר האָט חיים־חייקל כמעט אַלע שוין געקענט. ער איז אויך אָפט געלעגן שטיל אונטערן טיש און זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן. דער עיקר האָט אים אינטערעסירט זיך צו דערוויסן פון זיי, וואָס ס'הערט זיך מיט די יידן. פון זייערע רייד דרינגט ער אַרויס, אַז דער איינציקער ייד אין דער געגנט איז ער, חיים־חייקל, און אויך נישט אין קיין מענטשלעכער געשטאַלט, נאָר בצורת קאַץ. פונדעסטוועגן גייט נאָך ווייטער אָן דער מסחר מיט יידישע זאַכן. דאָס זענען שוין אָבער נישט קיין זאַכן אָנגערויבטע דורך די פּאָליאַקן, נאָר

דורך די דייטשן. מען שמועסט, אַז נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ גרויסער לאַגער. אַהין קומען אָפט גאַנצע עשאַלאָנען מיט יידן. די יידן ברענגט מען אום, זייערע זאַכן לייגט מען אריין אין די מאַגאַזינען, אָבער אַ טייל גנבעט מען אַרויס און מען ברענגט אויפן מאַרק.

דער הויפּט־פּאַרמיטלער אין די עסקים צווישן די דייטשן פון לאַגער און די פּוילישע הענדלער, איז טאַקע אַ דייטש. דער דאָזיקער דייטש אַרבעט איצט אין שטאָט, אָבער ביז צוריק מיט עטלעכע חדשים, האָט ער געאַרבעט אין דער ס.ס. פון לאַגער. ער באַקומט די זאַכן פון לאַגער און גיט זיי איבער זיין שותף, אַן אָרטיקן פּאָלקסדייטש, וואָס האָט שוין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט די פּוילישע הענדלער. ס'מאַכט זיך אָבער טייל־מאָל, אַז דער דייטש קומט אַליין אַראָפּ אין שענק אַריין. דאָס געשעט זייער זעלטן, געשעט עס אָבער, ווערט עס דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ גע־שעעניש פון גרויסער באַדייטונג.

איינמאָל אין אַ זונטיק, האָט ער זיך באַוויזן צוזאַמען מיט זיין שותף און זיין הונט. פאַר די הענדלער איז עס געווען אַ פייערלעכער מאָמענט און דער באַלעבאָס פון שענק האָט עס גערעכנט ווי אַן אַקט פון כבוד און חשיבות אויף זיין פּערזענלעכן חשבון. די פּוילישע הענדלער זענען געזעסן ביי זייערע טישלעך און אים מיט דרך־ארץ באַטראַכט און דער באַלעבאָס אַליין האָט די גאַנצע צייט אַרומגעטאַנצט אַרום זיין טיש, אַלעמאָל אונטערגעטראָגן אַ נייע פלאַש וויין, צי בראָנפן און פאַרבייסנס.

דער דייטש איז געזעסן אַ שטאָלצער. ער האָט זיך טאַקע אַהער אַראָפּגעלאָזט צוליב זייער אַ וויכטיקן און דרינגנדיקן ענין, אָבער חברן וויל ער זיך נישט מיט די פּאָליאַקן. ער איז זיך געזעסן ביי אַ זייטיק טישל מיטן פאָלקסדייטש, געטרונקען געמיטלעך און געשמועסט.

די פּאָליאַקן האָבן טאַקע מורא זיך דערנענטערן צום דייטש, אָבער חיים־הייקל איז שטילערהייט אַרומגעקראָכן אונטערן טיש ווו ער איז געזעסן. חיים־הייקל איז געווען געוואַלדיק נייגעריק צו הערן וועגן וואָס די צוויי דייטשן רעדן צווישן זיך. אין גרעטאָ האָט ער אָפט געזען דייטשן, נאָר נישט אַזוי נאָענט. בעת ער האָט זיי דערזען, האָט ער זיי געפּרוווט אויסמיידן, ווייל יעדע באַגעגעניש מיט זיי האָט געשמעקט מיט סכנה.

דער דייטש האָט, צו חיים־הייקלס גרויסן חידוש, גאָרנישט גערעדט וועגן דער מלחמה און אַפילו נישט וועגן די געשעפטן, נאָר דווקא וועגן זיין הונט.

— אין לאַגער ווו איך בין ביז איצט געווען — האָט דער דייטש דער־ציילט זיין שותף — איז דער הונט געווען זייער באַקאַנט. ער איז געווען דער קליגסטער און פעיקסטער פון אַלע זיינע חברים. ווען עס האָט זיך נאָר באַוויזן אַן עשאַלאָן מיט יידן, איז ער געוואָרן אומרויק, און אָנגע־

הויבן צו בילן. דערנאָך, ווען די יידן האָבן זיך אויסגעטון די מלבושים און מען האָט זיי געטריבן נאַקעטע אין גאַז־קאַמער, איז ער זיי נאָכגע־לאָפן, געריסן פון זיי שטיקער. באַזונדערס, האָט ער ליב געהאַט צו בייסן זייערע געשלעכטס־אברים. אַלע אין לאַגער האָבן מיך מקנא געווען צוליב דעם הונט. איינמאָל קומט צו מיר צו דער אָבער־שאַרפירער רענקע און בעט מיך, אַז איך זאָל אים פאַרקויפן דעם הונט. ניין, זאָג איך, איך וויל זיך מיט אים נישט שיידן. דו ווייסט אָבער וואָס איך גיב דיר פאַר אים, זאָגט ער מיר, אָט זע. און ער נעמט אַרויס אַ גאָלדענעם רינג און גיט אַ פינקל מיטן בריליאַנט פאַר מיינע אויגן. אמת, דער רינג מיטן בריליאַנט האָט די ווערט אַ סך געלט, ענטפער איך, אָבער פונדעסטוועגן נעם איך אים נישט פאַר דעם הונט. קורץ: דער אָבער־שאַרפירער איז אַוועק אַן אומצופרידענער, ער האָט זיך נישט געריכט, אַז איך וועל וואַגן אים אָפּ־צוזאָגן. ווען מיינע חברים האָבן זיך דערפון דערוויסט, האָבן זיי מיר געראַטן אים אָפּצוגעבן דעם הונט, ווייל אויב נישט, וועט ער זוכן דערפאַר אין מיר זיך נוקם צו זיין. פון דעמלט אָן, איז ער טאַקע געוואָרן מיין שונא און מיך ביי יעדער געלעגנהייט שיקאַנירט. איך בין זיכער, אַז אין דעם, וואָס מען האָט מיך אַריבערגעשיקט אויף אַן אַרבעט אויסער דעם לאַגער האָט ער אַ חלק. אמת, דאָ איז די אַרבעט מיינע נישט אַזאַ אָנגע־שטרענגטע, אַ רויקערע, אָבער איך האָב זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו יענעם לעבן. איך באַמי זיך צוצופּאַסן צו דעם נייעם לעבן, צוביסלעך געלינגט עס מיר אַפילו, אָבער דער הונט מיינער, רעקס — נישט. זייט ער איז אַוועק פון לאַגער האָט ער זיך געביטן, געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנ־דערער: ער איז דיק געוואָרן, פויל און טרויעריק. איך קען בשום אופן נישט געפינען קיין מיטל, כדי אים אויפצומונטערן און אויפלעבן.

חיים־חייקל איז אַפּירגעקראָכן פון אונטערן טיש, ער איז נייגעריק געווען צו זען דעם הונט. נישט מער ווי אַ טריט פון אים, איז ער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ווי געדרימלט. זאָל דאָס ער זיין אָט דער רוצח, וואָס וועגן אים האָט זיין באַלעבאָס איצט דערציילט? ער ליגט דאָך שטיל ווי אַ שעפּעלע.

פּלוצים האָט דער דייטש באַמערקט חיים־חייקלען. ער האָט אים גע־נומען באַטראַכטן און חיים־חייקלען איז קאַלט געוואָרן אין גאַנצן גוף. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן וואָס שנעלער פון דאַנען, נאָר זיינע אברים זענען ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. דער דייטש האָט זיך געווענדט צו זיין שותף:

— זע־נאָר די קאַץ! זי האָט דאָך יידישע אויגן!

— ריכטיק, יידישע אויגן — האָט דער שותף מסכים געווען.

אין דייטשס מוח האָט אויפגעבליצט אַ מחשבה: ער וועט אָנרייצן דעם הונט אויף דער דאָזיקער קאַץ. דער הונט וועט אַ ביסל אויפלעבן,

זיך דערמאָנען אַמאָליקע צייטן. אויסער דעם, וועט עס פאַר אים גופא און פאַרן שותף זיין אַן אינטערעסאַנטע פאַרווײַלונג. ער האָט אָנגעהויבן דעם הונט צו פּעטשלען איבער די באַקן, כדי אים אויפצורירן פונעם דרימל און ער האָט בשעת מעשה גערופן:

— רעקס! רעקס!

דער הונט האָט זיך אויפגעשטעלט, שוין לאַנג נישט געהערט אַזאַ דערמונטערנדיק רופן פון זיין באַלעבאָס.

— רעקס! — האָט דער דייטש געשריגן באַפעלעריש וויזנדיק מיט דער האַנט אויף חיים־חייקלען — לאָס! לאָס!

חיים־חייקל האָט אַ קוק געטון דעם הונט גלייך אין די אויגן אַריין. אין דעם הונטס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פייערל. ער האָט דערפילט דעם ריח פון אַ יידן און האָט אָנגעהויבן צו בילן און זיך גרייטן צום שפרונג. יאָ, דאָס וואָס דער דייטש האָט ערשט וועגן אים דערציילט איז אמת — האָט חיים־חייקל אַ טראַכט־געטון — דאָס האָט ער, דער דאָזי־קער הונט געריסן שטיקער פלייש פון זיין טאַטן, פון זיין מאַמען און זיינע ברידער און זיי געיאָגט צום טויט. דאָס איז ער דער אכזר, דער רוצח. אויב ער איבערפאַלט אים איצט, איז פאַר אים נישטאָ מער קיין רעטונג. ער איז זיבן מאָל שטאַרקער פון אים און וועט אים אין איין רגע צערייסן אויף שטיקער. מען מוז זיך דערפאַר פעדערן פאַר אים.

— תמות נפשי עם פלישתים! — האָט חיים־חייקל אויסגעשריגן און אַ שפרונג געטון מיט די נעגל דעם הונט אין די אויגן אַריין.

ס'איז געלונגען. דער הונט האָט אָנגעהויבן פאַר גרויסן ווייטיק ווילד זיך צו וואַרפן און צו וואָיען. אויף דעם האָט זיך דער דייטש נישט גע־ריכט. ער האָט גענומען שרייען מען זאָל שנעל ברענגען אַ וועטערינאַר־דאָקטאָר. עמעצער איז אַרויסגעלאָפן אים צו רופן. דער דייטש האָט זיך באַלד דערמאָנט אין חיים־חייקלען, אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון לעדערנעם טאַש און אים אָנגעהויבן נאָכצויאָגן. חיים־חייקל איז געלאָפן אונטער טישן און אונטער בענק, געפּלאָנטערט זיך צווישן מענטשלעכע פיס, צוגעקומען צו דער טיר, נאָר עמעצער האָט זי שוין געהאַט פריער פאַר אים פאַרמאַכט. ס'איז געשטאַנען אָפן אַ פענצטער, ער האָט אַ שפרונג־געטון, געהערט הינטער זיך אַ שאָס, אָבער די קויל האָט אים אויסגעמיטן, זי האָט פאַרשפּעטיקט — ער איז שוין געווען אויף דער גאַס.

דער דייטש האָט זיך דערמיט נאָך נישט געשטילט דעם כעס. ער האָט געברענט נאָך נקמה, און באַלד האָט חיים־חייקל ווידער געפילט, אַז דער דייטש יאָגט אים נאָך. חיים־חייקל איז געלאָפן און געלאָפן, ער גע־דענקט אַליין נישט ווי לאַנג, ביז ער איז אַריין אין אַ הויז. דער דייטש נאָך אים. חיים־חייקל האָט גענומען לויפן איבער די טרעפ, אַלץ העכער

און העכער אַרויף צום בוידעם — דער דײַטש נאָך אים. חיים־חייקל איז שוין געווען אויפן בוידעם. פּלוצים זעט ער: ס׳איז אים דאָ אַלץ באַקאַנט. אויף דעם בוידעם האָט ער זיך דאָך אַמאָל באַהאַלטן בעת אַן אַקציע איידער ער איז געוואָרן אַ קאַץ. ער קריכט ווידער אַרײַן אין קוימען — אין אַלטן באַהעלטעניש — און מיטאַמאָל פילט ער, ווי דער כישוף לאָזט זיך אויס, ער ווערט אויס קאַץ, ער ווערט צוריק אַ מענטש, אַ ייִד, חיים־חייקל.

און די טריט פונעם דײַטש, הערט ער, קומען אַלץ נעענטער צו אים, אַלץ נעענטער.

צום ברעג

נאָך איידער די דייטשן זענען אַריין אין וואַרשע, איז רעגינע אַנטלאָפן מיט בענעקן אויף דעם וועג צום מזרח. אירע עלטערן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, נישט געוואָלט אַוועקלאָזן די בת־יחידה, נאָר זי האָט זיך איינגעעקשנט: זי וויל נישט בלייבן מיט די דייטשן. דאָס איז געווען אַ סיבה, אָבער נישט די איינציקע. ביז אַהער, האָבן אירע עלטערן נישט מסכים געווען צום שידוך מיט בענעקן, ווייל ער איז געווען אַ קאָמוניסט און זי אויך געפּרוווט אַריבערנעמען אויף זיין וועג. איצט האָט דאָס אַנטלויפן פאַר דעם דייטש אויך געהאָלפן איר צו אַנטלויפן פון די עלטערן, זיך באַפרייען פון זייער רשות.

די עלטערן זענען נישט אַוועק, ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז די מלחמה וועט זיך שנעל ענדיקן. היטלער וועט זיך אַרומזען, אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכן און וועט זיך מוזן מיט בושה און מיט חרפה צוריקציען. נישטאָ קיין סיבה איבערצולאָזן די דירה מיט דעם מעבל און אַלע חפצים אויף הפקר און זיך לאָזן אין אומבאַקאַנטן. ווען ס׳זענען אָבער אַוועק עטלעכע וואָכן און די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן וואָס אַמאָל מער צו באַפעסטיקן און אַרויסווייזן זייער שנאה און רציחה צו יידן, האָט שלמה אייזן מיט זיין ווייב דינה, אין איינער אַ נאַכט פאַרלאָזט וואַרשע, בלויז מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס, און אַוועק קיין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט געוווינט זיינע אַ שוועסטער און זיי האָבן געהאָפט זיך צו איר צוטוליען ביז די וועלט וועט ווערן ווידער וועלט.

אין ביאַליסטאָק האָבן די אייזנס באַמיט זיך צו דערוויסן ווהין ס׳איז אַנטלאָפן זייער טאָכטער. זיי האָבן באַקומען אַ ידיעה, אַז זי געפינט זיך אין לעמבערג. אויב אַזוי, איז גוט. זי געפינט זיך אויך אויף „דער״ זייט. באַלד איז אָנגעקומען דער ערשטער בריוו פון רעגינען. זי וווינט צוזאַמען מיט בענעקן. בענעק לערנט אין אַ לערער־סעמינאַר און זי אַרבעט אין אַ פאַבריק. זי איז אַפילו געוואָרן אַ סטאַכאַנאָווקע.

די מוטער איז נישט געווען איבעריק צופרידן:

— אַ שיינער תכלית, גישטאָ וואָס צו זאָגן! געוואָרן אַ פּשוטע אַרבעטערין אין אַ פאַבריק!

נאָר דער פאָטער האָט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג:

— ס'שאַט נישט, זאָל זי פילן דעם טעם פון אַרבעט. זי איז שוין געווען צופיל צעבאַלעוועט.

די מוטער האָט תיכף געשריבן דער טאָכטער, אַז זי זאָל קומען קיין ביאַליסטאָק. נאָר רעגינע האָט געענטפערט, אַז זיי זאָלן קומען צו איר קיין לעמבערג. רעגינע האָט ביז דער מלחמה נישט פאַרדינט קיין גראָשן, אַפילו נישט אויף אַ פּאָר זאָקן, צי אויף אַ בילעט אין קינאָ. אויף אַלץ האָט געמוזט געבן דער פאָטער. זי האָט זיך אויך אפילו נישט אָפּגעגעבן מיט דער שטוב־ווירטשאַפט. נישט געוווסט פון וואַשן און קאָכן. די מוטער האָט וועגן דעם געזאָרגט. די עלטערן פלעגן זי מוסרן דערפאַר. ווען זי איז אָבער איצט פּלוצים געוואָרן זעלבסטשטענדיק — אַ זאַך, וואָס ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט זי זיי געווען געפרייט — איז עס פאַר זיי געווען אַן איבערראַשונג נישט קיין אָנגענעמע. ממש אַ קלאַפּ נישט אַריבערצוטראָגן. זיי האָבן אויך געקלערט, אַז דאָס אַריבערקומען צו דער טאָכטער מיטן איידעם דאַרף דינען ווי אַ הסכמה צו דעם שידוך, ווי אַ הסכמה צו דער נייער אָרדענונג — גיין, דאָס וועט זי נישט פּועלן. די בריוו זענען געגאַנגען אַהין און צוריק אין משך פון חדשים. נישט די עלטערן האָבן געוואָלט נאָכגעבן און נישט די טאָכטער.

אינצווישן האָט דעם סכסוך אין דער משפּחה איבערגעריסן דער סכסוך צווישן פעלקער. די דייטשן זענען איבערפאַלן רוסלאַנד. די מלחמה האָט תיכף צעטיילט די עלטערן פון דער טאָכטער, ווידער האָבן שלמה אייזן מיטן ווייב גענומען די רוקזעק (זיי זענען שוין געווען אַ סך מאָגערער, ווי בעתן אַרויסגיין פון וואַרשע — זיי האָבן פיל זאַכן אויספאַרקויפט) און מיט דעם ערשטן עשאַלאָן זיך געלאָזט קיין מינסק. פון מינסק קיין מאָסקווע. פון דאָרט דורך קויבישעוו — אַראָפּ־אַראָפּ, אַזש ביז אין אוזבעקיסטאַן.

די ערשטע צייט זענען זיי געווען פאַרטון מיט זיך. זיי האָבן אַפילו באַקומען אַ קיביטקע, אָבער אין איר איז גאָרנישט געווען. מען האָט געדאַרפט זאָרגן וועגן מאַכן אַ שטיקל געלעגער ווו צו קענען שלאָפן און אויף וואָס צו עסן, אָדער זיצן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ טעפּל, אַ טעלער, אַ לעפל, אַביסל שפּייז, זייף, שוועבעלעך. ס'איז נישטאָ אין דאָרף קיין עלעקטריש ליכט, דאַרף מען זיך פאַרשאַפן אַ לעמפּל און נאַפט. זיי זענען ערשט איצט געוווּיר געוואָרן פון וויפל דריבנע זאַכן, פון וויפל קלייניקייטן ס'שטעלט זיך צונויפקומען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן. דערצו וויפל ענערגיע מען דאַרף פאַרלירן, כדי יעדע קלייניקייט צו דערגרייכן! מען

ווערט אַריינגעצויגן אין געיעג. דערגרייכט מען זיי — איז עס אַ נצחון, אַ גליק. דערגרייכט מען זיי נישט, איז מען טרויעריק, אומגליקלעך. מען פאַרגעסט אין נעכטן, מען קלערט נישט וועגן מאָרגן. ס׳איז פאַראַן נאָר דער היינט. און דער היינט הייסט: אַ טאָג, אַ שעה, אַ רגע — נישט מער.

ס׳זענען אַוועק אַ חודש און צוויי, אַביסל האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט און אַביסל האָט מען זיך שוין צוגעוווינט נישט צו זיין איינגעאָרדנט. דעם טאָג פלעגט מען נאָך אָפּשטופּן מיט דער אַרבעט, דעם אָוונט — מיטן צוגרייטן די וועטשערע, אָבער מיט דער נאַכט האָט מען זיך נישט גע־קענט געבן קיין עצה. צוליב דעם זשאַלעווען נאַפט איז מען געלעגן אויף די געלעגערס אין דער פינצטער. שלמה אייזן פלעגט דעמלט אָפט קלערן פון דער טאָכטער, נאָר ער האָט דעם צער פאַרגראָבן אין זיך. דינה, דאָס ווייב זיינס, האָט אָבער געמוזט געבן דעם צער אַ קול.

— מיר ליגן זיך דאָ אויף די געלעגערס — האָט זי געקרעכצט — און רעגינע, וואָס טוט זי איצט? ווו וואַלגערט זי זיך אַרום?

זי פלעגט זיך אויך מאַכן פאָרוורפן פאַרוואָס זיי זענען נישט געפאָרן צו דער טאָכטער קיין לעמבערג. זיי וואָלטן כאָטש געווען צוזאַמען. זאָל זיין אַפילו אין צרות. ער פלעגט איר ענטפערן, אַז קיינער איז נישט קיין נביא. מען האָט פריער נישט געקענט וויסן, וואָס ס׳וועט געשען. האָט די מוטער סתם גענומען רעדן וועגן דער טאָכטער. אָנגעהויבן אַזש פון איר געבוירן ווערן אָן. ווי זי האָט זיך געבאָוועט, וואָסערע קראַנקייטן זי איז דורכגעגאַנגען אין די קינדער־יאָרן, ווען זי איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין שול אַריין, אירע ערשטע קינדערשע חכמות. וואָסערע קליידער ס׳האָבן איר געפּאַסט און וואָסער פריזור. יעדער פרט פון דער טאָכטערס לעבן און יעדער שטריך פון איר פנים, איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן. אַזוי יעדע נאַכט, אָן אַן אויפהער.

טיילמאָל האָט שלמה שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן.

— דינה! — האָט ער געשריגן — דינה, אפשר וועט שוין זיין גע־נוג? יעדע רגע מוזסטו אויפבינדן די וווּנד, אַה? און איך, וואָס מיינסטו, איך בין נישט קיין טאַטע? ס׳האָט דאָך אַלץ אַ שיעור און אַ מאָס! דו מאַכסט דאָך דיך און מיך קראַנק און משוגע!

איז די מוטער אַרוים מיט אַ טענה:

— מיר זיצן זיך דאָ רויק און טוען פאַר איר גאָרנישט! מיר דאַרפן נישט רוען! מיר דאַרפן זי זוכן!

— ווו וועסטו זי זוכן? דו מיינסט, אַז רוסלאַנד איז פּוילן? — ס׳איז אַ וועלט! דערצו נאָך איצט, בעת אַ מלחמה, אין אַזאַ בהלה!

ס׳איז איר איינגעפאַלן, אַז אויב מען קען נישט פאָרן זי זוכן, זאָל מען זי כאָטש זוכן דורך בריוו. פאַר די לעצטע עטלעכע רובל, וואָס זיי

האָבן פאַרמאָגט, האָט זי געקויפט שרייב־פּאַפּיר, קאָנווערטן און פּאָסט־מאַרקעס. וווהין האָט זי דאָס אַלץ נישט געשריבן? — זי האָט ערגעץ געפונען אַ מאַפּע פון רוסלאַנד און גענומען אויסקלויבן שטעט. קודם, די הויפּט־שטעט פון יעדער רעפּובליק. שפּעטער, די קלענערע, די נאָך קלע־נערע, די בריוו זענען געווען געווענדט אויפן אַדרעס פון שטאָט־ראָט. ס'איז אָבער נישט געקומען קיין ענטפער.

דעמלט האָט זי אָנגעהויבן קלערן, אַז רעגינע איז געבליבן אין לעמ־בערג. זי האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען ידיעות פון די ערטער, וואָס די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט און זייער טרויע־ריקע. מען האָט איבערגעגעבן, אַז די דייטשן הרגענען די יידן אויפן אָרט, אָדער פאַרשיקן זיי אין לאַגערן. אַ טייל לעבט אין געטאָס און גייט דאָרט אויס צוביסלעך פון הונגער און פון קראַנקייטן. דינה איז נישט געשלאָפן דורך די נעכט. זי פלעגט זיך אויפזעצן אויפן געלעגער, זיך ברעכן די הענט און וויינען:

— ווי איז מיר און ווינד! דו ביסט, קינד מיינס, אין די הענט פון די רוצחים! דו ביסט הונגעריק, דו ביסט קראַנק!

אָדער:

— מען שלאָגט דיך, קינד מיינס, מען פּייניקט דיך און איך, דיין מאַמע, קען דיר נישט העלפן!

טייל מאָל איז שלמה אַפילו מקנא געווען זיין ווייב. איר גאַנצער אומ־גליק און צער האָט באַקומען איין נאָמען: רעגינע. ווען ס'ווערט איר שווער אויפן האַרצן, קען זי דעם נאָמען אויסרופן, אויסוויינען און אויסיאָמערן. זיין אומגליק האָט אָבער אויסער רעגינעס נאָמען נאָך אַזוי פיל, אַזוי פיל נעמען. ער איז ביז צו דער מלחמה געווען אַ ציוניסט, אָבער ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע לעבן אַרום: דעם שטייגער, דאָס לשון, דעם אימ־פּעט. ער איז געווען אַן עסקן אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס. אַ סך מי און מסירת נפש איז זיי אַריינגעלייגט. האַלבע נעכט פאַרבראַכט אויף זיצונגען. דאָס ווייב פלעגט צו אים כסדר האָבן טענות, אַז ער פאַרנאַכלע־סיקט צוליב דעם די אייגענע משפּחה, די אייגענע עסקים. ער האָט אָבער ווייטער געטון דאָס זייניקע. וועט איצט דאָס אַלץ אָפּגעווישט ווערן? וועט טאַקע פון דעם אַלעמען נישט בלייבן קיין זכר? — נישטאָ פון וועמען צו דערוואַרטן אַן ענטפער אַחוץ פון דער צייט.

ב.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, בעת שלמה איז געשטאַנען און צעהאַקט אַ קלעצל האָלץ אויף קלענערע שטיקלעך און דינה האָט זיך געפּאָרעט ביי

דער קיך, צוגעגרייט אַ זופּ, האָבן זיי פּלוצים געהערט, ווי עמעצער פרעגט זיך אויף זיי ביי אַ שכנטע. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און ס'האָט זיך באַוויזן בענעק.

די מוטער האָט אַרויסגעשטויסן אַ געשריי. איר האַנט, וואָס האָט גע־מישט מיט אַ לעפל די זופּ, האָט אַ שלעפּ געטאָן דאָס טעפל און די זופּ האָט זיך צעגאָסן איבער דער ערד. די מוטער איז געפאַלן אין חלשות. שלמה און בענעק האָבן זיך צו איר אַ וואָרף געטון און זי גענומען מינ־טערן. ווי נאָר זי האָט געעפנט די אויגן, האָט זי געפרעגט בענעקן:

— און רעגינע? וו איז רעגינע?

ווייזט זיך אַרויס, אַז בענעק ווייסט אויך נישט וו זי איז. ווי נאָר די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט מען אים מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. ער איז דאָרט געווען עטלעכע חדשים ביז מען האָט אים באַפרייט, ווייל ער שטאַמט פון פּוילן. ער האָט רעגינען געזען צום לעצטן מאָל אין לעמבערג. וואָס ס'איז מיט איר שפּעטער געשען, ווייסט ער נישט. ער האָט געהאָפט פון זיי זיך עפּעס צו דערוויסן.

— און ווי אַזוי ביסטו געוויר געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך דאָ?

— האָט אים שלמה געפרעגט.

— פון בוגורוסלאַן. איך האָב זיך דאָרט געפרעגט אויף אייך, האָט מען מיר געגעבן אייער אַדרעס. איר האָט אַמאָל געשריבן אַהין, געפרעגט זיך אויף רעגינען.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. פאָטער און מוטער זענען געווען אָנ־טויישט, צעבראָכן. בענעק איז געשטאַנען פאַר זיי, ווי אַ שולדיקער. איך האָב צוגעכאַפּט ביי זיי די טאָכטער, האָט ער געקלערט, און זי ערגעץ גע־לאָזט אויף הפקר. ס'וואָלט אוודאי גלייכער געווען נישט אַהער צו קומען. בלויז אויפגערירט די ווונד ביי די עלטערן.

פלוצים האָט דינה באַמערקט די צעגאָסענע זופּ אויף דער ערד. זי האָט גענומען דעם בעזעם און אָנגעהויבן צונויפשאַרן אין אַ ווינקל די שטיקלעך קאַרטאָפל מיט לאָקשן. בשעת מעשה האָט זי געזאָגט בענעקן:

— די זופּ... אַ שאָד די זופּ... איך האָב נישט מער קיין קאַר־טאָפל... קיין טראָפּן בוימל... דו ביסט מסתם הונגעריק, אַה?

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט בענעק געעפנט זיין רוקזאַק און ווי אַ קונצנמאַכער ציט אַרויס סטעגנגעם פון האַלדז פאַר די אויגן פון זיין פאַר־גאַפטע פּובליקום, האָט ער אָנגעהויבן פון דאָרט אַרויסצונעמען אַ ברויט, וורשט, אַ שטיק פעטס, צוקערלעך. דינה האָט יעדע זאַך באַטראַכט און באַטאַפּט מיט גרויס גיריקייט. שוין לאַנגע חדשים, אַז זי האָט ביי זיך נישט געזען אַזאַ עשירות.

— נעמט, שוויגער — האָט בענעק געזאָגט. דאָס וואָרט „שוויגער“

האָט ער אַרויסגעזאָגט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן און ס'האָט איצט עפּעס מאָדנע אויסטערליש געקלונגען — געמט, שווינגער, דאָס אַלץ צו.

דינה האָט זיך גענומען מיט נייע כוחות צוגרייטן אַ פרישע וועטשע־רע.

בענעק האָט געגעכטיקט ביי זיי. ער איז שוין בכלל געבליבן ביי זיי וווינען. די ערשטע צייט האָט דינה געהאַלטן אין איין אויספרעגן בענעקן וועגן איר טאָכטערס לעבן אין לעמבערג בעת זי איז געווען פון איר צע־שיידט. בענעק האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ דאַנק זיינע זכרונות, וועט ער באַ־רעכטיקן דאָ זיין אָנוועזנהייט. צוליב דעם האָט ער דערציילט באריכות יעדן פּרט. די מוטער האָט נאָך אַלץ מער פאַרלאַנגט. נאָך אַ קורצער צייט, האָבן איִם שוין אָנגעהויבן אויסצופעלן פּרטים און ער האָט זיך געמוזט אַרויסהעלפן מיט דער פאַנטאַזיע. אַריין אין אַ געוועב פון אויסטראַכטע־נישן און זיך נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן. ענדלעך האָט ער באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל דערמיט מאַכן אַ סוף.

ווען דאָס איז געשען, איז דינה פון אים אָפּגעפאַלן, ווי ס'פאַלט אָפּ אַ פּיאַווקע פון אַ רוקן נאָכן אָנזויגן זיך מיט בלוט. זי האָט צו אים פאַר־לוירן יעדן אינטערעס, עלעהיי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער, אַ סובלאָ־קאַטאָר. פאַר דעם מאַן האָט זי אַמאָל אַ זאָג געטון:

— דאָס אייגענע קינד וואַלגערט זיך ווער ווייסט ווו אַרום און פאַר איִם — מאַך איך יעדן אָוונט דאָס געלעגער!

אַ צווייט מאָל האָט זי אפילו אַ בורטשע געטון:

— אַן איידעם אָן בויך־ווייטיק!...

נאָר די ביידע מענער האָבן זיך דווקא דערנענטערט איינער צום אַנ־דערן. זיך דערלאַנגט די הענט איבער איר קאָפּ. איינמאָל, אין אַן אָפּרו־טאָג, האָט שלמה אַרויסגענומען פון דער וואַליזע אַ תנ"ך און אָנגעהויבן אין דעם אַריינצוקוקן. דאָס איז געווען דאָס איינציקע בוך, וואָס ער האָט באַ־וויזן מיט זיך מיטצונעמען. ער האָט אַלץ מער געפונען דאָרט שטעלעס, וואָס האָבן גערעדט צו זיין געמיט. ס'איז צוגעקומען בענעק.

— אה, אַ תנ"ך'ל! — האָט ער אויסגערופן.

שלמה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. באַטראַכט בענעקן און אַ זאָג געטון:

— אַ פאַרעלטערטע זאַך, אה? — און דערנאָך, ווי ער וואָלט געפונען אַ ריכטיק וואָרט, צוגעגעבן — אָפּיום...

בענעק האָט זיך פאַררויטלט:

—פאַרוואָס קלערט איר אַזוי וועגן מיר?

שלמה האָט אים אויסגעפּרווט מיטן בליק:

— האָט זיך ביי דיר עפּעס געביטן?

— איך מיין, אַז יאָ — האָט בענעק געענטפערט.

ס'איז געווען אַ ווײַלע שטיל. בענעק האָט אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט מתוודה זיין, זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרץ:

— אין די קינדער־יאָרן האָב איך געלערנט תנ"ך אין אַ חדר, נאָר שפּעטער האָב איך זיך פון אים אינגאַנצן דערווייטערט. פאַר דעם לעצטן יאָר איז מיר אויסגעקומען אַזוי פיל צו לייענען און צו הערן וועגן די רוסישע מלכים און העלדן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו קלערן, אַז מיר יידן, האָבן דאָך אַמאָל געהאַט אייגענע מלכים און גבורים. ווען איך בין געלעגן אין די אָקאָפּעס, זענען פאַר מיר מיטאַמאָל אויפגעשטיגן יענע בילדער. איך האָב זיך געזען פלוצים קעמפן קעגן די פּלישתים, קעגן די בבלים, גריכן רוימער...

שלמה האָט אָנגעכאַפּט בענעקן פאַרן אָרעם. אים געדריקט שטאַרק. זיין שטים האָט געציטערט:

— בענעק... בע־נעק!...

בענעק:

— און איך האָב זיך אפילו דערמאָנט, אַז איך הייס גאָר בן־ציון...

פון דעמלט האָבןביידע צווישן זיך אַ בונד פאַרשניטן, ווי ביידע וואָלטן געווען פאַרבונדן מיט איין און דעם זעלבן געהיימניש. ס'איז געווען באמת אויסטערליש: אין דער היים זענען זיי זיך געווען פרעמד, אין דער ווייטנס. ערשט ווען זיי זענען פאַרוואָרפן געוואָרן אויף טויזנטער קילאָמעטער ווייט — האָט איינער דעם אַנדערן געפונען און געוואָרן צווישן זיך היימיש, נאָענט.

בענעק איז געוואָרן אַ לערער אין דער דאָרפישער שול. ער האָט אפילו געהאַט געענדיקט בלויז איין יאָר פון סעמינאַר, אָבער איצט, בעת ס'איז אַזאַ גרויסער מאַנגל אין לערער, איז מען איינגעגאַנגען אויף פשרות. דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט און אויך די שפּייז־פּראָדוקטן וואָס ער האָט באַקומען צוגעטיילט, האָט ער איבערגעגעבן דער שוויגער. ער האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערע חשבונות. אָנגעהויבן פון דער דערוואַרטונג און בענקשאַפט נאָך דעם זעלבן מענטשן, האָט ער אַלץ אַריינגעגעבן אין שותּפות.

ס'איז אַוועק אַ ווינטער. די ערד, וואָס איז חדשים געווען צעווייקט פון די כסדרדיקע רעגנס, האָט זיך געגומען, ווי אַ וווּנד — צוטריקענען, פאַרהיילן. די ביימער האָבן זיך אָנגעטון אין ווייסן, ווי יונגע כלות. מיידלעך האָבן ווידער אָנגעהויבן דורכצופלאַטערן שלאַנקע, לופטיקע, אין העלקאָלירקע קליידער. פון זייערע קעפּ זענען אַראָפּגעהאָנגען לאַנגע, געדיכטע, שוואַרצע צעפּ, און אויפן קאָפּ — טיוביטעיקעס, אויסגעשטריקטע, געבלימטע.

בענעק האָט געלערנט אין שול. ס'זענען דאָרט אויך געווען שילערינס פון דרייצן און פערצן יאָר. אַ מיידל ביי דעם עלטער אין פוילן איז נאָך כמעט אַ קינד, דאָ — ווערט זי פרי רייף. נישט איינמאָל, בעת ער רופט אַרויס אַזאַ מיידל צום טאָוול זי זאָל אויף אים מאַכן אַ חשבון, קוקט ער אויף איר אַ הונגעריקער. פאַרגעסט אין אייגענעם חשבון.

ער ווערט אָבער קיין איינע פון זיי נישט פאַרטשעפּען. דערצו סטייעט אים נאָך כוח. שווערער איז זיך אַנטקעגנצושטעלן ניורען, דער רוסישער לערערין. זי איז יונג און איר געזונטער קערפּער פאָדערט דאָס זייניקע. זי מאַכט דערפון נישט קיין סוד. אַנומלט האָט זי אים געזאָגט:

— איך קען מיר נישט קויפן קיין שיינע קליידער, איך קען מיר אויך נישט קויפן צו עסן וואָס איך וויל, אָבער פאַרוואָס זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון דער איינציקער הנאה, וואָס איך קען יאָ דערגרייכן?

ער באַגראָבט זיין לײַדנשאַפט טיף אין זיך, אָבער זי, ווי פּשוט און נאַטירלעך זי רעדט דערפון. זי איז דאָך גערעכט. פאַראַן נעכט, ווען ער קען ממש נישט איינליגן אויפן געלעגער. יעדעס מאָל זעט ער ניורען פאַר די אויגן. קושט זי, האַלדזט זי. ער פּרוווט זי מיט אַלע כוחות פאַרטרייבן, נאָר זי קומט ווידער און ווידער צוריק. איינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון די דאָ־זיקע מחשבות און בילדער קען ער נישט, באַמיט ער זיך כאָטש ניורען פאַרבייטן אויף רעגינען. אַרויסרופן טיילן פון איר גוף און פאַרשידענע צערטלעכקייטן, וואָס ער האָט פון איר אַמאָל באַקומען, אָדער ער האָט איר אַרויסגעוויזן.

ער האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז די שוויגער קוקט אים נאָך ווו־הין ער גייט און מיט וועמען. ניורע האָט אים דערציילט, אַז איינמאָל, בעת זי האָט אים געדאַרפט האָבן צוליב אַ דרינגנדיקן שול־ענין און איז געגאַנ־גען צו זיי אין שטוב אַריין, האָט די אַלטע זי לאַנג אויסגעפאָרשט. באַמיט זיך מיט אַלע מיטלען אַרויסצוקריגן פון איר, צי עפּעס קומט פאַר צווישן זיי ביידע. וואָלט ער געווען אירער אַ זון צי אַ ברודער, מעג ער אָפּטון וואָס ס'זאָל נישט זיין און ער בלייבט אַלץ אַן אייגענער. ער איז אָבער פאַרבונדן מיט איר נאָר דורך רעגינען. ניין, נאָך ווייניקער: בלויז דורכן זכר נאָך רע־גינען. אויב ער פאַרשוועכט דעם דאָזיקן זכר — דעמלט רייסט זיך אַלץ איבער. האָט ער נישט מער וואָס צו טון אין דער דאָזיקער שטוב. אויסער דעם, וואָלט רעגינע דאָ געווען וואָלט נאָך געווען מעגלעך, אַז ער זאָל אַמאָל אַ פלירטעווע טאָן מיט אַן אַנדערער. אין איר אָפּוועזנהייט, בעת זי געפינט זיך אפשר אין אַ געטאָ צי אין אַ לאַגער, הונגערט, ווערט געפּייניקט — טאָר ער נישט. ס'איז צו אַ גרויסער זינד!

שלמה האָט געזען, אַז בענעק ראַנגלט זיך, מאַטערט זיך. טיילמאָל האָט ער אפילו געמוסרט דאָס ווייב פאַרוואָס זי שפּירט אים נאָך. שטיל

אין האַרצן האָט ער אָבער געוואָלט דאָס זעלבע, וואָס דאָס ווייב: בענעקן אויפהאַלטן אַ ריינעם, אַ געטרייען פאַר רעגינען. און ער האָט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל דעם איידעם געבן כוח בייצושטיין די נסיונות.

ג

די רויטע אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן רוקן פאָרויס. ווי נאָר זי איז צוגעקומען צו די גרענעצן פון פוילן, זענען די פּליטים פון דאָרט געוואָרן אומרויק. ס'האָבן זיך אויפגעוועקט האָפענונגען. ביז אַהער האָט מען גע־הערט און געלייענט פון די אכזריותדיקע שחיטות, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט אויף יידן, נאָר אפשר איז דאָס געווען אַ גוזמא? זיי האָבן טאַקע געפּייניקט, געהרגעט, אָבער מיליאָנען — דאָס איז דאָך נישט צו גלייבן!

זיי האָבן געהרגעט מיליאָנען, האָט איין ידיעה נאָך דער אַנדערער באַשטעטיקט. אויב אַזוי, האָט זיך יעדער געטראַכט, אפשר האָט זיך פּונקט צווישן די געציילטע לעבן־געבליבענע געראַטעוועט אַן אייגענער? מען האָט אָנגעהויבן שרייבן בריוו צו די מאַגיסטראַטן, צו די גמינעס אין די באַפריי־טע ערטער. באַלד זענען אָנגעקומען די ערשטע ענטפערס. אין זיי האָט זיך געפילט שנאה, שאָדנפרייד:

די דייטשן האָבן אַלע יידן אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט.
די דייטשן האָבן די יידן אויסגעהרגעט אויפן בית עולם.
ביי אונדז זענען מער נישטאָ קיין זשידקעס.

בענעקן איז געוואָרן שווער צו לערנען אין שול. ער האָט פאַרלוירן דעם געדולד. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, האָט זיך געהאַלטן אין איין טועה זיין, פאַרגעסן. זיינע תלמידים האָבן עס גלייך באַמערקט און דאָס אָנגעהויבן אויסצונוצן פאַר זיך: געוואָרן פאַרשייט און פאַרלוירן צו אים דעם דרך ארץ. טיילמאָל האָט בענעק געפּרוווט זיי איינגעמען מיט צופיל גוטסקייט, טיילמאָל מיט צופיל בייזקייט. ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און נישט מער געווען בכוח זיי באַהערשן.

ווען לעמבערג איז באַפרייט געוואָרן, האָט שלמה גלייך אַהין אַוועקגע־שריבן אַ בריוו צום שטאָט־ראָט, זיך אָנפרעגנדיק אויף רעגינען. יעדעס מאָל, בעת דער בריוו־טרעגער איז פאַרבייגעגאַנגען, זענען מאַן און ווייב פאַרציטערט געשטאַנען: אפשר? אפשר? — ניין. ער שטעלט זיך נישט אָפּ ביי זייער הייזל, ער גייט ווייטער. זיי האָבן געוווסט, אַז אָט און ס'וועט נעמען אַ סוף. זיי ייעלן זיך מוזן צעשיידן מיט בענעקן. ווי לאַנג איז דען מעגלעך אים צו פאַרהאַלטן? ער איז אַ יונגער מענטש און קען נישט לעבן בלויז מיט זכרונות. ער וועט וועלן זיך בויען אַ לעבן פונסניי.

איינמאָל האָט זיך פונדעסטוועגן דער בריוו־טרעגער אָפּגעשטעלט

ביי זייער הייזל. ער האָט געבראַכט אַ בריוו פון רעגינען. אַ קורץ בריוול, נאָר מער האָבן זיי נישט געדאַרפט. אין בריוו גיט איבער רעגינע, אַז זי איז אַ צייט געווען אויף דער אַרישער זייט און דערנאָך האָט זי זיך געפונען מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אין פאַרשידענע וועלדער. זי איז געזונט און לאָזט זיי גריסן. דאָס בריוול האָט יעדער געמוזט לייענען באַזונדער. מען האָט עס געלייענט נאָך און נאָך אַמאָל. שלמה מיט דינהן האָבן געקוקט אויף בענעקן מיט טריומף, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— נישט בחינם פון דיר פאַרלאַנגט אַ קרבן. ס'איז כדאי געווען צו וואַרטן.

אין אָוונט זענען אַלע דריי געזעסן און געשריבן בריוו צו רעגינען. פאַר די עטלעכע יאָר האָט זיך אָנגעזאַמלט אַזוי פיל בענקשאַפט, אַז זי האָט איצט אַ פלייץ-געטון און פאַרשווענקט יעדע מחשבה. דינה האָט בעתן שרייבן געהאַלטן אין איין כליפּען און ווישן זיך די טרערן פון די אויגן. שלמה האָט געשריבן ערנסט, באַטראַכט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאַטן פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער. בענעק האָט שנעל אָנגעשריבן עטלעכע שורות און באַלד צעריסן דאָס בריוול. אָנגעהויבן צו שרייבן אַ צווייטס און עס אויך צעריסן. דאָס דריטע בריוול האָט ער אָוועקגעשיקט, אָבער ער איז נישט געווען צופרידן. מיט איין מאָל לאָזט זיך עס טאָקע נישט אַרויסשרייבן.

בענעק האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט אין שטוב ווי אַ חתן, וואָס איז געקומען צוגאַסט צו די עלטערן פון זיין כלה. אַזוי ווי די כלה איז נישטאָ באַקומט ער דערוויי'ל פון אירע עלטערן אויך די טייל ליבשאַפט, וואָס גע-הערט צו איר. די עלטערן איז נישט אָנגעגאַנגען, וואָס רעגינע מיט בענעקן האָבן שוין אַמאָל ערגעץ געווינט צוזאַמען. זיי וועלן זיך איצט צונויפקומען, וועט מען ערשט פּראַווען די אמתע חתונה!

ס'איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון רעגינען. זי האָט געשריבן, אַז זי פאַרלאָזט לעמבערג און פאָרט אַרויס קיין לובלין. פון דאָרט וועט זי זיי צווויסן-טון איר נייעם אַדרעס. זי האָפט, אַז בקרוב וועלן זיי אויך קענען אַהין פאָרן און מען וועט זיך טרעפן. ביים סוף פון בריוול האָט זי געלאָזט גריסן בענעקן.

פאַר די עלטערן איז עס געווען אַ קלאַפּ. וואָס איז דאָס? פאַרוואָס איז זי נישט גלייך געקומען אַהער? פאַרוואָס פאָרט זי פּלוצים קיין לוב-לין? איז מען נאָך ווייניק געווען צעשיידט? ווער ווייסט, ווען מען קען זיך ווידער זען. בענעק איז געשטאַנען אַ בלייכער, אַ פאַרשעמטער: אויף זיין לאַנגן בריוו, וואָס ער האָט איר געשריבן, האָט זי געענטפערט בלויז מיט אַ גרוס. אַזאַ גרוס שיקט מען צו אַ שכן, נישט צו קיין מאַן. אַזאַ גרוס שיקט מען בלויז, כדי יוצא זיין. דאָס איז דאָך נישט מעגלעך צו באַנעמען!

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון רעגינען. דעם

בריוו האָט אָפּגענומען בלויז דינה. שלמה און בענעק זענען דעמלט נישט געווען אין שטוב. זי האָט געעפנט דעם בריוו, איז איבערגעלייענט און איז געוואָרן צעמישט: רעגינע שרייבט, אַז זי וווינט אין לובלין מיט אַ צווייטן מאַן. זי איז מיט אים געווען צוזאַמען אין וואַלד און דאָרט האָבן זיי זיך ליב באַקומען. זי בעט די עלטערן, אַז זיי זאָלן דאָס איבערגעבן בענעקן, זאָל ער זיך נישט מער מאַכן קיין האָפענונגען.

ווען שלמה איז אַהיימגעקומען, האָט זי אים געגעבן דעם בריוו צו לייענען. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— דאָס איז דאָך שרעקלעך!

— מען דאַרף איר שרייבן. מען דאַרף איר אויפקלערן! — האָט דינה געזאָגט אויפגערעגט.

שלמה איז געווען אינגאַנצן פאַרצווייפלט:

— וואָס וועט העלפן אונדזער שרייבן און אונדזער אויפקלערן? אַז זי שפּאַרט זיך איין, וועט גאָרנישט העלפן. ווען מיר זענען געווען נישט פון דער ווייטנס, ווי איצט, נאָר מיט איר צוזאַמען אין וואַרשע און זי האָט אויסגעקליבן בענעקן, האָט געהאָלפן אונדזער טענהן און רעדן?

ווי מאָדנע דער מצב האָט זיך געענדערט. צוריק מיט עטלעכע יאָר זענען זיי געווען קעגן רעגינען, ווייל זי האָט זיך אויסגעקליבן בענעקן פאַר אַ מאַן. איצט האָט אים רעגינע איבערגעלאָזט און זיי שטייען און זאָרגן זיך, זוכן עצות, ווי אַזוי צו פועלן ביי איר, אַז זי זאָל אים נעמען צוריק.

גלייך ביים אַריינקומען האָט בענעק דערקענט אויף די שווער און שוויגער, אַז ס'איז געשען עפּעס נישט קיין גוטס.

— פאַרוואָס זיצט איר אַזעלכע טרויעריקע? — האָט ער געפרעגט.

— ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פון רעגינען — האָט שלמה געענטפערט און אים דערלאַנגט דעם בריוו.

בענעק האָט אַ כאַפּ געטון דעם בריוו און געפרעגט אַ דערשראָקענער:

— איז מיט איר, חלילה, געשען אַן אומגליק?!

— ס'איז געשען אַן אומגליק מיט אונדז אַלע! — איז דינה אַרויס מיט אַ געוויין.

בעת בענעק האָט געלייענט דעם בריוו, זענען שלמה מיט דינהן גע־שטאַנען שולדיקע, פאַרלוירענע. זיי זענען גרייט געווען אַלץ צו טון, אַבי אים אַביסל לייכטער צו מאַכן.

בענעק האָט צוריקגעגעבן דעם בריוו שלמהן און געזאָגט שטיל, ווי פאַר זיך:

— אין דער שווערסטער צייט פון איר לעבן בין איך נישט געווען מיט איר. אפשר האָט ער טאַקע מער רעכט אויף איר, ווי איך.

און ער האָט געוואָלט גלייך אַרויסלויפן פון דאַנען. לויפן, לויפן, ער

ווייסט אַליין נישט וווהין און ווי וויים. נאָר פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אין ניורען. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זי ווייסט שוין פון דעם בריוו, שטייט איצט פאַר דער טיר און וואַרט אויף אים. דעמלט ווען ער האָט געהאַט רעגינען, האָט ער פאַר איר נישט מורא געהאַט. אפילו ווען ס'וואָלט עפּעס געשען, וואָלט עס פאַרבליבן בלויז אַן עפּיזאָד. איצט, איז ער אָבער פריי. פריי פאַר דער סכנה, אַז זי זאָל אים פאַרהאַלטן. אַז ער זאָל דאָ בלייבן פאַר פאַרצווייפלונג און זיך לאָזן אויפלייזן אין אַרום. ער טאָר איצט נישט בלייבן אַליין, ער מוז האָבן אַן אָנשפּאַר. נאָך מער ווי פריער דאַרף ער איצט די דאָזיקע צוויי מענטשן.

זיין קול האָט געציטערט:

— איך האָב צו אייך אַ בקשה: לאָזט מיך זיין מיט אייך צוזאַמען... ווי פריער... ביז — ער האָט געוואָלט זאָגן: ביז איך וועל זיך באַרויקן. ביז איך וועל פאָרן קיין פּוילן. ביז איך וועל פאָרן — — — נאָר דאָס אַלץ איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז.

ער איז געבליבן ביי זיי ביז מען האָט אָנגעהויבן צוריקפאָרן קיין פּוילן.

ד.

ס'פאָרן עשאַלאָנען...

יידן פון לוצק און פון לידע. פון קאַליש און פון קאָלאָמיי. פון בענדין און פון בראָד. סוחרים, בעלי מלאכות, רבנים, דאָקטוירים, שרייבער. מענער אָן ווייבער און אלמנות, טאַטעס און מאַמעס אָן קינדער און יתומים. איינער פון אַ משפחה און צוויי פון אַ שטאָט. זיי פאָרן פון אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, טאַדזשיקיסטאַן, פון סיביר, קאָמי, קאַמטשאַטקע. זיי זענען דורכגעגאַנגען טיפוס, מאַלאַריע, היץ און קעלט, הונגער און עלנט און דאָך — געבליבן לעבן.

ס'פאָרן עשאַלאָנען...

אַ ווינט קומט זיי אַנטקעגן. ער ווײנט און וואָיעט: ווו—היין? ווו—היין? וווהין פאָרט איר? איר וועט שוין אייערע נישט טרעפן, נישט אין די שטעט, נישט אין די שטעטלעך, נישט אין די קראָמען, נישט אין די וואַרשטאַטן, נישט אויף די ירידים, נישט אין די שולן, נישט אויף די בית עולמס, אַפילו נישט אויף דעם הימל — זייער רויך איז צו אים אַרויף, אָבער ער האָט זיך שוין ווידער אָפּגעפאַרבט אויף אומשולדיק־בלוי.

ס'פאָרן עשאַלאָנען...

ווען וועלן זיי זיך אָפּשטעלן? וועלן זיך די מענטשן כסדר אַזוי שלעפּן מיט פּעק און וואַליזעס? וועלן זיי זיך שוין קיינמאָל נישט אויס־

פּאַקן? וועט ביי זיי שטענדיק דאָס האַרץ אָנהייבן ציטערן, ווען מען וועט זיי אַ פרעג טון אויף דאָקומענטן? ווי לאַנג וועלן זיי וווינען אין האָטעלן און וואַרטן אויף וויזעס? ווי לאַנג וועלן זיי זיך דאַרפן גנבענען דורך גרע־נעצן, איבער ימים? —

ס׳פאָרן עשאַלאָנען...

בענעק איז געפאָרן צוזאַמען מיט שלמהן און דינהן אין איין עשאַ־לאָן און אין דעם זעלבן וואַגאָן. זיי האָבן אויך איינאײינעם געגעסן. די מערסטע צייט איז ער אָבער נישט געווען מיט זיי. ער האָט זיך אָפּגע־זוכט עטלעכע יונגעלייט און מיט זיי פאַרבראַכט. זיי פלעגן זיך אָפּט פאַר־רוקן אין אַ ווינקל און זינגען יידישע אָדער העברעאישע לידער. טיילמאָל פלעגן זיי פירן צווישן זיך אַ שמועס. ס׳פלעגט זיך טרעפן, אַז בענעק פלעגט בכלל זיך לאָזן איבער אַנדערע וואַגאָנען. דינה האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צוגעוווינען צום נייעם מצב און כסדר געהאַלטן נאָכקוקן בענעקן מיט וועמען ער חברט זיך און וווהין ער גייט.

שלמה פלעגט צו איר טענהן:

— וואָס ווילסטו פון אים האָבן? מיט וואָסער רעכט קוקסטו אים נאָך? דו מיינסט, אַז ס׳איז אַמאָל... ער איז שוין אַ פרייער מענטש...

נאָר בענעק האָט זיך, ווייזט אויס, נאָך אויך נישט געפילט אינגאַנצן פריי פון אונטער זייער רשות. איינמאָל, ווען ער איז בכלל נישט געקומען נעכטיקן אין זייער וואַגאָן, האָט ער זיך צומאָרגנס פאַר זיי פאַרענטפערט:

— איך האָב געהאַט אַ שמועס מיט די חברים. מיר האָבן זיך פאַר־רעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, האָט מיך די חברה דאָרט פאַר־האַלטן.

שלמה מיט דינהן האָבן געקלערט, אַז בענעק וועט מיט זיי פאָרן אויך קיין לאָדזש ווו רעגינע וווינט איצט. ער וועט נאָך מסתמא וועלן איבעררעדן מיט רעגינען און פּרוּוון זיין מזל. אפשר איז נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן. זיי ביידע וועלן זיך זיכער שטעלן אויף זיין זייט. נאָר ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין פּוילן, איז בענעק צו זיי צוגעקומען אויף איינער אַ סטאַציע און זיי דערציילט, אַז ער מיט נאָך עטלעכע יונגטלעכע פאָרן צוזאַמען קיין נידער־שלעזיע. דאָרט האָבן זיי ברעה צו שאַפן אַ חלוצישע קבוצה. איצט, מוז ער זיך מיט זיי צעשיידן, ווייל די וועגן צעגייען זיך.

דינה האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט:

— ווילסט גאָרנישט זען רעגינען?

ער איז רויט געוואָרן:

— איך וויל נישט שטערן...

און באַלד האָט ער זיך באַקלערט און צוגעגעבן:

— אויב איר וועט האָבן פֿאַר מיר נייעס — טוט מיר צוויסן... איך גיב אייך מיין אַדרעס.

די אייזנס זענען פֿאַרפֿאָרן גלייך צו רעגינען אין דער דירה אַריין. דאָ האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז רעגינע האָט ערשט מיט אַ וואָך צוריק געבוירן אַ קינד. דינה האָט זיך גלייך דערפֿילט אין דער ראָל פֿון אַ מאַמע און אַ באָבע. זי האָט געלערנט רעגינען ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דעם קינד. וויפֿל מאָל אין טאָג צו געבן זייגן, ווען עס איבערצובינדן, ווי אַזוי עס איינצוזשטילן בעת ס׳שרייט אָדער ס׳וויינט. אויסער דעם האָט רעגינע גישט איבעריק ליב געהאַט זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפֿט און געלאָזט דער מוטער ווערן די גאַנצע באַלעבאָסטע. ווי שווער איז דינהן ערשט געווען צו קריגן אַ בענקל, אַ טישל, און דאָ האָט זי מיטאַמאָל באַקומען אַזוי פֿיל שיין מעבל. מיט וויפֿל מי איז איר ערשט אָנגעקומען צו קריגן אַ טעפּל, צי אַ טעלער, און דאָ האָט זי פֿאַר זיך אַזוי פֿיל געשיר. דורך די טעג איז זי געזעסן אין שטוב און זיך פֿאַרנומען מיט דער באַלעבאַטישקייט.

דערפֿאַר האָט שלמה נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. ס׳האָט אים כסדר געטריבן אין גאַס אַרויס, אפֿשר וועט ער צופֿעליק באַגעגענען אַן אַמאָליקן פֿריינד אָדער אַ באַקאַנטן. קיין נאָענטע קרובים האָט ער נישט געטראָפֿן, ער האָט אָבער געפֿונען אַ סך יידן, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען אָנטייל גענומען אין געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער האָט זיך באַמיט פֿאַר זיי אויפֿצולעבן דורך זכרונות דאָס אַמאָליקע, פֿאַרגאַנגענע. פֿאַר זיי איז עס אָבער, ווייזט אויס, געווען צו ווייניק, זיי האָבן אויך געוואָלט, אַז ער זאָל אָנטייל נעמען אין זייער ה י נ ט. איינמאָל זענען זיי צו אים געקומען, אים דערציילט, אַז אַ מיטגליד פֿון יידישן קאָמיטעט איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישראל, ווילן זיי, אַז ער, שלמה, זאָל קומען אויף זיין אָרט. שלמה האָט זיך דערמאָנט דעם פּסוק פֿון ישעיהו: כי יתפש איש באחיו בית אביו שמלה לכה קצין תהיה לנו והמכשלה הזאת תחת ידך. ער האָט זיי געענטפֿערט:

— ווער בין איך דען, ווי קומט דאָס צו מיר? — איך בין אַ פּשוטער מענטש.

נאָר די יידן האָבן געטענהט:

— אַמאָל האָט ווער ס׳האָט געוואָלט געקענט בלייבן אַ פּשוטער מענטש. מיר האָבן געהאַט מנהיגים לרוב. איצט זענען מיר פֿאַראָרעמט געוואָרן נישט נאָר פֿיזיש, נאָר אויך גייסטיק. די מלחמה האָט זיך אויף דער וועלט געענדיקט, אָבער א ו נ ד ז ע ר ע פֿירט זיך נאָך ווייטער. בשעת אַ מלחמה קען אַפֿילו אַ פּשוטער סאָלדאַט — אויב ס׳איז געפֿאַלן דער

עלטסטער — אים פאַרטרעטן. מיר פאַרלאַנגען דאָס פון אייך. ס'איז אייער חוב!

ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון יידישן קאָמיטעט. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן זיין פּיין. דער איידעם איז געווען דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט און דער פאָרשטייער פון דער סאַמע לינקסטער פּאַרטיי. ס'איז אָפט געקומען צו פאַרשידענע וויכוחים. ער איז געווען פאַר דעם, אַז די יידן זאָלן אויסוואַנדערן פון פּוילן און דער איידעם — קעגן. ווי ווייט איינער האָט געוואָלט דעם צווייטן שוינען, האָבן זיי נישט געקענט אויסמיידן קיין צוזאַמענשטויסן. אין דער היץ פון וויכוח האָט זיך אַמאָל אַרויסגעכאַפּט אַ שאַרף וואָרט פון איינעם אויף דעם צווייטנס אַדרעס. אַזוי, אַז אַפילו ווען זיי פלעגן זיך שוין טרעפן אין דער היים, איז נאָך טיילמאָל אָנגעגאַנגען ווייטער דער ברוגז.

ס'איז אים נאָך שווערער געוואָרן, ווען ס'האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז ער ענטפערט אַמאָל נישט אַזוי ווי געהעריק דעם קעגנער, ווייל ער איז זיין איידעם. אויב אַזוי מיסברויכט ער מיט דעם צוטרוי, וואָס ער האָט באַקומען פון דער פּאַרטיי. ער האָט באַשלאָסן זיך אָנצוזאָגן אין דעמיסיע. די פּאַרטיי האָט אָבער נישט געוואָלט מסכים זיין. ווייזט אויס, אַז זי האָט געהאַט אַ מיין דערביי: סוף כל סוף מוז זיך אַמאָל דער איידעם רעכענען מיטן שווער און מילדערן זיין שאַרפקייט אין געוויסע ענינים.

פונדעסטוועגן וואָלט שלמה זיך נישט גערעכנט אַזוי מיט דער פּאַרטיי, ווען ער וואָלט געקענט נאָך דעם אָפּזאָגן זיך פון אַמט — אַוועקפאָרן. ער קען דאָס אָבער נישט טון, ווייל דינה וויל זיך בשום אופן נישט צעשיידן מיט דער טאָכטער. איך האָב זיך שוין מיט איר איינמאָל צעשיידט, טענהט זי — ס'איז געשען אַ נס. מען קען זיך אָבער נישט תמיד פאַרלאָזן אויף נסים. אמת, מען מוז נישט וווינען שטענדיק אינאיינעם. מען דאַרף זוכן אַ באַזונדערע דירה.

זי האָט געהאַט אַן אייגענעם פּלאַן, דינה. מען דאַרף קויפן אַ שיינע וווינונג, מעבל און זיך איינאָרדענען. גענוג געלעבט אויף דערווייל. איי, געלט? — זי האָט אין אַ שטעטל אויף דער פּראָווינץ אַ הויז. דאָס הויז האָט אַמאָל געהערט צו אירע עלטערן. ביז צו דער מלחמה האָבן אין אים געוווינט אירע צוויי ברידער. זי האָט דעמלט געהאַט בלויז אַ דריט חלק פון הויז. איצט, ווען די ברידער זענען צוזאַמען מיט זייערע משפחות אויסגעהרגעט געוואָרן, איז זי די איינציקע יורשטע. זי וועט פאָרן פאַרקויפן דאָס הויז.

זי איז געפאָרן אין שטעטל אַריין. ס'זענען אַוועק עטלעכע טעג, זי האָט שוין געדאַרפט צוריקקומען, ווי שלמה האָט באַקומען אַ צעטל פון

דער פּאָליציי גלייך זיך צו מעלדן צו איר וועגן זייער אַ דרינגנדיקן ענין. וואָס האָט געקענט געשען? — ער איז געוואָרן אומרויק.

אויף דער פּאָליציי האָט מען אים איבערגעגעבן, אַז זיין ווייב איז געלעגן אין אָוונט, אין שטעטל, אויפן וועג צו דער באַן־סטאַציע, דער־הרגעט געוואָרן. דעם מערדער איז נאָך דערווייל נישט געלונגען צו געפינען.

ה.

באַלד נאָך דער קבורה פונעם ווייב האָט שלמה אָנגעהויבן מאַכן באַ־מיונגען צו פאַרלאָזן פּוילן. ס'איז געוואָרן שווער אַרויסצופאָרן. אַ סך מענטשן האָט מען אָפּגעוואָרפן די בקשות אויף פּאַספּאָרטן. מען האָט אים בסוד איבערגעגעבן, אַז בקרוב גנבעט די גרענעץ אַ גרופּע חלוצים און ער וועט זיך קענען צו זיי אָנשליסן.

ער האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַביסל זאַכן, די סאַמע נייַ־טיקסטע און זיי אָנגעהויבן איינצופּאַקן אין רוקזאַק. דאָס איז געווען דער זעלבער רוקזאַק, מיט וועלכן ער האָט זיך אַמאָל געלאָזט פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, פון ביאַליסטאָק קיין אוזבעקיסטאַן און פון דאָרט צוריק קיין פּוילן. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וועגן ער וועט נאָך דאַרפן דורכמאַכן? דערנאָך איז ער אַריינגעגאַנגען צו דער טאָכטער.

— הער אויס, רעגינע — האָט ער אָנגעהויבן — איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן פון דאַנען.

זי איז געבליבן שטיין אַ צעמישטע:

— אַזוי, פּלוצים?

— ס'איז נישט פּלוצים. איך האָב שוין לאַנג געוואַרט אויף דעם — האָט ער געענטפערט.

רעגינע האָט געזאָגט דורך טרערן:

— ערשט איז געווען דאָס אומגליק מיט דער מאַמע און שוין זאָל איך מיך פון דיר שיידן?

ער האָט גענומען גלעטן די האָר פון איר קאָפּ און געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים:

— מיין נישט, אַז מיר איז אַזוי לייכט זיך מיט דיר צו שיידן. ווּעמען האָב איך איצט נאָך אויסער דיך. אָבער איך וויל נישט מער בלייבן אויף דער דאָזיקער ערד. — זיין שטים איז געוואָרן האַרטער — און דו האָסט אויך נישט דאָ וואָס צו טון!

— טאַטע, וואָס רעדסטו? — איך האָב דאָ מיין מאַן. ער וועט נישט פאָרן. ער איז פאַר דער מלחמה געזעסן יאָרן אין תפיסה. ער האָט זיין יוגנט, זיין געזונט אַוועקגעגעבן פאַר דער אידעע.

— איך האָב נישט, אַז עמעצער קען דיך צווינגען זיך צו שיידן מיטן מאַן, אויב דו האָסט אים ליב. אָבער דאָס צווינגט מיך איצט זיך צו שיידן פון דיר.

ער האָט זיך גענומען מיט איר געזעגענען, ווי פּלוצים האָט זי אים אַ פרעג־געטון:

— און מיט אים ווילסטו זיך נישט געזעגענען?

שלמה האָט זיך אַ ווײַלע פאַרקלערט. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— גוט. ווו איז ער דען?

— ער איז איצט אויף אַ זיצונג אין דער פּאַרטיי. וואַרט צו אַ רגע, איך וועל צו אים אָנקלינגען. איך וועל אים זאָגן, אַז ער זאָל תיכף אַהער קומען, ווײַל איך פיל זיך נישט גוט.

ער איז באַלד געקומען. רעגינע האָט זיך פאַר אים פאַרענטפערט:

— איך בין נישט קראַנק. ס'איז עפּעס אַנדערש געשען. איך האָב עס דיר נישט געקענט זאָגן דורך דעם טעלעפאָן. דער טאַטע פאַרלאָזט אונדז. ער פאָרט אַוועק קיין ארץ־ישראל.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען:

— ווי אַזוי? ער האָט דאָך נישט קיין פּאַספּאָרט?

שלמה האָט געענטפערט רויק:

— וועט זײַן אָן אַ פּאַספּאָרט.

ער איז געוואָרן פאַרצווייפלט און אָנגעהויבן שרײַען:

— וואָס האָט איר געוואָלט פון מיר? איך טאָר דערפון נישט וויסן. ס'איז איצט מײַן חוב צו גיין מעלדן וועגן דעם, ווו מען דאַרף, איר הערט?!

רעגינע איז געוואָרן בלייך:

— אָבער וואָס רעדסטו?!

— גו, שרעק זיך נישט. איך וועל קיינעם נישט גיין וועגן דעם דער־ציילן. אָבער איר, שווער, וואָס ס'זאָל זיך נישט מאַכן — ווייס איך גאָר־נישט! איר הערט: איך ווייס פון גאָרנישט! — — —

*

שלמה איז צוגעפאָרן צום באַשטימטן אָרט. דאָרט איז ער געזעסן עטלעכע טעג, ביז מען האָט אים מודיע געווען, אַז ער קען זיך שוין לאָזן אין וועג אַרײַן. ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז דער איינציקער עלטערער מענטש צווישן אַ גרופּע יונגטלעכע און אַז ער מוז אפילו דעם רוקזאַק איבערלאָזן, מחמת זיי דאַרפן אַריבערשווימען אַ טייך.

די נאַכט איז געווען אַ שטאָק־פינצטערע. מען האָט אים געפירט הינ־טער דער שטאָט. פון דאָרט — איבער פעלדער. שלמה האָט איבערגעציילט פינף סילועטן. זיי האָבן געשלייכט איבער אַ שמאָלער סטעזשקע. די פינצ־

מערקיים איז דאָ נאָך אַ סך געדיכטער ווי אויפֿן פעלד. איינער האָט אָנגע־נומען דעם צווייטן פֿאַר דער האַנט, כּדי זיך נישט צו פֿאַרלירן. דער וואַלד איז שוין געשלאָפֿן. נאָר אַ פֿלעדערמויז האָט דערשראָקן אַ פּלאָטער געטון איבער זייערע קעפּ: דער וואַלד ביינאַכט, איז פֿאַר מיר, פֿאַר דער סאָווע, וואָס ווילן דאָ מענטשן?

דער וואַלד איז געוואָרן שיטערער. זיי האָבן דערגרייכט דעם טייך. מען האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוטון און צונויפֿבינדן די מלבושים אין אַ בינטל. בשעת שלמה האָט זיך אויסגעטון, האָט ער געטראַכט מיט ווייטיק, אַז זיין טאַטע, זיין זיידע און עלטער־זיידעס, האָבן אויף דער דאָזיקער ערד איבערגעלאָזט טויזנט יאָר. זיי האָבן געגייט, געשמידט, געהאַנדלט — גע־שאַפֿן פֿאַרמעגנס. איצט דאַרף ער אַ נאַקעטער פֿאַרלאָזן די ערד. דערצו נאָך — געהיים, ביינאַכט, ווי אַ גנב, צי אַ פֿאַרברעכער.

איינער נאָך דעם אַנדערן זענען זיי אַריין אין טייך. שלמה האָט שנעל אָנגעהויבן צו שווימען, ווי פֿון יענער זייט ברעג וואָלט זיך שוין געפֿונען דאָס אויסגעבענקטע לאַנד. ער איז אָבער באַלד מיד געוואָרן. דאָס האַרץ איז אים אָפּגעשוואַכט. די מלחמה־יאָרן האָבן געטון זייערס. אים פֿאַרפֿעלט אָטעם. ניין, ער וועט נישט באַווייזן צוצוקומען צום ברעג. ער וועט אַראָפּ־זינקען אין תהום. דאָס וואַסער פֿון דער אויבערפֿלאַך וועט זיך אַ קנייטש טון און באַלד זיך ווידער פֿאַרגלעטן. זאָל ער אַ געשריי טון? רופֿן די בחורים צו הילף? — ער טאָר נישט אויפֿרייסן די שטילקייט. די גרענעץ־וועכטער קענען דערהערן און אָנהייבן שיסן. ער וועט דערמיט די גאַנצע גרופּע שטעלן אין סכּנה.

אפֿנים, אַז איינער פֿון די בחורים האָט באַמערקט, אַז ער איז גע־בליבן הינטערשטעליק. יענער איז צוגעשוווּמען און אים אַביסל אונטער־געהאַלטן. שלמה האָט באַקומען נייע כּוחות און געטון אַ שווים־פֿאָרויס. אפֿשר נישט אַזוי פֿון דער פֿיזישער הילף, וואָס ער האָט דערהאַלטן פֿון בחור, ווי פֿון געפֿיל, אַז ער איז נישט אַליין, אַז ער געפֿינט זיך אונטער עמעצנס אויפֿמערקזאַמקייט.

באַלד האָט ער דערהערט דעם בחורס שטים:

— מען פֿילט שוין דעם באָדן!

ווי שלמה האָט דערהערט די שטים, האָט ער זיך האַסטיק געגעבן אַ שטעל אויף. צוגעקומען נאָענט, גאָר נאָענט צום בחור. ניין, ער האָט זיך נישט טועה געווען. דאָס איז — בענעק.

דער גורל האָט זיי ווידער פֿאַרבונדן. צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, אַרומגענומענע, זענען צוויי מענטשן געגאַנגען צום ברעג.

אַ קרוב

נאָך זייענדיק אין פוילן, האָט דוד פאַרבער זיך דערוווסט, אַז זיין ברודער, וואָס האָט געלעבט אין פאַריז, איז דעפּאָרטירט געוואָרן דורך די דייטשן קיין אוישוויץ און איז דאָרט געוואָרן אומגעבראַכט. בעת די מענטשן, וואָס זענען געפאָרן צוזאַמען מיט אים אין צוג, האָבן מיט גרויס נייגער דערוואַרט צו זען די שטאָט פון זייערע חלומות, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט געפאָרן צו אַ בית־עולם באַזוכן דעם ברודערס קבר. אמת, דער ברודער איז נישט געשטאָרבן און נישט באַגראָבן געוואָרן אין פאַריז, אָבער דאָ האָט ער געלעבט ביז ער איז געוואָרן רויך, אַש.

ווען ער איז געגאַנגען איבער דער שטאָט, געזען די ווונדערלעכע בולוואַרן און פּלעצער, בריקן און גערטנער, האָט ער זיך געזאָגט: ניין, דו טאָרסט פון זיי נישט הנאה האָבן. דורך אָט די וועגן האָט מען אַמאָל געפירט דיין ברודער צו אומקום. שפּעטער, ווען ער האָט באַזוכט דעם לוווּר און אַנדערע מוזייען, האָט ער געקלערט: אַזוי פיל ווונדערלעכע זאַכן געפינען זיך דאָ, נאָר ס'איז דאָ נישט פאַראַן קיין איין זאַך, קיין איין סימן נאָך מיין ברודער...

צוריק מיט אַ יאָר, האָט דאָ געוווינט אַ מענטש, וואָס איז געווען מיטן ברודער צוזאַמען אין לאַגער פון דראַנסי. יענעם איז געלונגען פון דאָרט צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן ביז צו דער באַפרייונג. דורך פאַרשידענע אומוועגן האָט ער זיך טאַקע דערוויסט פון זיינעם אַ בריוו, אַז דער ברודער איז געשיקט געוואָרן פון דראַנסי קיין אוישוויץ. יענער איז דערנאָך ערגעץ אַוועקגעפאָרן. קיין אויסטראַליע, קיין דרום־אַפריקע, צי קיין אורוגוויי — ווער ווייסט וווהין אַ ייד לאָזט זיך אַלץ פאָרן. פון אים וואָלט ער זיך אפשר דערוווסט נאָך פרטים פון ברודערס לעבן און אומקום. אַ שאָד! אָבער אפשר געפינט זיך דאָ נאָך עמעצער, וואָס ווייסט עפּעס צו דערציילן פון זיין ברודער? — מען דאַרף אַ זוך־טון, מען דאַרף זיך נאָכפרעגן. אין די ציייטונגען זעט ער טעגלעך אַנאָנסן פון מענטשן וואָס זוכן משפחה, ער וועט געבן אַן אַנאָנס, אַז ער זוכט אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט זיין ברודער.

ער האָט געגעבן דעם אַנאָנס און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי מען האָט אים מודיע געווען פון דער רעדאַקציע, אַז פאַר אים איז אָנגעקו־מען אַ בריוו. ס'איז גרויס געווען זיין חידוש, ווען ער האָט געזען אויף דעם קאָנווערט, אַז דער אויפגעבער פונעם בריוו הייסט אויך ווי ער, פאַרבער. דער בריוו איז געווען אַ קורצער, יענער בעט אים צו באַזוכן. ס'הייבט אָן צו ווערן אינטערעסאַנט. קען זיין, אַז ער איז גאָר זיינער אַ קרוב!

אויפן צווייטן טאָג, ס'איז געווען זונטיק, האָט זיך דוד געלאָזט אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. ס'האָט אים געעפנט די טיר אַ מיידל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, אַ שלאַנקע, מיט לאַנגע אַראָפּגעלאָזטע האָר איבער די אַקס־לען. זי האָט אים געפרעגט אויף פראַנצויזיש, צו וועמען ער דאַרף און ער האָט געזאָגט:

— מ'סיע פאַרבער.

זי האָט נאָך עפּעס געפרעגט, נאָר ער האָט נישט פאַרשטאַנען און צעמישט איבערגעחזרט:

— מ'סיע פאַרבער.

דאָס מיידל האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט נישט, וואָס זי רעדט צו אים און איז פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיק צימער. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, נישט קיין הויכער, די האָר אויפן קאָפּ — גרוי און שיטערלעך. דאָס רעקל איז ביי אים געווען צעעפנט און אויפן וועסטל האָט זיך געצויגן פון דער לינקער קעשענע צו דער רעכטער אַ קייטל פון אַ זייגער, דורכגענומען דורך אַ לעכל פון אַ קנעפּל. דער ייד האָט אַ פרעג געטון אויף יידיש:

— איר דאַרפט צו מיר?

— אַנטשולדיקט, דאָס זענט איר דער הער פאַרבער? — האָט דוד געפרעגט — איך האָב באַקומען אייער בריוו פון דער רעדאַקציע.

דאָס פּנים פונעם ייד האָט גלייך אויפגעלעבט:

— שלום עליכם! זייער גוט, וואָס איר האָט אויף זיך נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן. קומט אַריין.

ער האָט געעפנט די טיר פון זיין צימער און דורן אַהין אַריינגעבעטן.

אין די ערשטע עטלעכע רגעס האָט דודס בליק אויפגעכאַפּט:

דאָס צימער — אַ גרויס, אַ ליכטיקס, מיט צוויי פענצטער אין דער גאַס אַרויס. דאָס מעבל, נישט קיין נייס, אָבער אין אַ גוטן מצב. אויף דער אויבערשטער פּאָליצע פון דער גלאָז־שאַפע — כלים פון זילבער און קרישטאָל. אויף דער לעצטער — ביכער, עטלעכע פון זיי — אַלטע, גע־בונדן אין לעדער און לייוונט. (ער וואָלט געשווירן, אַז דאָס זענען ספרים). אויף די ווענט — פאָטאָגראַפיעס, דער רוב — פאַרגעלטע, אַלטע.

דוד איז געזעסן ביים טיש און געוואַרט, אַז דער ייד זאָל אָנהויבן. דער ייד האָט געזאָגט:

— איר הייסט פּאַרבער, ווי איך. איך מיין, אַז מיר זענען זיך קרובים.

דוד האָט געקוקט אויף זיין פּנים, געזוכט אין אים אַ שטריך, וואָס זאָל דערמאָנען דאָס פּנים פון זיין טאַטן, צי פון זיינעם אַ פעטער, און נישט געפונען. פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— קען זיין.

— פון וואַנען קומט איר? — האָט דער ייד געפרעגט.

— פון לובלין.

דער ייד האָט געזאָגט מיט טריומף:

— און איך שטאַם פון אַ שטעטל לעבן לובלין. אויב אַזוי, זענט איר שוין זיכער מיין קרוב!

דוד האָט אים אויפגעקלערט:

— איך האָב נאָר די לעצטע יאָרן נאָך דער מלחמה געוווינט אין לובלין. איך שטאַם פון פּאָדאָליע, פון אַ שטעטל ביי דער רוסישער גרענעץ.

דער ייד האָט געזאָגט אַן אַנטוישטער:

— זענט איר, הייסט עס, נישט קיין לובלינער... אָבער דאָס ענדערט דאָך נישט די זאַך — האָט דער ייד זיך נישט אונטערגעגעבן — איר קענט אַלצאיינס זיין פון מיין משפּחה.

— מעגלעך, — האָט דוד געזאָגט און געקלערט, אַז דער ייד איז זיך טועה.

— און אייער טאַטע האָט אייך קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז איר האָט קרובים אין לובלין?

— ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן בין איך געווען אַ קינד.

— נו, יאָ, — האָט דער ייד געענטפערט, ווי וועלנדיק דורן רעכטפאַר־טיקן — איר קענט טאַקע נישט וויסן.

ער איז צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע, אַרויסגענומען אַ פלעשל וויין, אַוועקגעשטעלט עס אויפן טיש. דערנאָך האָט ער געעפנט די טיר אין צווייטן צימער אַריין און אַ רוף־געטון:

— שרה!

ס'האָט זיך באַוויזן אַ ברייט־צעוואַקסענע יידענע מיט אַ פאַרטעך איבערן קלייד און מיט פאַרקאַשערטע אַרבל.

— וואָס איז? — האָט זי געפרעגט.

— אָט דאָס איז דער יונגערמאַן, דער קרוב. — האָט דער ייד גע־זאָגט צום וויב.

די יידענע האָט אָפּגעווישט די הענט אין פאַרטעך און דורן דערלאַנגט אַ האַנט. דערנאָך האָט זי געזאָגט מיט רוגזה צום מאַן:

— ס'איז דאָ אַ גאַסט און דו רופסט מיך אַריין פון דער קיך אין אזא הולך!

— ס'מאַכט נישט אויס. ער איז אַן אייגענער. זאָג נאָר בעסער, דו האָסט עפּעס צו פאַרבייסן?

אין דער יידענע האָט זיך דערוועקט די באַלעבאָסטע:

— ווי געשיקט זיך! ס'וועט זיך שוין עפּעס געפינען.

באַלד האָט זי טאַקע געבראַכט אַ טעצל מיט עטלעכע שטיקלעך טאָרט.

דער ייד האָט אָנגעגאָסן דריי גלעזלעך מיט ווין. די יידענע האָט עס געזען און געזאָגט צום מאַן:

— פאַרוואָס האָסטו אָנגעגאָסן דריי גלעזלעך?

— פאַר דעם גאַסט, פאַר דיר, און — פאַר מיר.

— דו האָסט שוין פאַרגעסן, וואָס דער דאָקטאָר האָט דיר אָנגעזאָגט, אַה?

— ביי אַזאַ געלעגנהייט, מוז איך דאָך — האָט דער ייד זיך פאַרענט־פערט — לחיים!

די יידענע האָט אַ זופּ געטון פון איר גלעזל און איז באַלד פאַרשווונדן צוריק אַהין, פון וואַנען זי איז געקומען.

— איר וועט מוחל זיין מיין פרוי, — האָט דער ייד געזאָגט — זי איז איצט שטאַרק פאַרנומען אין דער קיך. היינט, זונטיק, קומען אַ סך געסט צו אונדז און מען דאַרף צוגרייטן מיט וואָס זיי אויפצונעמען. מיין ווייב האָט דאָ אַ ברודער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויף דער נישט אָקופּירטער זייט, ווידער, איז צו איר געקומען אַ שוועסטער פון פּוילן מיטן מאַן און מיט די קינדער, וואָס זענען געווען בשעת דער מלחמה אין רוסלאַנד. מיין ווייב האָט מזל! איך האָב געהאַט אַמאָל אַ גרויסע משפּחה, פון דעם טאַטנס צד, פון דער מאַמעס צד, ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך געמיינט, אַז עמעצער פון זיי וועט זיך באַווייזן, נאָר ס'איז בחינם געווען דאָס וואַרטן, ס'איז קיינער נישט געבליבן פון זיי. אין די זונטיקן, צי אין די יום־טובים, קומען צו מיין ווייב אירע קרובים. מען זיצט דאָ, מען שמועסט, מען עסט, מען גייט שפּאַצירן אין גאָרטן, מען גייט אין קאַפיי, צי אין סינעמאַ — נאָר צו מיר קומט קיינער נישט, ווי איך וואָלט געבוירן געוואָרן פון אַ שטיין...

..דער ייד, ווי ער הערט, בענקט נאָך אַ קרוב. האָט ער דאָך אַ ווייב מיט אַ מיידל, וואָס וויל ער מער? ווייזט אָבער אויס, אַז אויך מיט זיי פילט ער זיך איינזאַם. מיט וואָס קען ער אָבער אים העלפן? ס'איז אַ גרויסער ספק, צי זיי זענען זיך קרובים. מען טאָר נישט לאָזן אַזוי ווייטער פירן די זאַך. נאָר צוריק געשמועסט, אויב נישט קרובים, פאַרוואָס זיך נישט דערנענטערן איינער צום צווייטן? זיי האָבן דאָך בשותּפותדיקע

אינטערעסן, ס'קען דאָך געניסן דערפֿון נישט בלויז איין צד, נאָר ביידע צדדים. דאָס איז נישט קיין אָפּנאַרעניש, נאָר פּשוט אַן ענין פֿון געבן און נעמען. מען דאַרף אָבער פֿריער אויספֿאָרשן די באַציונגען צווישן אים, דעם ווייב און דער טאָכטער.

— איינגנטלעך, זענט איר דאָך נישט אַזוי איינזאַם. איר האָט דאָך אַ ווייב, אַ מיידל...

— אוודאי, איך וויל נישט זינדיקן. ס'זענען פֿאַראַנען נאָך אומגליקלעכערע פֿון מיר. אָבער טאַקע דערפֿאַר, ווייל בלויז זיי זענען מיר געבליבן פֿון דער גאַנצער משפּחה, וויל איך כאָטש פֿון זיי אַביסל נחת האָבן. וואָס שייך דעם ווייב, האָב איך מיט איר נישט כמעט קיין באַזונדערע חשבונות. ס'וואָלט מיר אפֿילו נישט געאַרט דאָס, וואָס זי מישט זיך צופֿיל אין געשעפֿט, ווען דאָס זאָל נישט אויסגיין צו עפּעס אַנדערש — זי זאָל דערמיט נישט פֿאַרנאַכלעסיקן דאָס מיידל. מיט וואָס, למשל, איז זי אַ יידיש מיידל? ווען איך בין געקומען אַהער, האָב איך נישט געהאַט קיין צייט מיט איר זיך צו פֿאַרנעמען. איך האָב געדאַרפֿט קודם כל קלערן ווי אַזוי צו באַקומען די רעכט דאָ צו בלייבן און ווי אַזוי אַרויסצושלעפּן דאָס ביסל פּרנסה. ווען איך האָב זיך אַביסל אַרויפֿגעאַרבעט, געמאַכט זיך אַ קאָנפֿעקציע־געשעפֿט, אַנגעהויבן צו זיך צו קומען, איז אויסגעבראָכן די מלחמה. איך מיטן ווייב האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פֿאַרשידענע ערטער און זי, מיין מיידל, האָבן מיר אַוועקגעגעבן צו פֿראַנצויזן. פֿאַר די עטלעכע יאָר, וואָס זי האָט זיך ביי זיי געפֿונען, איז זי געוואָרן אינגאַנצן פֿאַרגויישט. זי קרימט מיר נאָך, אַז איך רעד נישט גוט פֿראַנצויזיש און וואָס נאָך ערגער: אַז ס'קומט זונטיק, גייט זי מיט אירע פֿראַנצויזישע חברטעס אין קלויסטער אַריין. זי האָט זיך דערצו צוגעוווינט פֿאַר די יאָרן, וואָס זי האָט זיך געפֿונען ביי די פֿרומע פֿראַנצויזן. וויפֿל איך זאָל צו איר נישט רעדן און טענהן, העלפֿט גאָרנישט. די מוטער פֿאַרענטפֿערט זי נאָך. זי גייט נישט, זאָגט זי, אין קלויסטער אַריין פֿאַר פֿרומקייט, נאָר זי וויל הערן די מוזיק, אין פּאַריז פֿעלן טאַקע קאָנצערטן אין פֿאַרשידענע זאַלן, מען מוז זיי פּונקט זוכן אין קלויסטערס!

... ס'וואָלט אַוודאי געפּאַסט זיך אָנצורופֿן מיט אַ וואָרט, אָבער ווי אַזוי? וואָלט דער ייד גערעדט וועגן פּאָליטיק, וועגן קהלישע זאַכן א. אַ. וו. וואָלט נישט געווען שווער מיט אים צו פֿירן אַ שמועס, רעדט ער אָבער וועגן זיינע משפּחה־ענינים. מיט וואָסער רעכט זיך אין זיי אַריינמישן? ס'איז באמת מאָדנע: דער ייד זעט אים איצט צום ערשטן מאָל און דערציילט אים שוין וועגן אַזעלכע אינטימע זאַכן. מעגלעך, אַז ער טוט עס, ווייל ער האַלט אים פֿאַר אַ קרוב, און אפֿשר האָט ער שוין לאַנג געזוכט

עמעצן, פֿאַר וועמען זיך אַראָפּצורעדן פֿונעם האַרצן און ער איז בלויז צופֿעליק געוואָרן דער דאָזיקער עמעצער.

דער ייִד רעדט ווייטער:

— איך בין אַ מענטש, וואָס האָב קיינמאָל נישט געהערט צו קיין פּאַרטיי, אָבער צו אַ לאַנדסמאַנשאַפֿט געהער איך יאָ. איר בין אַפֿילו איינער פֿון אירע גרינדער און אַ מיטגליד פֿון דער פֿאַרוואַלטונג. איך האָב געמיינט, אַז די מענטשן וועלן זיך אַהין צונויפֿקומען, כּדי צו דער־מאָנען די אַמאָליקע פֿאַרגאַנגענע צייטן, די שבתים און יום־טובֿים, דעם שטייגער, די מענטשן. נאָר מען רעדט דאָרט וועגן קאָנפֿעקציע און פּאָלי־טיק. אַנומלט, איז דאָרט פֿאָרגעקומען אַ פֿייערונג: ס'איז געוואָרן צוואַנ־ציק יאָר זינט מיר האָבן געגרינדעט די „סאָסיעטע". ביי אַזאַ געלעגנהייט טראַכט איך מיר, וועל איך מיר אַביסל אַראָפּרעדן פֿון האַרצן. איך שטעל זיך אויף און הויב אָן: מיר רופֿן נאָך אַלץ די סאָסיעטע, זאָג איך, אויפֿן נאָמען פֿון אונדזער שטעטל, כאָטש קיין איין ייִד וווינט שוין נישט דאָרטן; די ייִדן זענען אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן. פֿאַרפֿאַלן — די טויטע קענען מיר שוין נישט מער לעבעדיק מאַכן. אָבער וואָס טוען מיר, כּדי נישט צו פֿאַרלירן אונדזערע לעבעדיקע? וואָס טוען מיר, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיך פֿון אונדז נישט אָפּרייסן און זאָלן בלייבן ייִדן? נאָר דער פֿאָר־זיצער האָט זיך באַלד אויפֿגעשטעלט און מיר איבערגעריסן דאָס רעדן. איר רעדט נישט צו דער טאָג־אָרדענונג, האָט ער מיר געזאָגט, דאָ איז נישט דער פּלאַץ צו באַרירן אַזעלכע פֿראַגן. אַה, אפֿשר ווייסט איר, ווו ס'איז יאָ דער פּלאַץ?

דער ייִד האָט פֿרעגנדיק געקוקט דודן גלייך אין די אויגן אַריין. דער שטערן האָט זיך אים צונויפֿגענומען. מיט די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט האָט ער געגראָבן קראַמפּהאַפֿט אינעם טיש; דער טיש איז געווען האַרט און נישט אַריינגעלאָזט אין זיך. אין צימער איז געוואָרן שטיל. דוד האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון אויפֿן בענקל. ענדלעך האָט זיך דעם ייִדס פּנים געביטן. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿון אָרט און צוגעגאַנגען צו דודן.

— איר וועט מיר מוחל זיין, — האָט ער געזאָגט — וואָס איך שטעל אייך די דאָזיקע פֿראַגע און בכלל, וואָס איך נעם צו אייער צייט. איר קומט דאָך פֿון פּוילן, ווו ס'זענען געווען ייִדן און ייִדיש לעבן. צו אייך קען איך דאָך רעדן. איר וועט מיך דאָך גיכער פֿאַרשטיין, ווי אַ סך אַנ־דערע דאָ און לאָמיך טאַקע זאָגן אָפֿן, ווי ס'זאָל מיר נישט וויי־טון, אַפֿילו מער ווי מיין אייגן קינד. נאָר איצט — גענוג מיט מיר. דערציילט עפּעס וועגן זיך. איר זיצט די גאַנצע צייט און איר שווייגט!

דוד האָט נישט געוווּסט פֿון וואָס אָנצוהייבן. זאָל ער דערציילן ווי

ער א׳ז געבוירן געוואָרן, ווער ס׳זענען געווען זיינע עלטערן, מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט א. אַ. וו. דאָס איז אַ ווייטער וועג און אַ שווע־רער. ער האָט אויסגעקליבן דעם לייכטערן: אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן סאַמע סוף, וועגן זיין קומען קיין פּאַריז און וועגן זיינע באַמיונגען צו גע־פינען דאָ אַ שפּור נאָך זיין ברודער. דער ייד האָט אויסגעהערט אויפ־מערקזאַם. פון צייט צו צייט איבערגעריסן מיט אַ פראַגע. פּאַמעלעך, ער האָט אַליין נישט געוווסט ווי אַזוי ס׳איז געשען, איז דוד געגאַנגען פון סוף אויף צוריק און צוריק, צוריק קיין פּוילן, וו ער איז ווידער אַמאָל גע־ווען די לעצטע צוויי יאָר, צוריק קיין רוסלאַנד, וו ער האָט פאַרבראַכט בשעת דער מלחמה און צוריק צו דער משפּחה, סביבה, שטייגער. ביי עפּעס אַן עפּיזאָד פון די קינדער־יאָרן האָט ער פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט פאַרשעמט: וואָס איז מיט אים געשען? די לעצטע יאָרן נאָך די שווערע איבערלעבענישן גייט ער אַרום אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרגראָבענער אין זיך. ווי אַזוי האָט ער זיך מיטאַמאָל צערעדט? ער האָט געמיינט, אַז איבער אים ליגט אַ דיקע אייז־דעק און דאָ זענען געווען גענוג בלויז אייניקע וואַ־רעמע שטראַלן, אַז אַלץ ביז אין דער טיף זאָל זיך צעלאָזן, אויפגיין. אָט האָט ער דאָך ערשט געקוקט פאַרחידושט אויף דעם יידן, וואָס ער האָט „געכאַפּט" אַ פרעמדן מענטשן און אים באַלד פאַרשיט מיט זיינע משפּחה־ענינים, און דאָ, באַלד נאָך אים — טוט ער שוין דאָסזעלבע. יאָ, די פאַר־גאַנגענהייט קריכט אַלעמאָל אַרויס ווי פון אַן איבערגעפאַרבטער שילד נאָך אַ רעגן די אַלטע אותיות. מען טאָר אָבער נישט נאָכגעבן. ס׳איז געפער־לעך. מען דאַרף זיך אָפּגעזעגענען און גיין.

דער ייד האָט אים נישט געלאָזט גיין אַליין:

— איר זענט דאָך דאָ נישט לאַנג, איר ווייסט מסתם נישט גוט דעם וועג, איך וועל אייך אַביסל אונטערפירן, ביז צום מעטראָ.

ביים אַראָפּגאַנג צום מעטראָ, האָט אים דער ייד געזאָגט:

— און איצט, יונגערמאַן, ווייסט איר שוין דעם וועג. לאָזט אויף זיך נישט לאַנג וואַרטן. טאָמער דאַרפט איר עפּעס אַ שטיקל מלבוש, קענט איר קומען צו מיר, איך וועל אייך נישט רעכענען טייער, איך וועל נעמען בלויז דאָס קרן־געלט. ביי אַ קרוב וועל איך נישט פאַרדינען. יאָ, וואָס שייך דעם, וואָס מיר האָבן נישט אויפגעקלערט אונדזער קרובהשאַפט, איז אוודאי שווער דאָס איצט צו טון, ווען אַזויפיל פון דער משפּחה צווישן אונדז זענען אומגעבראַכט געוואָרן. אָבער איך גלייב פונדעסטוועגן, אַז נאָך דעם, ווי איר וועט קומען עטלעכע מאָל צו מיר און מיר וועלן זיך ברייטער אַדורכשמועסן, וועט זיך סוף כל סוף אַרויסווייזן, אַז מיר זענען זיך קרובים.

.2

ער איז צום יידן מער נישט געגאַנגען. הגם דער ייד האָט אים אַזוי גוט אויפגענומען און מיט אים זיך אַזוי פריינטלעך געזעגנט, האָט ער אַלץ געקלערט, אַז מסתם האָט ער זיך שפּעטער אַרומגעזען, אַז ער האָט זיך טועה געווען, און אויב ער וועט קומען ווידער, וועט עס אויסזען ווי אײנער, וואָס וויל בכיוון אויסנוצן דעם צווייטנס טעות. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט געטראָפן דעם יידן אויף אַזאַ אופן און נישט אויף קיין אַנדערן. ס'איז דאָ אַ וועלט, די וועלט פון נעכטן, וואָס איז אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד און לעבט נאָך בלויז אין דעם זכרון פון די רעשטלעך, און זיי — פון וואַנען זיי זאָלן נישט קומען און ווער זיי זאָלן נישט זיין — זענען זיך נאָענט און דאַרפן איינער צום אַנדערן.

אין איינעם אַ טאָג, האָט ער געהערט קלאַפּן אין זיין טיר. ס'איז אַריינגעקומען אַ פרעמדער יונגערמאַן. ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטון אויף דודן, האָט ער אויסגערופן:

— ווי ענלעך איר זענט צו אייער ברודער מאיר!

דוד האָט ביים דערמאָנען זיין אומגעקומענעם ברודער אַ ציטער געטון.

— און ווער זענט איר?

— מיין נאָמען איז פינקל, איך בין געווען אַ חבר פון אייער ברודער.

— אַה... זעצט אייך. פון וואַנען האָט איר געוווּסט מיך אויפצוזוכן?

— איך האָב אַמאָל געלייענט אייער אַנאָנס אין דער צייטונג. איר וועט מיר מוחל זיין, איך וווין נישט אין פּאַריז, נאָר אין ראָאַן. איך האָב אייך אייגנטלעך, געקענט פון דאָרטן שרייבן, נאָר איך האָב זיך אַלץ געקליבן קיין פּאַריז. געקלערט, אַז אַזעלכע זאַכן גיט מען בעסער איבער פּערזענלעך, איידער דורך אַ בריוו.

— און איר האָט געקענט מיין ברודער אַ לאַנגע צייט?

— איבער אַ יאָר.

— ווייסט איר דאָך מסתם אויך, וווּ ער האָט די לעצטע צייט, בעתן קריג, געוווינט?

— אַוודאי ווייס איך, איך פלעג צו אים קומען.

— מיר קענען זיך נאָך כמעט נישט, נאָר איך וואָלט צו אייך געהאַט אַ בקשה.

— לאָמיך הערן.

— איך וואָלט אייך געבעטן מיך אַהין צו פירן. ס'גייט נישט נאָר אין אַדרעס, ס'גייט אין דעם, וואָס ער האָט געוווינט ביי פראַנצויזן און איך וועל זיך נישט קענען מיט זיי דורכרעדן. איר דאַרפט מיר זיין אַן איבערזעצער.

— איך בין גרייט.

דוד האָט זיך פֿאַרענטפֿערט:

— איר פֿאַרשטייט... איך קען נישט גיין צום קבר פֿון מיין ברודער, איך ווייס אַפֿילו נישט ווו זיין געביין רוט, ווייל איך כאַטש באַזוכן זיין לעצטע דירה.

ווען זיי זענען געזעסן אין מעטראָ אויפֿן וועג צו דער דירה, האָט דוד געזאָגט:

— איך האָב אייך געדאַרפֿט גלייך אויספֿרעגן וועגן לעבן פֿון מיין ברודער אין פּאַריז, נאָר די בענקשאַפֿט צו געפֿינען עפּעס אַ סימן פֿון אים האָט מיך אַזוי איבערוועלטיקט, אַז איך האָב קודם כּל אייך געבעטן מיך צו פֿירן אַהין, ווו ער האָט געוווינט. און איצט, זייט אַזוי גוט און דערציילט מיר עפּעס וועגן אים.

פֿינקל האָט אים דערציילט, אַז ווי דער ברודער האָט אים איבערגעגעבן, האָט ער כּמעט ביז צו דער מלחמה, שוין זייענדיק פֿינף יאָר אין פֿראַנק־רייך, אַלץ געהאַט אויסצושטיין צרות ווי אַ פֿרעמדער. אין לעצטן יאָר, האָט עס זיך אָבער געדאַרפֿט ענדערן לטובֿה, ווייל ער האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט דעם מיידל פֿון זיין באַלעבאָסטע.

דוד האָט נישט געגלייבט זיינע אויערן:

— וואָס האָט איר געזאָגט? ער האָט געזאָלט חתונה האָבן מיטן מיידל פֿון דער באַלעבאָסטע?! זי איז דאָך נישט קיין יידישע.

— איר חידושט זיך, אַה? — איר וועט זיין פֿינף יאָר אין פּאַריז, ווי אייער ברודער, וועט איר זיך ווייניקער חידושן.

דוד איז געזעסן איינגעצן צעחושט. ער האָט עס נישט געקענט באַ־נעמען. ער דערמאָנט זיך, אַז בעת דער ברודער איז געפֿאָרן קיין פֿראַנקרייך, האָט ער מיטגענומען תּפֿילין. די מוטער פֿלעגט תּמיד טענהן, אַז ווען מאיר וועט סוף כּל סוף באַשליסן חתונה צו האָבן, וועט ער קומען נעמען אַ היי־מיש מיידל פֿונעם שטעטל. טאַטע און מאַמע, און טאַקע דער גאַנצער משפּחה, וואָלט אַזאַ ידיעה פֿאַרשאַפֿט אי צער, אי בושה. די ייִנגערע שוועס־טער וואָלט אין שטעטל נישט געוועט געקענט טון צוליב דעם אַ לייטישן שידוך. נאָר וואַרט! אפֿשר איז נאָך נישט אַזוי, ווי דער דאָזיקער פֿינקל דערציילט. אפֿשר איז ער זיך גאָר טועה. באַלד וועט ער אַליין דאָס קענען פֿעסטשטעלן. ער ווייל שוין זיין אויפֿן אָרט און ער האָט אויך צוגלייך מורא דערפֿאַר.

ס'האָט זיי געעפֿנט די טיר אַ פֿרוי פֿון איבער די דרייסיק. אַ דריבנע, אַ בלאָנדינקע, אָבער ביים סאַמע קאָפּ האָבן זיך אַרויסגעזען טונקעלע האָר, וואָס האָבן פֿאַרראַטן, אַז די האָר זענען געפֿאַרבט. אויפֿן טיש איז געלעגן אַ קרוליק מיט אַן אָפּגענעם בויך, וואָס זי האָט מסתּם געגרייט אָפּצוקאָכן

אויף נאַכטמאָל. אויף דער פאָדלאָגע איז געזעסן אַ קינד, פאַרנומען מיט עפּעס אַ שפּילעכל. דוד האָט באַמערקט, אַז ווי די פרוי האָט אויף אים אַ קוק געטון, איז זי געבליבן שטיין צעמישט. פינקל האָט אים דערנאָך דאָס אויפגעקלערט:

— ווען זי האָט אייך דערזען, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז מאיר צו איר געקומען פונעם קבר אַרויס...

דוד האָט געבעטן פינקלען, אַז ער זאָל פרעגן די פרוי ווי אַזוי די דייטשן האָבן געגומען זיין ברודער אין לאַגער אַריין. די פרוי האָט דער־ציילט, אַז איינמאָל ביינאַכט זענען געקומען צוויי פּאָליציאַנטן און אים אַוועקגענומען. שפּעטער האָט זי באַקומען פון אים אַ בריוו פון לאַגער אין דראַנסי. ער האָט געשריבן, אַז ער וועט בלייבן אין לאַגער ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ווען זי האָט אים אָבער באַזוכט שפּעטער מיט עטלעכע חדשים, האָט ער איר געזאָגט, אַז מען שיקט אים צוריק קיין פּוילן אין דער שטאָט אַריין פון וואַנען ער איז געקומען. פון דעמלט־אָן איז ער פאַר־שוווּנדן.

— זענען נישט געבליבן פון אים קיין זאַכן? — האָט דוד געפרעגט.

די פרוי האָט געענטפערט:

— ס'זענען געבליבן זאַכן. אַ טייל פון זיי האָב איך פאַרקויפט, כדי אים צו קענען שיקן פּעקלעך מיט עסן אין לאַגער אַריין. מיט די אַנדערע, האָב איך געוואָרט, אָבער ווי לאַנג האָב איך געדאַרפט זיי האַלטן? — איך האָב אַ טייל צעשענקט און אַ טייל, די בעסערע, פאַרקויפט.

— פאַרשטייט מיך נישט שלעכט... איך פרעג אייך נישט אויף די זאַכן, ווייל איך וויל נעמען ירושה פונעם ברודער — האָט דוד געזאָגט — מיר גייט דער עיקר אין עפּעס אַ זאַך פון אים צום אָנדענק. אפשר כאָטש אַ פאָטאָגראַפיע?

די פרוי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך מיט זיך אַליין גע־ראַנגלט צוליב עפּעס. ענדלעך האָט זי אָנגעהויבן רעדן:

— ווען איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין איצטיקן מאַן, האָבן זיך נאָך געפונען אַ טייל פון זיינע זאַכן אין שטוב. דער מאַן האָט עס נישט געקענט פאַרטראָגן. ער איז זייער אייפערזיכטיק. ווען ער טרינקט זיך אַביסל אָן, וואַרפט ער מיר פאָר, אַז איך האָב געלעבט מיט אַ יידן. איך האָבן געמוזט די זאַכן באַזייטיקן. איך האָב מיר פונדעסטוועגן איבערגעלאָזט זיינע אַ פאָטאָגראַפיע, באַהאַלטן זי אין אַ שופלאָד, אונטערן פּאַפּיר. זי איז דאָרט געלעגן אַ לאַנגע צייט, נאָר צוריק מיט עטלעכע חדשים איז זי פאַרשוווּנדן. ווייזט אויס, אַז ער האָט זי געפונען און צעריסן.

— הייסט עס, אַז דאָ איז אויך גאָרנישט פון אים געבליבן, — האָט דוד געשעפּטשעט מיט ווייטיק — קיין שום סימן נישט.

פּלוצים האָט ער עפּעס דערפילט ביי זיינע פיס. דאָס יינגעלע, וואָס איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע און זיך געשפּילט, האָט אָנגעדרייט אַ טאַנק און אים געלאָזט אין זיין ריכטונג. הגם ער איז שוין דאָ אפשר אַ האַלבע שעה, האָט ער ערשט איצט אויף אַן אמת דערזען דאָס קינד. ס'קען אַלט זיין אַ פיר־פינף יאָר. אפשר איז עס מאירס? ניין, דאָס איז נישט מעגלעך, ס'איז צו יונג. אָבער ס'האָט דאָך געקענט זיין זיינס! ס'האָט אים געטריבן אַהער די גרויסע בענקשאַפט צו געפינען עפּעס אַ זכר, צי אַ סימן פון זיין ברודער, אָבער ס'איז גוט, וואָס ער געפינט זיי נישט אין דעם קינד. דעם ברודערס טראַגעדיע איז געוואָרן אַש מיט אים צוזאַמען. אַזוי וואָלט זי אַרומגעגאַנגען אַ לעבעדיקע נאָך ווער ווייסט וויפל יאָרן.

די פרוי האָט זיך ווידער גענומען צום קרוליק און זיך אַנטשולדיקט:

— איך דאַרף צוגרייטן נאַכטמאָל. דער מאַן דאַרף באַלד קומען פון דער אַרבעט.

דוד מיט פינקלען האָבן זיך מיט איר אָפּגעזעגנט און זענען אַרויס פון דער שטוב. אויף דער גאַס האָט פינקל געזאָגט:

— זי האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט, אַז דער מאַן אירער זאָל אונדז דאָ באַגעגענען. אונדזער אָנוועזנהייט אין זיין שטוב וואָלט אים אויפגערייצט.

דוד האָט נישט געענטפערט, אָבער ער האָט געטראַכט: ווי אַזוי האָט די פרוי פריער געוווינט מיט אַ יידן און איצט קען זי פונקט אַזוי ווינען מיט איינעם, וואָס האָט פיינט יידן? ווידער, צי איז טאַקע בלויז דער מאַן שולדיק, וואָס יעדער סימן פון מאירן איז דאָ אָפּגעווישט געוואָרן, אָדער די פרוי אַליין האָט חרטה געהאַט, וואָס זי האָט געוווינט מיט אַ יידן און זיך באַמיט אָפּצורוימען יעדע שפּור? — ער האָט זיך דאָס איצט נישט דערוווסט. מסתם איז אַ סך פאַרלוירן געגאַנגען ביים איבערזעצן, אויפן וועג צווישן איר און פינקלען. ווען ער זאָל אפשר געווען זיך קענען מיט איר דירעקט דורכרעדן אויף פראַנצויזיש, וואָלט ער זיך עס דערוווסט. אַפילו ווען זי וואָלט עס נישט געזאָגט, וואָלט ער עס אַרויסגעפאַנגען פון אירער אַ באַוועגונג, פון אַ מוסקל אויפן פּנים, צי פון אופן באַטאָנען, אָדער אַראָפּשלינגען אַ וואָרט.

און ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז מאיר זאָל מיט איר לעבן צוזאַמען? איז דאָס לעבן אַרום באמת אַזוי שטאַרק, אַז ס'רייסט און ס'טרייבט דערצו? אויב מיט דעם ברודער איז עס געשען, פאַרוואָס, למשל, קען עס נישט געשען מיט אים? דאָס קומט נישט מיט איין מאָל, יעדן טאָג גנבעט עס זיך אַריין צוביסלעך. היינט זאָגט מען דעם באַלעבאָס פון האָטעל: „באָן זשור", מאָרגן, פרעגט מען דער פאַרקויפערין אין קראָם אויף אַ זאַך: „קאָמביען, מאַדאַם?". שפּעטער זיצט מען אין מעטראָ אַנטקעגן

אַ מיידל און מען פּרוּווט די שפּראַך און דאָס מזל: „ווו זעט טרע זשאָלי, מאַדמואַזעל". מען גייט מיט איר אין קינאָ, אין פּאַרק, אין קאַפע. מען טראַכט, אַז ס'איז אַ שפּיל מיטן מיידל, אַ פלירט מיט דער שטאָט, נאָר אין איינעם אַ פרימאָרגן וועקסטו זיך אויף אין אַ גאַנץ פרעמדער סביבה און דאָס מיידל ליגט ביי דיין זייט — זי איז דיין ווייב.

זיי זענען אָנגעקומען צו אַ מעטראָ-סטאַציע. דוד האָט פינקלען אויס-געשטרעקט די האַנט, כדי אים צו געזעגענען, נאָר פינקל האָט זי נישט אָנגענומען. ער האָט געזאָגט:

— וווהין איילט איר זיך? ווער וואַרט אויף אייך דאָרט אין האָטעל? לאָמיר אַריינגיין אין אַ קאַפע כאַפּן אַ שמועס.

זיי זענען געזעסן אין קאַפע ביי טעפּלעך שוואַרצע קאַווע און גע-שמועסט. דוד האָט אויסגעפרעגט פינקלען נאָך פּרטים פון זיין ברודערס לעבן. מיטאַמאָל זאָגט פינקל:

— אייער ברודער האָט געקענט גוט העברעאיש. איר קענט אויך די שפּראַך?

— בין איך דאָך פון דער זעלבער היים. איך האָב געלערנט אין אַ חדר, שפּעטער אַפילו אין אַ „תרבות"-שול. צוליב וואָס פרעגט איר?

— איך האָב אַ ציל דערביי — האָט געענטפערט פינקל און אַ לאַנגן ציי געטון די קאַווע ביז צום דנאָ פון טעפּל — הערט מיך אויס: וואָס טויג אייך דאָס אַרומשלעפּן זיך איבער פּאַריז? איר ווילט זיין צווישן יידן, וועט איר זיי אויך טרעפן אין ראַאַן. אַמאָל, אין פּוילן, האָבן אין אַ פּאַרוואָרפע-נעם שטעטל געלעבט עטלעכע טויזנט יידן, אָבער דאָס איז געווען פאַר אונדז נאָך צו ווייניק. מיר האָבן אַלע געוואָלט וווינען אין וואַרשע, לאָדזש, לעמבערג, צי ווילנע. מיר האָבן געוואָלט אַרום זיך האָבן צענער-טויזנטער, הונדערטער-טויזנטער. איצט, דאַרפן מיר זיך אָבער באַגנוגן מיט ווייניק. יעדע יידישע משפחה איז — אַ פאָלק, אַ פאָלק ישראל. קומט אַריבער קיין ראַאַן. איך האָב אַ מיידעלע פון אַכט יאָר, אַנדערע יידן האָבן אויך קינדער — איר וועט זיין אַ לערער פון העברעאיש. מסכים?

— מסכים.

נאָך אין זעלבן טאָג אויף דער נאַכט, איז דוד מיט פינקלען אַוועקגע-פאָרן קיין ראַאַן.

*

אין חודש אויגוסט, נאָך אַ האַלב יאָר פאַרברענגען אין ראַאַן, האָט זיך דוד ווידער געפונען אין פּאַריז. ס'איז געווען די וואַקאַנס-צייט, די קינדער זענען אַרויסגעפאָרן מיט די עלטערן אין די בערג, ביים ים, צי סתם אין אַ דאָרף, קען ער זיך דערלויבן ווידער אַ קוק טון אויף פּאַריז. ס'איז אָבער

געווען נאָך אַ סיבה: צוריק מיט עטלעכע וואָכן איז פינקל מיט זיין משפּחה אַוועקגעפאָרן זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל. פינקל איז געווען זיין הויפּט־שטיצע און מיט זיין אַוועקפאָרן האָט זיך אַלץ אַ וואַקל געטון. קען זיין, אַז צום נייעם יאָר וועט ער נישט אָנקלייבן די געהעריקע צאָל לעקציעס. אויב אַזוי דאַרף מען ווידער אַ טראַכט טון צו געפינען עפּעס אַן אַרבעט אין פּאַריז.

ער האָט אָבער גאָרנישט געפועלט. וווהין ער האָט זיך געווענדעט, איז געווען געשלאָסן: וואַקאַנסן. ער איז געווען געווינטש צו זען אַ יום־טוב פון אַ טאָג, פון צווייי, דאָ ציט עס זיך שוין וואָכן. אין דער שטאָט זענען וויניק מענטשן געבליבן. מען דערקענט עס אין דער שוואַכער באַוועגונג אויף די גאַסן און אין די אויטאָבוסן, וואָס פאָרן האַלב־ליידיקע. מען זעט דערפאַר אַנדערע אויטאָבוסן: מיט געסט פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פון די סקאַנדינאַווישע לענדער. יעדער אויטאָבוס שפּייט אויס צענדליקער טו־ריסטן אויפן מאָנמאַרטר. זיי קומען אַהער מיט געלט און מיטן חשק דאָ צו געניסן פון אַלע תענוגים, וועלכע זענען פאַר זיי אין זייער אייגענער סביבה פאַרבאָטן. אויף זיי קוקט מען נישט קרום ווי אויף אים, דעם פּליט. פאַרקערט, זיי זענען ליבע געסט.

אין דער דאָזיקער סביבה האָט זיך דוד געפילט נאָך איינזאַמער. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי ער וואָלט נישט איצט צוריקגעקומען קיין פּאַריז, נאָר געקומען צום ערשטן מאָל. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם יידן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר זיינעם אַ קרוב און ס׳איז אים מיטאַמאָל וואַרעם געוואָרן. מען דאַרף אים מאַכן אַ וויזיט. אין דעם נאָענטסטן זונטיק (כדי ער זאָל זיין זיכער, אַז ער וועט אים טרעפן אין דער היים) האָט ער זיך גע־לאָזט צו אים גיין.

ער האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר. געוואַרט אַ ווײַלע — מען עפנט נישט. אין קיינער נישטאָ אין דער היים? ער האָט ווידער אַ קלונג געטון — ס׳האָבן זיך געהערט אייליקע טריט. די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳האָט זיך באַוויזן דאָס מיידל פון דעם יידן.

— צו וועמען?

די טיר אין גרויסן צימער איז געווען אָפן. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט אַ טאַנגאָ. אין צימער טאַנצן עטלעכע פּאָרלעך. איינער אַ בחור, מסתם דער, וואָס האָט ערשט געטאַנצט מיט דעם מיידל און דאָס קלינגען אין דער טיר האָט זי פון זיינע אָרעמס אַרויסגעריסן, שטייט ביי דער שוועל און קוקט מיט רוגזה אויפן גאַסט.

— צום מ׳סיע פּאַרבער — האָט דוד געענטפערט.

דאָס מיידל איז געוואָרן צעמישט. זי האָט אַ רוף געטון אין צווייטן צימער אַריין:

— מאַמע !

די מוטער האָט זיך באַוויזן. דוד זאָגט איר אויף יידיש :

— אַ גוטן אָוונט !

די פרוי קוקט אויף אים, ווי׳ל זיך דערמאָנען ווער ער איז. דוד העלפט איר אַרויס :

— דאָס בין איך... אייער מאַנס קרוב... אייער מאַן איז נישטאָ אין דער היים ?

די פרוי הייבט אָן צו כליפּען :

— נישטאָ... נישטאָ... ער לעבט נישט מער !...

דער ראַדיאָ אין גרויסן צימער הייבט אָן שפּילן אַ סאַמבאַ.

דאָס מיידל קוקט מיט אַנגסטיקע בליקן אויף דער מוטער. די פרוי זאָגט צו דודן :

— קומט, זייט מוחל, אַריין צו מיר.

ביי זיך אין צימער ווישט זיך די פרוי די טרערן פון די אויגן און דער־ציילט :

— מיין מאַן לעבט שוין נישט אַ האַלב יאָר. ער האָט געהאַט אַ שוואַך האַרץ. אַחוץ דעם, האָט אים, ווי איז מיר, זשאַקלין, דאָס מיידל אונדזערס, פאַרקירצט די יאָרן.

— וואָס איז דען מיט איר געשען ?

— פרעגט שוין בעסער נישט. זי האָט זיך אָפּגעזוכט עפּעס אַ בחור. איך ווייס ביז היינט נישט אַפילו פון וואָסער פאָלק ער איז. ער זאָגט, אַז ער איז אַ קינסטלער, נאָר דערווייל ווייסט ער נאָך נישט וואָס צו זיין — אַ מאָלער, צי אַן אַקטיאָר. ער רעדט שלעכט פראַנצויזיש. אַז דער טאַטע אירער פלעג אַמאָל מאַכן אַ גרייז ביים רעדן, פלעג זי פון אים חוזק מאַכן. אַז ד ע ר מאַכט אַ גרייז — קוועלט זי אָן. איצט זיצט זי דאָרט מיט אים און מיט זיינע חברים. איך פיל, אַז זי וויל, איך זאָל וואָס ווייניקער זיך ווייזן פאַר זיי. אפשר דערפאַר, ווייל זיי וועלן אויף מיר דערקענען, אַז איך בין אַ יידישע. איך פלעג מיטן מאַן זיך אַמאָל קריגן צוליב איר — בין איך דאָך אַ מאַמע, אָבער דאָס האַרץ טוט וויי !

דוד מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַוועקצוגיין. די פרוי זאָגט :

— מיין מאַן פלעג מיר יעדעס מאָל פרעגן אויף אייך, צי איר זענט אַהער געקומען, אָדער צי איך האָב אייך נישט ערגעץ באַגעגנט. מיינט נישט, אַז איצט, נאָך זיין טויט, זענט איר שוין פּטור. איר זענט איצט געבליבן דער איינציקער קרוב פון מיין מאַנס משפּחה.

דוד האָט זיך אָפּגעזעגנט. ביים אַרויסגיין האָט ער נאָך אַ קוק געטון צום צימער, וווּ דאָס מיידל מיט אירע חברים זיצן. די טיר איז געווען פאַר־

מאַכט. פון יענער זייט האָט זיך שוין מער נישט געהערט דאָס שפּילן פון ראַדיאָ.

— איך האָב זיי צעשטערט די שמחה — האָט ער געטראַכט.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פונעם שטאָק פּאַמעלעך, זיך צוהאַלטנדיק ביים פּאָרענטש, ווי ער וואָלט אויף זיך געטראָגן אַ שווערע לאַסט. ס'דריקט אים דער זכר פון ברודער, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון דער יידישער סביבה און זיך פאַרבונדן מיט אַ פרעמדער פרוי. וואָס האָט נאָך דערצו פון אים געוואָלט דער ייד, וואָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ קרוב צו זיין אומגליק? אפשר האָט נאָך דער ייד געספּקט אין דעם, צי ער איז אַ קרוב, אָבער זיין ווייב ספקט שוין נישט. זי נעמט אים איבער פון מאַן, ווי אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזט בירושה.

אינהאַלט:

גערסט פון שטעטל 7
אין פרעמדע הענט 24
כוח 40
גורל 49
מלבושים 106
טונקל 125
אַ ייד שטאַרבט 140
די אויסטערלישע געשיכטע פון חיים־חייקל די קאַץ . . . 148
צום ברעג 165
אַ קרוב 183

געזעצט: מרדכי הערשבוים

צוגעגרייט און געדרוקט: נפתלי מילנער